STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05257

SOTSYALOGISHE ETYUDN UN POLITISHE SKITSN

Beinish Mikhalevich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

און

ב. מיכאלעוויטש.

סאָציאָלאָגישע עטיודי
און פּאָליטישע, סקיצן.

№ 40

DRUK. SZ. SIKORA i I. MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

די מענטשלאַכע געזעלשאַפט און איר אנטוויקלונג.

די סאָציאַלע אָרדנונג.

די פראַגע וועגן אָרעם און רייך, וועגן אונטער־דריקער און אונטערדריקטע, וועגן צרות ביי איי־נע און גליק ביי אַנדערע, האָט נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן די מענטשהייט, זינט זי האָט דידאָזיקע היפוכים אין לעבן געטראָפן. די בעסטע דיינקער פון יעדן דור און תקופה האָבן אין זיי געזען אַ שרייענדיקן אומזין, וועלכער פאַסט לחלוטין נישט פאַר דער קרוין פון דער נאַטור—פאַר דעם מענטשן מיט זיין שכל. מענטשן, האָבן זיי געמיינט, באַדאַרפן נישט לעבן ווי חיות אין וואַלד, איין מענטש טאָר נישט זיין קיין בריק פאַר דעם צווייטנס גליק, אַלע מענטשן זיינען גלייך און מוזן גלייך פון לעבן געניסן.

יידישע נביאים, גריכישע פילאָזאָפן, געלערנטע אין סוף פון מיטלאַלטער, די אויפגעקלערטע פון דער נייער צייט האָבן זיך מיט דעמדאָזיקן פראָבלעם באַשעפטיקט און האָבן ליידנשאַפט־לאַך געזוכט די וועגן, וועלכע פירן צו אַ גלייכן און גליקלאַכן לעבן פון די מענטשן אויף דער ערד.

אויך די ליידנדיקע מאַסן גופא פלעגן פון צייט צו צייט זיך אויפהויבן געגן דעם שווערן לעבנסיאָך. דורך אויפשטאַנדן, מרידות און בונטן פלעגן זיי אויסדריקן זייער צאָרן געגן די עולות און אומרעכט פון לעבן, געגן זיין שווערן דרוק.

פאַר אַלעמען, סיי פאַר די יחידים—די דיינקער, סיי פאַר דעם אומצופרידענעם המון, פלעגט זיין קלאָר דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם שלעכטן גורל פון די יחידים מיט דעם גאַנצן סיס־טעם פון סאָציאַלן לעבן, מיט דער באַשטימטער סאָציאַלער אָרד־נונג. נישט די נאַטור פלעגן זיי באַשולדיקן אין דעם ביטערן מזל פון די ליידנדיקע, נישט אין אַן איבערמענטשלאַכער קראַפט האָבן זיי געזוכט די סיבה פון די מענטשלאַכע צרות, נאָר אין דער געזעלשאַפט גופא, אין די אופנים פון מענטשלאַכן צוזאַ־מענלעבן.

בפרט אין אונזער צייט געפינען זיך שוין ווייניק אַזעלכע תמימים, וועלכע זאָלן גלויבן, אַז זייער שלעכט לעבן נעמט זיך פון זייער מזל, וועלכער איז פאַר זיי אין הימל אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז זייערע צרות קומט זיי אַלס שטראָף פון אויבן. צו בולט און קלאָר טרעט שוין היינט אַרויס פאַר אַלעמען די שייכות צווישן דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון דער געזעלשאַפט מיט דעם עלנט פון איינציקן מענטשן, דער פאַרבאַנד פון יחיד—מיט דער סאָציאַלער אָרדנונג, אין וועלכער ער לעבט.

וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס די סאָציאַלע אָרדנונג, וועלכע האַלט די מענטשן אין שפאַן און פון וואַנען האָט זי זיך גענו־מען אויף דער וועלט?

דער מענטש לעבט אין צוויי וועלטן: אין דער וועלט פון דער אומענדלאַכער נאַטור, וועלכע ליגט אויסגעשפּרייט אַרום אים און וועמעס געזעצן ער מוז זיך אונטערוואַרפן, און אין אַ גע־קינצלטער, דורך אים אַליין געשאַפענער, סאָציאַלער וועלט. טאַקי די שוואַכקייט פון מענטשן לגבי דער נאַטור האָט אים געצוואונ־גען צו שאַפן די צווייטע וועלט, וועלכע גיט אים די מעגלאַכ־

קייט צו קעמפן מיט דער ערשטער, זי גובר צו זיין און איבער איר צו געוועלטיקן.

אום אויפצוהאַלטן זיין לעבן אויף דער ערד מוז דער מענטש, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אָרגאַנישע באַשעפענישן, אונטערהאַלטן זיין אָרגאַניזם, תּמיד אים ממלא זיין, אים שפּייזן און דערנערן. דאָס לעבן בכלל—דאָס איז דאָך אַ שטענדיקער פּראָצעס פון פערשוועדן און צוריקשטעלן דאָס גלייכגעוויכט, אַ מין שטענדיקע הוצאה און הכנסה פון דעם אָרגאַניזם גופא. דערדאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר אין דער גאַנצער נאַטור און דערום פירן פאַרשידענע אָרגאַניזמען אַן אייביקן קאַמף צווישן זיך פאַר זייער קיום. דער מענטש פירט אויך דעם קאַמף מיט דער נאַטור: פון איר קען ער באַקומען די נויטיקע שפּייז פאַר זיין גוף, געגן אירע פיינטלאַכע כּחות מוז ער זיך באַשיצן.

דער מענטש איז אָבער אַ געזעלשאַפטלאַכע חיה—דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דער מענטש קען מיט פּעולה די נאַטור אויסנוצן פאַר זיינע צוועקן, זי גובר זיין מיט אירע סבּות און פיינטלאַכע כּחות, נאָר צוזאַמען מיט מיט-מענטשן, אין אַ חברה פון אַ סך יחידים, אין אַ מענטשלאַכן קבוץ. די געזעלשאַפטלאַכע אַרבייט, אָדער ווי מען רופט דאָס איצט די פּראָדוקציע, דאָס איז דער מקור און בראשית פון סאָציאַלן לעבן אויף דער וועלט.

לכתחילה איז די אַרבעט נאָך אַ גאַנץ פּרימיטיווע, גאָר אַ פּשוטע: מען קלייבט צונויף די פּירות, מען גייט צוזאַמען פיש כאַפּן, מען יאָגט זיך נאָך די חיות. אָבער דעם מענטשן צוהילף קומט דאָס געוועקצייג. שטיינער, פייער, בראָנז און אייזן ווערן פון מענטשן אַנטדעקט און אויסגענוצט צו דער אַרבעט, ער שאַפט פון זיי אינסטרומענטן, וועלכע פאַרשפּאָרן אים ענערגיע, מאַכן אים לייכטער דעם קאַמף מיט דער נאַטור און גיבן אים די מעגלאַכקייט איבערצוגיין צו העכערע פאָרמען פון אַרבעט.

דורך געוועקצייג שאַפט זיך דער מענטש נייע געקינצלטע אָרגאַנען. ווען דער מענטש וואָלט געוועזן באַהאנגען מיט אַזויפיל נאַטירלאַכע אָרגאַנען פאַר יעדער אַרבעטס-

פונקציע באַזונדער, וואָלט ער זיין עפּיס אַ מין פאַרזועהעניש, באַוואַקסן מיט טויזנטער פינגער און הענט פון קאָפּ ביז די פיס. איצט אָבער באַקומט דער מענטש באַוועגלאַכע אברים, וועלכע ווערן באַנוצט נאָר פאַר אַ באַשטימטער אַרבעט און ווערן נאָכדעם אַוועקגעלייגט אין אַ זייט. דער מענטש באַקומט אויבער-אָרגאַנען, וועלכע פאַרגרעסערן זיין מאַכט נישט אָפּצושאַצן.

דער מענטש איז אַ חיה, וועלכע באַנוצט און פּראָדוצירט געווערקצייג. ווירקלאַך, פון דעם מאָמענט אָן, ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן שאַפן די פּראָדוקציע-געצייג, האָבן זיי זיך שוין אָפּגעריסן פון פּשוטן חיהלעבן און איבערגעגאַנגען אין אַ העכערער מדרגה פון אַ מענטשלאַכער געזעלשאַפט מיט אַ שטענדיקער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס. דער מענטש איז שוין נישט תמיד און אינגאַנצן אָפּהייננגיק פון צופאַל, ער ברויכט שוין נישט צו פאַרשווענדן זיין גאַנצע צייט נאָר אויף צו געפינען אַ ביסל קערנדלאַך, אָדער יאָגן זיך נאָך אַ חיה; ער קאָן שוין די נאַטור באַאַרבעטן: אַרויסבאַקומען אירע פאַרבאַהאַלטענע אוצרות, איבעראַרבעטן זיי לויט זיינע באַדערפנישן.

ער פאַרמאָגט שוין מער, וויפל ער באַדאַרף צו האָבן דירעקט פאַר היינטיקן טאָג. זיינע באַדערפנישן שטייגן, ער זוכט זיך אַלץ נייע פלעצער, זיינע השגות און באַגריפן ווערן ברייטער, ער באַקאַנט זיך מיט נייע ערטער, מיט נייע מענטשן; מען הויבט אָן זיך צו טוישן מיט די פאַרשידענע פּראָדוקטן,—דאָס לעבן ווערט קאָמפּליצירטער, די געזעלשאַפט ווערט גרעסער, זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַן איינגער אָרגאַניזאַציע און די שייכות צווישן די יחידים אין איר ווערן אַלץ פאַרפלאָנטערטער.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון פּראָדוקציע ברייגנט צו אַ צוטיילונג פון דער אַרבעט אין דער געזעלשאַפט, צו אַ צושפּאַלטונג אויף פאַרשידענע גרופּעס מיט באַזונדערע באַשעפטיקונגען. די גאַנצע מענטשלאַכע חברה טוט שוין נישט איין און דיזעלבע אַרבעט, פּראָדוצירט שוין נישט איין און דעמזעלבן פּראָדוקט, נאָר פאַרשידענע גרופּן פּראָדוצירן באַזונדער און טוישן זיך איינע מיט די אַנדערע.

די פאַרטיילונג קומט שוין אויך נישט פאָר גלייך פאַר אַלעמען, נאָר יעדע גרופע שטרעבט צו באַקומען אַ גרעסערן חלק. די גלייכהייט אין דער געזעלשאַפט פאַרשווינדט, און מיט איר צוזאַמען ווערט אויך דער שלום געריבט. צווישן גרופן און יחידים צופלאַקערט זיך אַ ביטערער קאַמף. די געגנזייטיקע באַציונגען מוזן שוין פעסטגעשטעלט ווערן דורך געזעצן, די פריווילעגירטע גרופן נוצן אויס די פאַרעלטערטע השגות און די פריערדיקע דערפאַרונג, כדי זייער ממשלה צו פאַרפעסטיקן. ס'שאַפן זיך פאָליטישע אינסטיטוציעס, וועלכע באַדאַרפן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג פאַרהיטן. ס'ווערט אויסגעשטריקט אַ פאַרפלאָנטערטע נעץ פון מענטשלאכע באַציונגען, ס'בויט זיך אויס אַן אייזערנע וואַנט פון סאָציאַלערווירקלאַכקייט, געגן וועלכער ס'העלפט נישט קיין מורמלען און טענות פונם יחיד,—אַ וואַנט, אָן וועלכע פיל שטויסן זיך אָן און קיין איינער קען זי נישט אַריבערשפרינגען.

די פאַרשידענע סאָציאַלע פאָרמאַציעס.

אַזוי ווי די נאַטור, אין וועלכער דער מענטש לעבט, איז נישט קיין פאַרגליווערטע, זי האַלט זיך שטענדיק אין ענדערן, ס'קומט אין איר פאָר אַ פראָצעס פון אומאויפהערלאַכער אַנטוויקלונג, פון שטענדיקע שינוים—אַזוי איז אויך די סאָציאַלע וועלט, וועלכע דער מענטש האָט געשאַפן. זי בלייבט נישט ליגן פאַרגליווערט פון ששת ימי בראשית. נאָר מיט איין חלוק: אין דער נאַטור קומט פאָר דערדאָזיקער פראָצעס לאַנגזאַם, אומבאַמערקבאַר פאַר די אויגן פון מענטשן. ס'באַדאַרפן פאַרבייגיין טויזנטער און צענדליק-טויזנטער יאָרן, ביז מיר זעען דעם פאַרטיקן שינוי פון דער אייביקער אַנטוויקלונג. אין דער סאָציאַלער וועלט אָבער גייט דערדאָזיקער פראָצעס פיל שנעלער, די פאַרשידענע סאָציאַלע שינוים קומען פאָר אין דער מענטשלאַכער געשיכטע גאַנץ אָפט און פאַר אַלעמען אָפן און קלאָר. ס'איז אַן אייביק קאָכנדיקער קעסל, אין וועלכן ס'מישן זיך אויס פאַרשידענע שיקזאַלס, ס'קאָכן זיך איבער פאַרשידענע אינטערעסן, גאַנצע וועלטן ווערן דאָרט צוגעגרייט און ברענען זיך איבער און נייע קומען אויף און

פאַרשווינדן. דעם אייביקן פייער פון דעמדאָזיקן קעסל האַלט אונטער די געזעלשאַפטלאַכע מענטשלאַכע פראָדוקציע.

אָבער אַ געוויסע סאָציאַלע אָרדנונג באַוויזט זיך נישט פלוצלונג און פאַרשווינדט אויך נישט מיט אַמאָל. אין יעדער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג פאַרבלייבן נאָך גענוג עלעמענטן פון דער פריערדיקער. יעדע נייע אָרדנונג שטיצט זיך אויפן פונדאַמענט פון דעם צוגעגרייטן מאַטעריאַל און אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט איז פאַראַן גענוג שטאָף אויך פאַר דער קומענדיקער געזעלשאַפט, וועלכע וועט פערנעמען איר אָרט. ס׳ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן אויף דער ערד, נאָך פון די אוראַלטע צייטן ביז היינטיקן טאָג, פאַרבונדן אויך מיט דער קומענדיקער וועלט. דאָס מאַכט מעגלאַך דעם מענטשלאַכן פראָגרעס, די מענטשלאַכע אַנטוויקלונג, דעם איבערגאַנג צו אַלץ העכערע לעבנספאָרמען, צו אַלץ אַ גרעסערע ממשלה פון מענטשלאַכן כלל איבער דער נאַטור.

א. דער אוראַלטער קאָמוניזם.

פרימיטיוו און איינפאַך, ווי די נאַטור אַליין, זיינען די ערשטע פאָרמען פון מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן אויף דער ערד. אַ פולקאָמע גלייכהייט הערשט אין דער געזעלשאַפט. דידאָזיקע סאָציאַלע שטופע האָבן דורכגעמאַכט אַלע פעלקער אין דער גאַנצער וועלט ביי דער ערשטער צייט פון זייער אויפקומען. דאָס זיינען די נאַאיווע קינדעריאָרן פון דער מענטשהייט. נישט צוליבן יושר און שכל האָבן מענטשן אויסגעאַרבעט ביי זיך אַזעלכע סאָלידאַרע באַציונגען. גורם געווען האָט דערצו זייער דעמאָלטיקע פראָדוקציע: פירות קלייבן, פיש פאַנגען און געיעג אויף חיות. דער פראָדוקציע-פראָצעס איז פאָרגעקומען און האָט נישט געקענט אַנדערש פאָרקומען נאָר מיט געמיינזאַמע כחות. עס איז דאָרום אוממעגלאַך געווען אויסצוטיילן די אַרבעט פון יעדן יחיד און זיין ראָליע אין דער פראָדוקציע און במילא איז די פאַרטיילונג פון די געשאַפענע פראָדוקטן געווען אַ בשותפותדיקע, אַ ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע.

די פּראָדוקציע-מיטלען: געווער און געצייג האָבן נישט געטאָרט געהערן צו איין פּערזאָן און זיי זיינען געווען אַ פּאַר-מעגן פון גאַנצן קבוץ. קיין פּריוואַט־אייגנטום האָט נאָך בכלל נישט געקענט זיין בנמצא.

דאָס לעבן איז נאָך דעמאָלט געווען זייער אָרעם, די גאַנ-צע צייט פאַרשווענדט דער מענטש בלויז דערויף, צו ברייגען שפּייז אויף אונטערצוהאַלטן זיינע כחות.

די אַלע נאַטורדערשיינונגען האָט ער אויפגעפאַסט ווי לעבעדיקע, אים פיינטלאַכע אָדער גינציקע קרעפטן. די פּערזאָן, דער יחיד איז געווען אינגאַנצן בטל, פשוט פאַרטרונקען אין דעם כלל און האָט נישט געהאַט קיין שום ממשות אויסער אים. דער קבוץ איז באַגרענצט מיט אַ באַשטימטן אָרט, מיט אַ געוויסן שטח און ענדיקט זיך מיט די גרענעצען פון איין בלוט-פאַרוואַנ-דעטער משפּחה. די איבעריקע מענטשלאַכע באַשעפענישן, אויסער דעמדאָזיקן קבוץ, אָדער אַנדערע קבוצים ווערן באַטראַכט צוגלייך מיט דער גאַנצער אויסערלאַכער נאַטור, ווי אַ פיינטלאַכע מאַכט, וועלכע דאַרף באַקעמפט ווערן. קיין שום פרידלאַכער טויש-פאַר-קער מיט אַנדערע מענטשלאַכע גרופּן קומט נאָך נישט פאָר. דער סאָציאַלער פאַרבאַנד האַלט זיך נאָר אויף בלוט-פאַרוואַנדשאַפט, קיין שום עקספּלאָטאַציע אינעווייניק, קיין שום באַציונגען מיט דרויסען.

דער פּאַטריאַר־כאַלער פּעריאָד פֿון קאָמוניזם.

די גלייכהייט און געמיינשאַפט באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ, ווען מענטשן גייען איבער צו העכערע פּראָדוקציע-פאָרמען — צו פיצוכט און ערדאַר-בעט. דידאָזיקע פּראָדוקציע שאַפט זיי שוין מער, ווי זיי באַדאַרפן האָבן אויף צו באַפרידיקן זייערע טאָגבאַדערפ-נישן, עס באַקומט זיך שוין אַן עודף—אַן איבערפלוס. קלענערע קבוצים טרעטן אַריין אין אייגערע באַציונגען צווישן זיך: מען טוישט זיך שוין מיט פאַרשידענע חפצים, און מען הויבט זיך אָן מתחתן צו זיין צווישן זיך. דער וואַנדרונגספלאַץ ווערט פאַר-ברייטערט, די קליינע בלוטפאַרוואַנדעטע משפּחות גיסן זיך צו-זאַמען און ס'בילדן זיך אויס גרויסע שבטים—שטאַמען.

„פרעמד“ מענטשנפלייש שמעקט שוין נישט אַזוי ווי פריער. מ׳געפינט שוין אַ בעסערן טעם אין זיינע לעבעדיקע כחות און, אַנשטאָט אַ מאכל צו דער בשותפותדיקער סעודה, ווערט דער געפאַנגענער אַריינגענומען אין שבט, אַלס שקלאַף.

דאָס לעבן ווערט שוין פאַרוויקלטער. מען נויטיקט זיך שוין אין אַן אָרגאַניזאַטאָר, אין אַ מנהיג, וועלכער זאָל איינאָרדנען די ענינים פון שבט אינעווייניק און אים פאַרטרעטן פאַר דרויסן אין באַציונגען מיט אַנדערע שבטים. ביי דעם איבערגאַנג צו ערדאַרבעט טיילן זיך פון שבט אויך אויס באַזונדערע פאַמיליעס, וועלכע פירן זייערווירטשאַפט אָפּגעזונדערט און באַקומען אַ באַזונדער חלק. ביים פאַנאַנדערטיילן דעם רויב, ווי אויך ביי איינעמען נייע ערד באַקומען די עלטסטע מיט זייערע פאַמיליעס שוין אַ גרעסערן חלק. די פריערדיקע מנהגים ווערן איבערגעאַרבעט אין נאָרמעס, אין תקנות, ביי וועלכע די מענטשלאַכע געזעלשאַפט דאַרף זיך האַלטן. כדי צו פאַרהיטן די־דאָזיקע תקנות, זיי אויסצוטייטשן, זיין די פאַרמיטלער צווישן מענטשן און די דורך אים געשאַפענע גייסטער-וועלט, טיילן זיך אויס באַזונדערע גרופן—כהנים, פריסטער, גייסטלאַכע.

די געזעלשאַפט איז שוין צושפּאָלטן אויף פאַרשידענע טיילן מיט באַזונדערע אינטערעסן. אַ גרויסע ראָליע אין דער־דאָזיקער צושפּאַלטונג שפּילט אויך דאָס אַריינפירן געפאַנגענע—שקלאַפן. עס שאַפט זיך, פּריוואַטאייגנטום אויף פאַרברויכמיטלען, נאָכדעם אויך אויף דער ערד, וועלכע ווערט אויסגעטיילט אויף אַ צייט פאַר יעדע פאַמיליע באַזונדער. די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט אינדיווידואַליזירט זיך, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געזעלשאַפט פון יחידים מיט זייערע פאַמיליעס, מיט אַ באַזונדער ווירטשאַפט.

שקלאַפעריי.

די אָרגאַניזאַטאָרישע מאַכט, וועלכע האָט זיך לכתחילה אויסגעטיילט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט און איז געווען פאַר איר נויטיק און נוצלאַך, האָט אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג געשפּאָלטן די איינקייט פון דער געזעלשאַפט. די הויפּטפּראָדוקציע איז געוואָרן די מלחמה.

זי האָט מיט אַמאָל רייך געמאַכט די פירער פון שבט, זי האָט אַריינגעבראַכט פיל ערד און אַנדערע רויב. מען האָט שוין אויך נישט באַדאַרפט אַליין פאַרשווענדן די כחות, כדי די ערד צו באַאַרבעטן — אויף דעם האָט מען שוין פאַרברויכט אָנפאַנגס די געפאַנגענע און שפּעטער אויך די מיטגלידער פון אייגענעם שבט, וועמענס קרובהשאַפט מיט די פירער איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

דער שקלאַף איז אַ מענטש אָן אייגענעם ווילן, אָן פאַרמעגן און אייגנס. ער מיט זיינע אַלע אָנגעהעריקע געהערן אין גאַנצן דעם האַר, וועלכער האָט רעכט צו טאָן מיט זיי, וואָס זיין האַרץ גלוסט. דער מענטש ווערט שוין פשוט אַ ווערקצייג ביי דעם צווייטן מענטשן, און ווערט דורך אים באַנוצט אויף צו שאַפן אַלץ, וואָס נויטיק איז.

אָנפאַנג האָט דאָס סיסטעם פון שקלאַפן-ווירטשאַפט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע פּראָדוקטיווע ראָלע אין דער געזעלשאַפט. די שקלאַפן זיינען אימשטאַנד צו שאַפן פיל מער, וויפל די געזעלשאַפט באַדאַרף האָבן אוממיטלבאַר צו באַפרידיקן די באַדערפנישן. אַלס פרעמדע פון אַנדערע ערטער, ברייגנען זיי מיט זיך זייער געניטשאַפט און מלאכות, וועלכע די מענטשן פון דעם אָרט האָבן נישט געוואוסט. די מלוכה און טעכניק אַנטוויקלט זיך אָן אַ לעבעדיקן פאַרקער מיט אַנדערע געגנטן און לענדער; פון דאָרטן ברייגנט מען אַזעלכע חפצים, וועלכע דאָס לאַנד האָט נישט ביי זיך: פאַרשידענע מעטאַלן, לוקסוסזאַכן און אַנדערע זעלטענע געגנשטאַנדן. די באַדערפנישן פון מענטשן פאַרמערן זיך און ווערן אַנטוויקלטער. עס זאַמלט זיך אָן גרויסע רייכקייט, ס׳שאַפן זיך פאַרגניגנס-מעגלאַכקייטן, — אַ לעבן אָן אַרבעט און זאָרג.

אָבער דאָס קומט פאָר אויפן חשבון פון הונדערטער, טויזנטער מענטשן, וועלכע ווערן דערפירט צו אַ מדרגה פון איינפאַכע חיות, וועלכע מוזן גיין אין שפּאַן און אַרבעטן אונטערן שטעקן און בייטש. אויף דעמדאָזיקן סיסטעם שאַפן זיך גאַנצע מלוכות — די אַזוי גערופענע אַלטע וועלט: די אַזיאַטישע דעספּאָטן, די גריכישע רעפּובליקן און די גרויסע רוימישע אימפּעריע.

דער מענטש ווערט אויך אַ סחורה, מיט וועלכע מען האַנדלט, מען פירט אים איבער פונם אָרט, וואו ער איז דאָ צופיל אין די ערטער, וואו ער פעלט אויס, די אַרבעט ווערט שוין אַ נידריקע זאַך פאַרן פרייען מענטשן—ער איז נאָר אַ קריגסמאַן, אַ זעלנער און באַזאָרגט די מלוכה מיט נייע שקלאַפן און נייע ערד.

ביי אַזאַ סיסטעם איז נויטיק געווען אַ גרויסע, שטאַרקע מיליטעראָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל פאַרהיטן די געבענטשטע אָרדנונג אין לאַנד און באַרייכערן אים מיט נייע פעלדער. די פרייע פויערים פלעגן טאַקי בילדן דעם קערן פון דער רוימישער מיליטעראָרגאַניזאַציע, האָפנדיק צו באַקומען נאָך נייע ערד. די ליידיקע שקלאַפנבאַזיצער פלעגן זיין די אָנפירער און עלטסטע אין דעמדאָזיקן חיל. די רוימישע מלוכה איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער וועלטאימפעריע, וועלכע האָט אונטערגעוואָרפן אונטער איר ממשלה פעלקער און לענדער.

אָבער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג איז זיך נוקם אָן דעם ניי-געשאַפענעם סיסטעם. די פרייע אַרבעטנדיקע עלעמענטן קענען נישט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון דער שקלאַפנאַרבעט אין דאָרף, זיי פאַרלאָזן זייערע נחלאות, וועלכע גייען איבער צו די שקלאַפנבאַזיצער. עס שאַפן זיך גרויסע גיטער מיט שקלאַפנאַרבעט. די ערדלאָזע פויערים זאַמלען זיך אין די שטעט, בילדן מיט זיך דעם אַזויגערופענעם **פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט**, וועלכער לעבט נאָר אויפן חשבון פון מלוכה.

די אַרבעט פון די שקלאַפן הערט אויף צו זיין פּראָדוקטיוו, זייערע כּחות שעפּן זיך אויס, די בעלעבאַטים קימערן זיך ווייניק וועגן דעם קיום פון זייערע שקלאַפן. דערדאָזיקער מין פעלט נישט אויס: מען באַקומט אים נאָך יעדער זיגרייכער מלחמה אין אַ גענוגלאַכער צאָל. דער פּראָגרעס פון דער אַרבעט און טעכניק ווערט אָפּגעשטעלט, די שקלאַפנבאַזיצער זאָרגן ווייניק וועגן דעם. זיי פירן אַן אויסגעלאַסענעם לעבן פון פאַרגעניגן און יום-טובים און פאַרוואַנדלען זיך אויך אין אַ פּאַראַזיטישן עלעמענט. די לאַגע פון די שקלאַפן ווערט אַלץ ערגער. ס׳ברעכן אויס אָפּט מרידות און בונטן, וועלכע ווערן אויף אַן אכזריותדיקן אופן

דערשטיקט דורך די הערשער.

דער חיל, וועלכער פאַרלירט זיין קערן—דעם פרייען פויער-טום, האָט שוין נישט אין זיך די פריערדיקע גבורה און קען שוין נישט ווידערשטיין געגן די יונגע באַרבאַרישע פעלקער, וועלכע ווילן זיך נישט אונטערוואַרפן דעם יאָך פון דער רוימי-שער מלוכה. אין דעם מיליטער ווערט אַריינגעפירט אַ נייער עלע-מענט—געדונגענע פרעמדע חילות, וועלכע דאַרפן זיך שלאָגן פאַר דער רוימישער מלוכה. ס'בלייבן ליידיק אויף גאַנצע שטיקער ערד, וועלכע מען גיט אָפּ אויף פאַכט די אויפגעקומענע באַר-באַרן. אַזוי רייסן זיך אַריין אין דער מעכטיקער רוימישער מלוכה פרישע נייע כחות און גראָבן אונטער איר יסוד, ביז זי ענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. די יונגע באַרבאַרן זיינען זי אינגאַנצן מנצח (אין סוף פון 5-טן יאָרהונדערט) און די אַלטע וועלט, צעריסן פון אירע אינערלאַכע סתירות, גייט אינגאַנצן אונטער.

דער פעאָדאַליזם.

מנצח געווען די אַלטע וועלט פון שקלאַפעריי, האָבן די יונגע פעלקער פון אייראָפע געפירט זייער ווירטשאַפט לויט די אַלטע יסודות פון דער פריערדיקער פאַטריאַרכאַלער געזעלשאַפט. די ערדצוטיילונג איז פאָרגעקומען לויט מיליטערישע טעמים. די מענטשן זיינען אָנ-פאַנגס צוטיילט אין מיליטעראָפטיילונגען, וועלכע באַאַרבעטן אין דער רו-צייט זייער ערד בשותפות, דערביי בייט מען זיך נאָך מיט דער ערד אַלע יאָר. שפעטער אָבער, ווען די מענטשן האָבן זיך שוין באַזעצט פעסט אויף דער ערד, ווערן דידאָזיקע מילי-טעראָפטיילונגען פאַרוואַנדלט אין ריינע ווירטשאַפטלאַכע פאַר-באַנדן. ס'בילדן זיך אויס באַזונדערע ישובים, צוטיילט אין גע-מיינדעס, דערפער און קאָמונעס. דער בשותפותדיקער ערדפאַר-מעגן ווערט שוין דערביי צעטיילט אויף אייניקע טיילן: פאַשע און וואַלד—דאָס געהערט דער גאַנצער געמיינדע, דאָס קען אויף שטיקלעך נישט צעטיילט ווערן: די ערד אָבער אויף צו באַאַר-בעטן ווערט שוין צעטיילט צווישן באַזונדערע פאַמיליעס, וועלכע רעכענען די ערד פאַר זייער פריוואַטאייגנטום. מיט די ענינים פון דער געמיינדע אינעווייניק פאַרוואַלטעט אַ זקנים-ראַט, פאַר

אַנדערע מער ווילטיקערע זאַכן, באַזונדערס אין מלחמה-צייט, קלייבט אויס די געמיינדע אויף אַ צייט אַ פירער, אַ סעניאָר; די געמיינדעסעניאָרען קלויבן אויס פון זיך אַ געמיינזאַמען סעניאָר, אַ קעניג.

ביים טיילן דעם רויב באַקומען די סעניאָרן אַ גרעסערן חלק ווי די איבעריקע, אין זייערע הענט קלויבט זיך אָן אַלץ מער ערד און די איינהייטלאַכע געמיינדע צופאַלט זיך שוין— אויף אַ גרויסן גרונטבאַזיץ, וועלכער געפינט זיך ביים סעניאָר, ביים פרץ און קליינע נחלאות פון דער געמיינדע.

דער סעניאָר ווערט שוין דער פאַקטישער הערשער אין זיין געמיינדע. ער בויט אויס שלעסער, וואו די פויערים קענען זיך פאַרבאַהאַלטן אין מלחמה-צייט, ער דאַרף זאָרגן וועגן בריקן, וועגן און אַנדערע באַקוועמלאַכקייטן פון זיין געמיינדע. דאָס טוט ער נישט, פאַרשטייט זיך, פון מצוה-וועגן: די געמיינדע דאַרף אים צאָלן דערפאַר מיט איר אַרבעט, אָדער זי קען געבן פאַר דעם אויסקויפגעלט. קיין שטעט זיינען נאָך אָנפאַנג מיטל-אַלטער נישט געווען, אויסער די-יעניקע שטעט, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין איטאַליע פון דער צייט פון דער רוימישער אימ-פעריע. זיי שפּילן טאַקי אַ גרויסע ראָליע אין האַנדל פון יענער צייט.

בכלל האָט זיך דאָך די אַרבעטסצעטיילונג נישט שטאַרק אַנטוויקלט. מענטשן טוען נאָך אַליין אַלץ, וואָס זיי ברויכן פאַר זייערע באַדערפנישן. דער פויער וועבט נאָך און שפינט אַליין, נייט זיך מלבושים און שיך.

אָבער ביסלאַכוויז הויבן זיך אָן אויסצעטיילן פאַרשידענע בעלי-מלאכות: אָנפאַנגס שמידן און מילנער, שפּעטער אויך אַנ-דערע. זיי אַרבעטן אויפן פּריץ און אין דער ליידיקער צייט נע-מען זיי אָן באַשטעלונגען ביי דעם קונד. זיי לוינט גיכער געבן דעם פּריץ אויסקויפגעלד און באַשעפטיקן זיך מיט זייער מלאכה.

ס'בילדן זיך אויס גרופן, וועלכע באַשעפטיקן זיך ספּעציעל מיטן ברייינגען סחורות פון אַנדערע לענדער—מיטן האַנדל.

די אַלע באַזעצן זיך אויסער דער נחלה פון פּרץ אין באַ-

זונדערע באַפּעסטיקטע פונקטן—„בורגען". אָנפאַנגס פירן זיי אַ קאַמף מיט די סעניאָרן פאַר זייער פרייער עקזיסטענץ, די פּריצים ווילן זיי אונטערוואַרפן זייער ממשלה; ביסלאַכווייז דערשלאָגן זיי זיך געוויסע פרייהייטן און ס'שאַפן זיך נייע צענטרען—גרויסע שטעט מיט אַ פרייער האַנדלס-און האַנדווערקער-באַפעל-קערונג.

אַהין לויפן אויך זייער אָפט די פּויערים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פילן דעם דרוק פון זייער באַזאָרגער—דעם סעניאָר. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון האַנדל וואַקסן אויך די באַ-דערפנישן פון סעניאָר, ס'באַקומען זיך אַלץ נייע חפצים פון יענער זייט ים, וועגן וועלכע מען האָט פריער גאָר קיין השגה נישט געהאַט. מען דאַרף שוין האָבן דערצו געלט און אַ סך געלט, דאָס דאַרף ווערן אויסגעפּרעסט פון די געמיינדעס. די מענטשן ווערן צוגעבונדן צו דער ערד, האָבן קיין רעכט נישט זי צו פאַרלאָזן. דעם פּריץ געהערט די ערד—במילא איז ער שוין אַ באַלעבאָס איבער די מענטשן אויך—זיי ווערן שוין זיין לייב-אייגנטום.

דער גרעסטער פּריץ אין לאַנד—דער קעניג, וועלכער ווערט אין יעדער מלחמה אַלץ רייכער מיט ערדנחלאות, שיינקט דאָס אַוועק זיינע מקורבים—די קלענערע פּריצים (וואַסאַלען), וועלכע זיינען זיך דערפאַר מתחייב צו העלפן אים אין מלחמה-צייט מיט זייער חיל. די גרעסערע וואַסאַלען ווידער גיבן אָפּ די ערד קלע-נערע פּריצים—און זיי אַלע צוזאַמען האַלטן זיך אויף דער פּראַ-צע פון פּויער.

צו זיי קומט נאָך צו אַ שותף—די קאַטוילישע קירכע.

די פעאָדאַלן, זייענדיק הויפּטזעכלאַך מיליטערפירער, האָבן נישט געקאָנט באַזאָרגן אַלע סאָציאַלע פונקציעס, אין וועלכע דער מענטשלאַכער קבוץ האָט זיך גענויטיקט; העלפן די אָרימע אין אַ נויט, אַרומגיין אַרום קראַנקע, אויסהאַלטן די אַרבעטס-אומפעהיקע, דאָס האָט גענומען אויף זיך די קירכע. זי האָט מיט זיך דערגענצט די פּריצישע ווירטשאַפט און איז אויך געוואָרן אַ גרויסע מאַכט אין דער פעאָדאַלער מלוכה. פאַקטיש זיינען אויך

ביי איר אין האַנט געלעגן גרויסע מאַיאָנטקעס, גיטער און נחלאות, וועלכע זי פלעגט באַקומען במתנה פון די פרומע פירשטן און פלעגט דאָס באַאַרבעטן אויך לויט דעמזעלבן פעאָדאַלנסיסטעם, ווי די וועלטלאַכע פריצים.

אין דעם פעאָדאַלנסיסטעם באַגעגנען מיר שוין אייניקע מענטשלאַכע גרופן: פּולקאָמע שקלאַפן, וועלכע אַרבעטן אין הויף פון די פריצים און זיי רעכענען זיך פאַר זייערע הויף-דינער און משרתים; פויערים, וועלכע דאַרפן אָפּגעבן דעם פּרץ אַ טייל פון זייער אַרבעט, אָדער אַ טייל פון זייערע הכנסות; פרייע האַנטווערקער, וועלכע אַרבעטן שוין אויף באַשטעלונגען פון פּערזענלאַכן קונד, אָדער ברייינגען זייערע סחורות אויף אַ באַשטימטן מאַרק און פאַרקויפן זיי. דערביי באַקומען זיי דעם גאַנצן פאַרדינסט פון זייער אַרבעט, און די אַרבעטסמיטלען — די שטאָף און וערקצייג—געפינען זיך אין זייער אייגענער רשות. דער לערניינגל און פועל אַרבעטן ביי זיי נאָר אַ געוויסע צייט, ביז זיי לערנען זיך אויס די אַלע מאַניפּולאַציעס און סודות פון דער מלאכה. שפּעטער ווערן זיי אַליין זעלבשטענדיקע מייסטערס.

די מלאכה איז באַשריינקט מיט שטרייינגע תקנות און איינגעשלאָסן אין באַשטימטע גרופן—צעכן. נישט יעדער קען טאָן דאָס, וואָס ער וויל און אויסאַרבעטן ווי ער וויל. אויף דעם אַלעם עקזיסטירן געוויסע כללים און נאָרמען, וועלכע מען מוז זיך אונטערוואַרפן. די מלאכה באַזאָרגט דעם מענטשן מיט פּרנסה, אויב נאָר מיט אים טרעפט זיך נישט קיין אומגליק.

ווייטער גייען סוחרים און הענדלער, וועלכע פאַרנעמען שוין אַ העכערן אָרט אין דער געזעלשאַפט מיט זייער רייכקייט, וועלכע זיי ברייינגען אַריין אין לאַנד און איבער זיי אַלע שטייט דער סעניאָר, דער פעאָדאַל, דער פירשט, וועלכער איז דער פּאַקטישער באַלעבאָס איבער דער ערד און במילא אויך דער הערשער און מושל איבער זיין לאַנד.

דאָס אויפֿקומען פֿון קאַפּיטאַליזם.

שוין פֿאַר דער צייט פֿון פֿעאָדאַליזם, ווי מיר האָבן געזען, זיינען אויפֿגעקומען פֿרייע גרופּן — בעלי־מלאכות און סוחרים, וועלכע האָבן מיט זייער ווירטשאַפֿט אונטערגעגראָבן די יסודות פֿון באַשריינקטן, באַגרענצטן לעבן פֿון מיטלאַלטער. כּל־זמן די ווירטשאַפֿט באַגרענצט זיך מיט דער אייגענער אויסאַרבעטונג פֿון אַלץ, וואָס דער מענטש ברויכט צו האָבן, איז די ווירטשאַפֿט במילא אַ באַשריינקטע, אַ נאַטוראַל־ווירטשאַפֿט. די באַדערפֿנישן פֿון מענטשן האָבן זיך געענדיקט, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן זאַט און באַקליידט. די עקספּלאָאַטאַציע פֿון פּויער האָט זיך געמאָסטן מיטן גרויס פֿון זיין מאָגן, פֿון אַנדערע זאַכן. אויסער דאָס, וואָס דער פּויער באַקומט פֿון זיין ערד און פֿי, האָט דער פּריץ נישט געוואוסט און האָט נישט געקענט באַקומען.

גאָר אַן אַנדער בילד באַקומט זיך, ווען דער טוישפּאַרקער (האַנדל) אַנטוויקלט זיך, בעת מען גייט איבער צו אַ געלט־ווירטשאַפֿט.

מען דערגייט פֿון אַזעלכע זאַכן, פֿון וועלכע מען האָט פֿריער גאָר נישט געחלומט. פֿאַר געלט קען מען איצט באַקומען פֿיל לוקסוסזאַכן, וועלכע שאַפֿן פֿאַרגניגן און באַפּוצן דאָס לעבן. וואָס מער געלט, אַלץ מער תּענוגים. דער דורשט צו דער דאָזיקער סחורה (געלט איז דאָך אויך מער נישט ווי דער פֿאַרמיטלער צווישן פֿאַרשידענע סחורות) האָט שוין קיין גרענעץ נישט, וואָס מער מ'האָט זי, אַלץ מער ווילט זיך האָבן נאָך, און דאָס באַדאַרף מען אויספּרעסן פֿון דער ערד און פֿון דער פּויערשער בראַצע.

די סעניאָרן יאָגן זיך נאָך פֿאַרגניגן, נאָך לוקסוס און די סוחרים באַמיען זיך וואָס מער דידאָזיקע נאָכפֿראַגע צו באַפֿרידיקן. זיי פֿאַרבינדן אַלץ אַ גרעסערן פּאַרקער מיט נייע לענדער. פּאָרטוגאַל, שפּאַניע, האָלאַנד בויען גרויסע האַנדלסשיפֿן, לאָזן זיך צו די אַפֿריקאַנישע ברעגעס, פֿירן אַהין זייערע סחורות, פֿאַרשקלאַפֿן די דאָרטיקע ווילדע מענטשן, פֿאַרשווינדלען און פֿאַרנאַרן זיי און באַרייכערן דערוויל זייערע לענדער. ס'ווער־

אַנטדעקט גאָר אַ נייער ערדטייל–אַמעריקא מיט גרויסע עשירות און פיל אוצרות. די האָלענדער דערגייען אַ נייעם וועג קיין מזרח-אינדיע, מען קרייצט דורך דעם אַטלאַנטישן ים, מען פאַרשקלאַפט און באַרויבט אַלץ מער נייע פעלקער און דאָס רייכטום אין די אייגענע לענדער וואַקסט מיט יעדן יאָר. דער האַנדל, די ים-נסיעות זיינען נאָך פאַרבונדן מיט גרויסע ריזיקעס: רויבערייען און אָנפאַלן אויפן וועג זיינען אַ געוויינלאַכע דערשיינונג, אָבער די קאָלאָסאַלע מעגלאַכקייטן פון די אומגעהויערע פאַרדינסטן רייצן און לאָקען די מענטשן. מען אָרגאַניזירט זיך אין גרויסע האַנדלסקאָמפּאַניעס, מען לאָזט זיך. אין וועג אין גרויסע עקספּעדיציעס, וועלכע קערן זיך אום פון די נסיעות מיט כל-טוב, באַלאָדן און געפּאַקט בשפע. דאָס גאָלד באַקומט שוין די איבערהאַנט אין לעבן און שטויסט מיט זיך אַרויס די ממשלה פון גרונטבאַזיץ, פון דער פּריצישער ווירטשאַפט.

מיט אַ שטאַרקן טעמפּ איז דאָס אַוועק פון 16-טן יאָרהונדערט אין גאַנץ אייראָפּא, באַזונדערס שנעל און שאַרף האָט דידאָזיקע אַנטוויקלונג דורכגעמאַכט איינגלאַנד.

די סוחרים האָבן באַדאַרפט צו האָבן וואָל-סחורות פאַר די נייע קאָלאָניעס. פאַר וואָל האָט מען געצאָלט גוט געלט. די פּריצים האָט שוין בעסער געלוינט צו פאַרוואַנדלען זייערע פעלדער אויף פּאַשע-פאַר שעפּסן, וואָס ס׳וועט זיי מער הכנסה אַרייננטראָגן, איידער תבואה. מ׳האָט אָנגעהויבן פשוט פאַרטרייבן די פּויערים פון זייער ערד, פאַרברענען און פאַרניכטן זייער גוטס און זיי מיט די פאַמיליעס געלאָזט אויף גאָטס גנאָד. איין הערצאָגין פון זיטערלאַנד אַליין האָט אין משך פון 5 יאָר פאַרטריבן פון אירע גיטער נישט ווייניקער פון 15,000 פּויערים. און די איבעריקע אַריסטאָקראַטן האָבן אויך דאָסזעלבע געטאָן. הונדערט טויזנטער מענטשן ווערן נאָך אין אַ קורצער צייט באַרויבט פון זייער ערד און בלייבן אָן מיטלען פאַר זייער עקזיסטענץ. „די שעפּסן פרעסן אויף די מענטשן“, קלאָגט זיך אַן איינגלישער געלערנטער פון יענער צייט (טאָמאַס מאָר).

די אומגעהויערע ערדרויבעריי בכלל, וועלכע די פּריצים

באַגייען בנוגע די פּויערים, רופט אַרויס ביי די לעצטע אין גאַנץ איירָאָפּא מוראדיקע מרידות, בונטן — **די פּויערשע מלחמות**, געפּאַרבט מיט אַ רעליגיעזן קאָליר. די פּויערים ווילן אומקערן צוריק זייער פרייהייט, צוריק באַקומען זייער ערד, איינשטעלן „גאָטס מלוכה״ אויף דער ערד. אָבער די אַנטוויקלונג איז שוין אַוועק אַ סך ווייטער פון דעם אַלטן לעבן, זייערע אויפשטאַנדן ווערן דערשטיקט אין בלוט און פייער און ס׳שאַפן זיך נייע פאָרמען פון מענטשלאַכער פאַרקנעכטונג און עקספּלאָאַטאַציע.

נישט דאָס פעאָדאַלע סיסטעם זיגט איבער די צובונטעוועטע פּויערים. דאָסדאָזיקע סיסטעם האָט שוין נישט געטויגט און איז נישט געווען אימשטאַנד צו באַפרידיקן די באַדערפנישן פון דעם אויפגעקומענעם נייעם שטאָטקלאַס (**בורזשואַזיע**). די ראָגאַטקעס צווישן פאַרשידענע פּריצישע נחלאות, די באַזונדערע דינים ביי די פילצאָליקע פּריצים, די פאַרשידענע געלטסיסטעמען, די גאַנצע אומזיכערקייט און שוואַכע פאַרבינדונג פון פעאָדאַליזם זיינען נישט געווען מסוגל די געלטווירטשאַפט צו שטיצן, מיטצוהעלפן דעם האַנדל און אים פאַרשטאַרקן. די בורזשואַזיע באַדאַרף האָבן איין גרויס לאַנד מיט אַ שטאַרקן חיל. יענער באַדאַרף איר באַהילפיק זיין אין די עקספּעדיציעס צו די ווילדע פעלקער, וועלכע מען האָט „ציוויליזירט״ מיט אייראָפּייאישן פּולווער. די בורזשואַזיע האָט זיך דאַרום געשטעלט אויפן צד פון פירשט, פון קעניג אין זיינע מחלוקות מיט די וואַסאַלען. זי האָט איהם באַזאָרגט מיט געלט, פאַר וועלכע דער פירשט דינגט זיך שוין אַ חיל. די פּריצישע שלעסער קענען נישט ביישטיין קעגן די האַרמאַטנקוילן, די ריטערשע פאַנצערס—קעגן די פּולווערביקסן. דער קעניג איז גובר די זעלבשטענדיקע קליינע הערשער און ס׳שטעלט זיך איין די איין-און-איינציקע **ממשלה פון אַבסאָלוטן מאָנאַרך**, אונטערגעשטיצט פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. די ריטערשע שווערדן בויגן און ברעכן זיך אין געראַנגל מיט די גאָלדענע מעטאַלן פון די ניי־אויפגעקומענע ריטער—די הענדלער און סוחרים.

בכלל ווערט די אויפקומונגסעפּאָכע פון דער בורזשואַזיע באַצייכנט אַלס אַ „גאָלדענע תקופה“. ס׳פאַלט די אַלטע באַשריינקטקייט, דער שקלאַפישער גייסט, די מורא און נידערטעניגקייט פון מענטשן. די פּערזאָן, דער יחיד מיט זיינע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען ווערט אָנדערקענט, אַלס העכסטע מאַכט, אַלס הער און מושל איבער דער וועלט. אין די אַלטע לעבנספריידיקע בליקן פון די גריכן און רוימער זוכן די מענטשן אַ שטיצע פאַר זייערע נייע לעבנספאָרמען (רענעסאַנס). דער זייל פון דעם פעאָדאַלנסיסטעם—די קאַטוילישע קירכע—פאַרלירט אויך איר מאַכט. ס׳זיגן נייע, אַנטי-קאַטוילישע גלויבנס-סיסטעמען (רעפאָרמאַציע). דאָס מענטשלאַכע דייגקן און שאַפן רייסט זיך שוין אָפּ פון די איבערערדישע, הימלישע השגות און פאַרבינדט זיך מיט דער רעאַלער, לעבעדיקער וועלט. ס׳ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר אַ ריינער וויסנשאַפט און מענטשלאַכער קונסט. דער פאַרשקלאַפטער מענטש רייסט זיך אַרויס פון איינגן, טוכלע קעלער פון מיטלאַלטער אויף אַ פרייע, ליכטיקע וועלט, פריי און ליכטיק, אָבער נאָר פאַר אַ קליינער צאָל „גליקלאַכע“.

די פעאָדאַלע ווירטשאַפט האָט געשאַפן סחורות אין אַ באַגרענצטער צאָל. די פעאָדאַלע ווירטשאַפט האָט געהאַלטן די פויערים צוגעבונדן צו דער ערד און צום פריץ, די בורזשואַזע ווירטשאַפט דאַרף האָבן „פרייע“ אַרבעטער. די צעכן מיט זייערע תקנות באַשריינקען די ווירטשאַפט, בינדן איר וואוקס. די בורזשואַזע ווירטשאַפט באַדאַרף האָבן פרייע פליגלען, אַן אומבאַשריינקטע פאַנאַנדערשפּרייטונג. זי טרעט דאַרום אַריין אין אַ קאַמף מיט דעם פעאָדאַלן ווירטשאַפט-סיסטעם, ברעכט זיינע צוימען, ציט זיך אויס אַלץ לייגגער, ביי זי פאַרענדיקט איינגאַנצן מיט דער אַלטער אָרדנונג און ס׳שטעלן זיך אַוועק נייע בורזשואַזע פאָרמען פון פּראָדוקציע.

מיר האָבן שוין אויבן געזען, ווי הונדערט טויזנטער מענטשן זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייער ערד און פאַרבליבן אָן זייערע פּראָדוקציע-מיטלען, די קאָנפיסקאַציע פון די קירכנגיטער האָט

פריי געלאָזט טויזנטער פויערים, וועלכע זיינען געבליבן אָן באַשעפטיקונג. ס'זיינען אויך פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן די חילות פון די איינציקע פעאָדאַלן, וועלכע זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַליינהערשאַפט פון מאָנאַרך—און ס'איז שוין פון זיך אַליין געשאַפן געוואָרן אַ „פרייע" אַרמיי פאַר דער מאַסנפּראָדוקציע פון דער בורזשואַזיע.

די סוחרים גיבן אַרויס זייער רוי-שטאָף די אַרבייטער, וועלכע אַרבעטן אויס די סחורה פאַר די ערשטע, אָדער יענע נעמען זיי צוזאַמען אין איין אָרט, בויען אויס גרויסע ווערקשטובן, אין וועלכע ס'ווערט אויסגעאַרבעט סחורות מאַסנווייז פאַר דעם וועלטמאַרק. דאָס איז דער ערשטער פעריאָד פון קאַפּיטאַליזם—ד ע ר מ אַ נ ו פ אַ ק ט ו ר - פ ע ר י אָ ד .

דאָס איז נישט אַזוי לייכט צוגעגאַנגען, ווי ס'קען זיך דוכטן. די מענטשן האָבן זיך נישט אַזוי לייכט אונטערגעוואָרפן דעם נייעם יאָך. ס'האָבן זיך לכתחילה געבילדעט גאַנצע מחנות „שנאָרער", אַרומשלעפער, רויבער און אַנפאַלער. די דעמאָלטיקע געזעצגעבונג איז זיי רודף אויפן אכזריותדיקן אופן: אַ געזונטן „ליידיקגייער" קומט שמייסן, מען שניידט אים אָפּ אַ האַלבן אויער, און אויב ער איז פאַרעקשנט און וויל פאָרט נישט אַרבעטן, ווערט ער אַפילו פאַרמשפט צום טויט. אַרומשלעפער גיט די מלוכה אָפּ די באַלעבאַטים, אַלס שקלאַפן. יענע האָבן רעכט זיי אָנטאָן אַ רינג אויפן האַלז, כדי זיי זאָלן נישט קענען אַנטלויפן. אַזוי ווערט די עקספּראָפּריאירטע באַפעלקערונג צוגעוויינט צו דעם נייעם סיסטעם פון אַרבעט.

דער אַבסאָלוטיזם קומט אויך צו הילף די קאַפּיטאַליסטן מיט דעם, וואָס ס'ווערט פשוט פאַרווערט צו צאָלן די אַרבעטער אַ גרויסן לוין; דער געזעץ פאַרווערט אויך צו אַרבעטן ווייניקער, ווי דער באַלעבאָס פאָדערט. די מלוכה רודפט יעדע פּראָבע פון די נייאויפגעקומענע לוינאַרבעטער צו שאַפן פאַר זיך פאַריינען, בילדן פאַכאָרגאַניזאַציעס; שטרייקן ווערן פאַררעכנט, אַלס מלוכה-פאַרברעכן. די מלוכה שטיצט אויך אונטער די אַקציענגעזעלשאַפטן מיט פּריווילעגיעס און קרעדיטן, גיט זיי אַרויס פאַרשי-

דענע מאַנאָפּאָלן. ס׳געפינען זיך בענק, וועלכע שטעלן אַוועק
דעם קרעדיט אויף פעסטע יסודות; די מלוכה נעמט די בענק
אונטער איר שוץ און ס׳ווערט געטריבן אַ מוראדיקע שפּעקולאַ-
ציע דורך די פאַרשידענע האַנדלסגעזעלשאַפטן. מען יאָגט זיך
נאָך נייע פלעצער, נאָך נייע לענדער, די איינגענומענע פעלקער
ווערן פשוט באַטראַכט אַלס שקלאַפן און ס׳ווערט מיט זיי געטריבן
גאַנץ פריי און אָפן אַ שענדלאַכער האַנדל, וועלכע באַרייכערט
נאָכמער דעם אויפגעקומענעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן. די פאָלקס-
מאַסן ווערן דורך דער מלוכה באַשטייערט מיט גרויסע שטייערן,
וועלכע פאַראָרעמען זיי אַלץ מער, זיי פאַרלירן זייער זעלבשטענ-
דיקייט, זייערע פּראָדוקציעמיטלען און מוזן לויפן זיך פאַר-
דינגען אין די נייגעשאַפענע אַרבעטסשטעלן. די קאַפּיטאַליס-
טישע אָרדנונג שטעלט זיך אַוועק אויף פעסטע יסודות.

דאָס צונויפזאַמלען די מענטשן אויף איין אָרט האָט שוין
געמאַכט מעגלאַך, אַז די מלאכה זאָל זיך צעטיילן אויף פאַר-
שידענע חלקים. איין אַרבעט ווערט געטאָן דורך פאַרשידענע
מענטשן, יעדער טוט אַ באַזונדער טייל אַרבעט. די אַרבעט הערט
שוין אויף צו זיין אַ מלאכה, אַ קונצזאַך, אַ קאָפּשכל, נאָר ווערט
פאַנאַנדערגעגלידערט אויף פאַרשידענע פיזישע מאַניפּולאַציעס,
אויף פּרימיטיווע, מעכאַנישע כּחותאָנווענדונג, וועלכע קענען
שוין לייכט פאַרביטן ווערן דורך די נאַטורקרעפטן. דערצו קומט
צוהילף די וויסנשאַפט, וועלכע מאַכט פאַר דער צייט גרויסע
פאָרשריט. ס׳ווערן אויסגעקלערט פאַרשידענע מאַשינען, וועלכע
פאַרבייטן די מענטשלאַכע כּחות. דאָס באַנוצן דעם דאַמף צו דער
אַרבעט ברייגנט מיט זיך אַ גרויסע איבערקערעניש. די מאַנופאַק-
טורפּראָדוקציע גייט איבער אין אַ פאַבריקפּראָדוקציע.
ס׳שאַפט זיך אַן אינדוסטריע, וועלכע איז מסוגל צו פאַרוואַרפן
די וועלט מיט סחורות. מען דאַרף שוין נישט האָבן דווקא דעם
געזונטן פויער מיט זיינע אַנטוויקלטע מוסקולן. אויך צאַרטע קינ-
דערכּחות און שוואַכע פרויענהענט געניגן צו דער מאַשין. און
ס׳הויבט זיך אָן אַ מוראדיקע עקספּלאָאַטאַציע פון קינדער און
פרויענאַרבעט. פאַרשידענע בעלי-טובות און כּללפאַרזאָרגער

טרייבן פּשוט מיט אָרימע קינדער געשעפט, מען רייסט זיי אַרויס פון די קינדער־הייזער און קינדערהיימען און מען פאַרקויפט זיי די פאַבריקאַנטן. פון די קינדערשע שווייס און בלוט שמידן די פאַבריקאַנטן אויס, אין די יונגע יאָרן פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, שטיקער גאָלד; די עקספּלאָאַטאַציע פון איין מענטשן דורך דעם צווייטן בכלל ווערט דערקלערט ווי אַ פּריוואַטזאַך פון דידאָזיקע לייט, ווי זייער „פּרייער אָפּמאַך", אין וועלכן די מלוכה האָט זיך נישט צו מישן. דער קאַפּיטאַליזם וואַקסט אין דער גרויס און אין דער ברייט.

נישט אומזיסט האָט קאַרל מאַרקס, באַשרייבנדיק דעם אויפקומען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, זיך אויסגעדריקט: „אויב געלט קומט אויף דער וועלט מיט אַ געבוירענעם בלוטפלעק אויפן פּנים, רינט שוין פון קאַפּיטאַליזם, פון דעם טאָג פון זיין געבורט, פון אַלע זיינע שפּאַלטן בלוט און שמוץ פון קאָפּ ביז די קנעכל".

באַלד ביי איר אויפקומען האָט די בורזשואַזיע געגעבן אַ טויטקלאַפּ דעם פעאָדאַליזם מיט דעם, וואָס זי האָט מיטגעהאָלפן דאָס אַוועקשטעלן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע. דער אַבסאָלוטיזם האָט מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזע ווירטשאַפטספאָרמען, האָט געשטעלט דעם מלוכה־אַפּאַראַט איר צו הילף און שוץ. פּאָליטיש אָבער איז דער מאָנאַרך געווען דער איינציקער מושל אין לאַנד, די גאַנצע מלוכה האָט ער פאַרקערפּערט אין זיך — „די מלוכה דאָס בין איך", קלינגט שטאָלץ דער באַקאַנטער אויסדרוק פון קעניג לודוויק דעם 14־טן. די פּריצים האָבן פאַרלאָרן זייער פריערדיקע מאַכט, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינפאַכע לאַקייען און דינער פון קעניג. דאָס איז געווען דער אַדעלשטאַנד. דער צווייטער שטאַנד — די גייסטלעכע — איז אויך געוואָרן אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דער נייער מלוכה־פאָרם. דער דריטער שטאַנד — די גאַנצע איבעריקע שטאָטישע באַפעלקערונג — האָט געדאַרפט דינען דער מלוכה מיט זיין געלט און אַרבעט. די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן שטימען שוין נישט מיט דער פּאָליטישער מלוכה־פאָרם

און אַלץ דרייסטער שטרעקט אויס דער נייער קלאַס—די בור-זשואַזיע—זיינע הענט נאָך דער פּאָליטישער מאַכט. די אָפּאָ־זיציע געגן דער אַבסאָלוטישער הערשאַפט פון קעניג ווערט אַלץ שטאַרקער און געפינט אַלץ מער שטיצע און מיטגעפיל ביי דער בורזשואַזיע; איר באַוואוסטזיין, אַלס באַדייטנדיקער כח אין לעבן, שטייגט; אין זיך זעט זי פאַרקערפּערט די גאַנצע אַרבעטנדיקע און אונטערגעדריקטע מענטשהייט און דרייסט און מוטיק נעמט זי אויף דעם קאַמף מיט דעם אַבסאָלוטיזם. „וואָס איז דער 3-טער שטאַנד?‟ פרעגט אַ פאַרטרעטער פון דער בורזשואַזיע—סיעס: „גאָרנישט! וואָס באַדאַרף ער אָבער ווערן?— אַלץ!‟—קלינגט דער שטאָלצער ענטפער.

ווירקלאַך, די בורזשואַזיע טרעט אַריין אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן אַבסאָלוטיזם, זי שטעלט זיך אין שפּיץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נעמט אויף און פאָרמולירט די פּראָגרעסיווסטע און ראַדיקאַלסטע אידייען פון יענער צייט, פּראָקלאַמירט די „רעכט פון מענטשן און בירגער‟, קעמפט פאַר „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט‟, ביז די אַבסאָלוטע הערשאַפט פאַלט און ס׳שטעלן זיך איין נייע „פרייע‟ בורזשואַ-זע פאָרמען אויך אין דער פּאָליטיק: אין איינגלאַנד נאָך אין סוף פון 17־טן יאָרהונדערט, אין פראַנקרייך אין סוף פון 18-טן, אין דער איבעריקער מערב-אייראָפּע—אין יאָר 1848. דער פּרינ־ציפּ פון דער בורזשואַזער פרייהייט, געשטיצט אויף דעם סיסטעם פון לויִנווירטשאַפט שטעלט זיך אומעטום אַוועק.

אַזוי האָט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג באַפרייט די אַר-בעטער פון פריץ און צעך, האָט אָפּגעשאַפט די אונטערדריקטע שטאַנדן, האָט מבטל געמאַכט אַלע זכיות און פּריווילעגיעס, וואָס מ׳האָט בירושה פון געבורט אָן; זי האָט אָבער אויך „באַפרייט‟ די אַרבעטנדיקע עלעמענטן פון זייערע פּראָדוקציעמיטלען, האָט זיי געמאַכט פאַר פרייע פייגל, יועלכע מוזן קומען זיך פאַרדינ-גען אין פאַבריק.

די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג און אירע סתירות.

פונם פריערדיקן ווייסן מיר שוין, אַז דאָס היינטיקע סיסטעם פון אַרבעט הייסט: קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט. פון איין זייט האָבן מיר אַ רוב מענטשן, וועלכע האָבן מער נישט ווי אַרבעטספעהיקייט אָדער אַרבעטסקרעפטן, און פון דער צווייטער זייט זעען מיר מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן די סחורות, וועלכע די ערשטע האָבן געשאַפן. פון אונזער איבערבליק ווייסן מיר, אַז" אַזאַ מצב איז נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן נאַטירלאַך: די נאַטור שאַפט נישט קיין צוויי מינים מענטשן, איינע מיט סחורות, די צווייטע מיט אַרבעטסכחות. מיט 5—4 הונדערט יאָר צוריק איז אַזאַ צושטאַנד גאָרנישט געווען. מיר ווייסן, אַז ער איז געשאַפן געוואָרן אַלע פועל-יוצא פון פיל עקאָנאָמישע איבערקערעניש, אַז ער איז אַ פּראָדוקט פון דעם אונטערגאַנג פון אַ גאַנצער ריי פריערדיקע פאָרמאַציעס אין דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע. לאָמיר אַריינקוקן אַ ביסל טיפער אין דעם נייגעשאַפענעם מצב און פּרובירן פעסטשטעלן, וואָס ער איז גורם און צו וואָס פירט ער.

היינט אַרבעט מען שוין נישט, כדי דירעקט צו באַפרידיקן מיט די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט די אייגענע באַדערפנישן. מען שאַפט נאָר סחורות פאַרן מאַרק. פאַר דידאָזיקע סחורות באַקומט מען געלט, וועלכעס איז דער הצד השוה פון אַלע סחורות. דאָס הייסט, די פּראָדוקציע איז אַ סחורהפּראָדוקציע, מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן סחורהפאַרקער אָדער סחורהאויסטויש. בעת די פּראָדוקציעמיטלען זיינען געווען קליין און נישט באַדייטנד—אַ שטיקל ערד, אַן איינציקער אינסטרומענט, אַ ווערקשטאַט,—האָבן זיי געהערט צו די אַרבעטער, אָדער, ווי מען דריקט זיך אויס, צו די פּראָדוצירער. יענע האָבן זיי פאַרמאָגט, דאָס איז געווען זייער פּריוואַטאייגנטום. דערפאַר האָבן זיי זיך אויך באַנוצט מיט דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט. זיי האָבן אים פאַרקויפט דעם הענדלער אָדער קונד און דער גאַנצער ריוח, וועלכן זיי האָבן באַקומען צוליב זייער אַרבעט, האָט געהערט צו זיי. הייסט דאָס, אַז דאָס פּריוואַטאייגנטום האָט געשטימט מיט די פּראָדוקציע-אופנים פון דער אַרבעט.

אַנדערש איז אָבער איצט. די אַרבעט קומט שוין אין גרעסטן טייל פאָר נישט ביי זיך אין שטוב; ס׳געניגט שוין נישט קיין שער אָדער האַק; זי קומט פאָר אין גרויסע פאַבריקן, ביי הודזשענדיקע מאַשינען, און פאָדערט גרויסע קאַפּיטאַלן. די אַרבעטער האָבן נישט קיין קאַפּיטאַלן, די פּראָדוקציעמיטלען געהערן צו אַנדערע. און דאָ ליגט די ערשטע גרינדלאַכע סתירה פון דער היינטיקער אָרדנונג. פון איין זייט זאַמלען זיך צונויף גרויסע ארבעטסקרעפטן צוזאַמען, יעדער באַזונדער קען שוין די אַרבעט נישט טאָן; די פּראָדוקטיווע כחות אַרבעטן געזעלשאַפטלאַך און דער געשאַפענער פּראָדוקט איז שוין נישט איינעמס אַרבעט, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ בשותּפותדיקער אַרבעט פון אַ סך מענטשן. פון דער צווייטער זייט אָבער בלייבט דער געשאַפענער פּראָדוקט אַלס אייגנס פון דעמיעניקן, וועלכער פאַרמאָגט די פּראָדוקציעמיטלען. די פּראָדוקטיווע כחות טרעטן אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט דעם סיסטעם פון די פּראָדוקציעאופנים, מיט דעם אופן, ווי אַזוי די געשאַפענע פּראָדוקטן ווערן פאַרטיילט צווישן דער געזעלשאַפט. די אַרבעטנדיקע פאַרמאָגן נישט קיין פּראָדוקציעמיטלען, מוזן זיי פאַרקויפן זייערע קרעפטן די-יעניקע, וועלכע פאַרמאָגן דאָס יאָ. די אַרבעטסקראַפט ווערט אַ סחורה, וועלכע ווערט געבראַכט אויפן מאַרק, ווי אַנדערע סחורות און מיט איר ווערט געטריבן האַנדל, אויב זי איז אין אַ גרויסער צאָל, ווערט אויף איר אַוועקגעשטעלט אַ קליינער מקח, אויב זי איז אין אַ קלענערער צאָל—אַ גרעסערער. בכלל גענומען, ווערט פאַר איר געצאָלט נישט ווייניקער ווי אויף אַזויפיל, אַז דער ניימאָדנער סוחר זאָל קענען זיין סחורה רעאַליזירן, דאָס הייסט—אויפצוהאַלטן די כחות. די אַרבעטסקראַפט קאָן אָבער נישט ווערן אָפּגעטיילט פון מענטשן, ווי אַנדערע געשאַפענע סחורות און אָפּגעבן דעם קונה. זי איז פאַרבונדן מיט דעם מענטשן גופא. און אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן אַ לאַגע, אַז זייענדיק פריי ווי אַ פייגל, מוז דער מענטש זיך פאַרקויפן דעם צווייטן מענטשן, אָדער דעם קאַפּיטאַל, וועלכן דער צווייטער פאַרמאָגט.

אויף וואָס באַדאַרף יענער די מענטשלאַכע כחות? ווייל קאַפּיטאַל אַליין, ד. ה. רווישטאָף און ווערקצייג גיבן נאָך פון זיך נישט אַרויס קיין נייגעשאַפענע זאַך. זי באַקומט זיך ערשט פון דער אַרבעט. הייסט דאָס, איינע שאַפן דעם פּראָדוקט (זייער אַר-בעט גיט אים צו דעם ווערט), זיי אָבער באַקומען אים נישט, זיי באַצאָלט מען נאָר לוין פאַר זייער סחורה, און דער גאַנצער ריוח פון דעם געשאַפענעם פּראָדוקט גייט אין די טאַשן פון אַנ-דערע.

אַנדערש געזאָגט, דאָס פּריוואַטאייגנטום מאַכט שוין נישט מעגלאַך דאָס אינדיווידועלע פאַרמעגן פון די מענטשן—דעם פּראָ-דוקט פון זייער אַרבעט, נאָר דאָסדאָזיקע רעכט ווערט פאַר-וואַנדלט אויף רעכט פון די קאַפּיטאַליסטן צו עקספּלאָאַטירן אַנ-דערע. דאָס פּריוואַטאייגנטום באַגרענצט די פרייהייט פון די אַר-בעטער און צווינגט זיי צו ווערן לוינשקלאַפן.

אין דערדאָזיקער סתירה ליגן שוין באַהאַלטן אַלע קאָנ-פליקטן, וואָס צערייסן די היינטיקע געזעלשאַפט. און וואָס מער דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אַנטוויקלט זיך, אַלץ בולטער טרעט אַרויס דער היפוך צווישן דער געזעלשאַפטלאַכער פאָרם פון דער פּראָדוקציע מיט דעם רעכט פון קאַפּיטאַל אויף אירע פּראָדוקטן. פריער האָט נאָך עקזיסטירט אַ באַדייטנדיקע צאָל זעלבשטענדיקע באַלעבאַטים, קליינע בעלי-מלאכות, יעדער פועל האָט נאָך געהאַט די האָפנונג אַליין צו ווערן אַ באַלעבאָס. אָבער ווי נאָר די פּראָדוקציעמיטלען ווערן גרויס און זיי קאָנצענטרירן זיך ביי די קאַפּיטאַליסטן, ווערן די זעלבשטענדיקעווירטשאַפטן חרוב און גייען אונטער און די בעלי-מלאכות ווערן פּראָלעטאַריזירט, ד. ה. זיי פאַרלירן די מעגלאַכקייט אַליין צו שאַפן און מוזן זיך גיין פאַרדינגען ביי די קאַפּיטאַליסטן. מיר האָבן שוין צו טאָן נישט מיט אַ קליינער צאָל מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין אַ צייט-ווייליקער אונטערגעוואָרפענער לאַגע, נאָר מיט אַ באַדייטנדיקער מערהייט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע פאַרלירט מיט יעדן טאָג דעם באָדן אונטער אירע פיס; דער תהום פון פּראָלעטאַריזאַציע איז אונטער איר, אָפן און פריער אָדער שפּעטער מוז זי פון

אים ווערן איינגעשלונגען.

ווירקלאַך, וואָס פאַר אַ ממשות האָט דער קליינער בעל-מלאכה מיט זיין ווערקשטאַט געגן די גיגאַנטישע מאַשינען, געגן מעכאַנישן שטול און דאַמפּהאַמער, געגן די ריזיקע פאַבריקן און די טויזנטער אָנגעזאַמלטע אַרבעטער? צי קען ער ביישטיין דער מוראדיקער קאָנקורענץ פון דער פאַבריקאַרבעט? צי איז ער שוין איצט אינגאַנצן נישט אָפּהייענגיק פון די געזעצן פון דער גרויס-אינדוסטריע און ס'איז שוין נישט דורך זיי זיין גורל אָנגעחתמט? דער קאַפּיטאַליזם נעמט אָפּ מיט זיין אַנטוויקלונג די מעגלאַכקייט פון זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ ביי די פאַרבליבענע בעלי-מלאכות און פויערים, טרייבט זיי צו זיך אין די פאַבריקן. ס'שאַפן זיך צוויי לאַגערן: אַ גרויסער און באַדייטנדיקער רוב פון פאָלק ווערן פּראָלעטאַריער און האַלבפּראָלעטאַריער, און אַ קליינע גרופּע מענטשן—קאַפּיטאַליסטן.

די מענטשן שאַפן שוין היינט סחורות. אָבער די סחורות ווערן געשאַפן נישט פאַר באַשטימטע קונדן, נאָר בלינדערהייט, אָן אַן אויסרעכנונג—פאַרן מאַרק. וואָס קען מען פאָרויס וויסן, וויפיל דער מאַרק באַדאַרף און וויפיל סחורות וועט בלייבן אויסן? יעדער איילט זיך אַריבערצושטייגן דעם צווייטן, מען שאַפט מיט אַן איילנדיקער משוגעת, מען באַמיט זיך איבערצויאָגן איינער דעם אַנדערן, ס'שאַפט זיך אַ מוראדיקע קאָנקורענץ צווישן מענטשן. זי איז די טרייבקראַפט פון דער היינטיקער פּראָדוקציע, זי צו-ברעכט שוין די סאָלידאַריטעטאינטערעסן אַפילו ביי דעם אייגע-נעם קלאַס, צווישן די קאַפּיטאַליסטן גופא. יעדערער וויל דעם צווייטן איינשלינגען, ווייל אויב נישט, וועט ער ווערן דורך אים איינגעשלונגען. דער האַרטער קאַמף פון די חיות צווישן זיך ווערט איבערגעטראָגן אין דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט און איין מענטש שטייט געגן דעם צווייטן ווי אַ וואָלף.

יעדערער וויים, אַז צושלאָגן דעם קאָנקורענט וועט ער קענען נאָר מיט דער ביליקייט פון זיינע אַרטיקלען. דערפאַר יאָגט ער זיך אַזוי נאָכדעם, אַז די אויסאַרבעטונג פון דער סחורה זאָל אים קאָסטן וואָס ווייניקער, כדי ער זאָל זיין אימ-

שטאַנד צו פאַרקויפן ביליקער, ווי זיין קאָנקורענט. ווי ביליק ער זאָל נישט צאָלן פאַר מענטשלאַכער פראַצע, האָט דאָך די ביליקייט פאָרט אַ גרענעץ: מען מוז צאָלן אויף צו דערהאַלטן די נשמה. דערפאַר באַמיט ער זיך צו פאַרבייטן די לעבעדיקע כחות מיט מאַשינען, מיט טויטע נאַטורקרעפטן, וועלכע מען קען מיט מער נוצן און ווייניקער הוצאות עקספּלאָאַטירן. די מאַשין, וועלכע האָט באַדאַרפט זיין אַ טרייסט פאַר דעם מענטשן, אַ פאַרלייכטערונג און עקאָנאָמיזירונג פון זיינע כחות, ווערט פאַר אים אַ קללה. זי וואַרפט אים אַרויס פון פאַבריק, ער ווערט שוין אומנוצלאָך. אויף וויפיל מען דאַרף נאָך אָנקומען צו מענטשלאַכע כחות, קאָנען שוין איצט, ביי מאַשינאַרבעט, באַפרידיקן די צאַרטע פרויענכוחות און די קינדערשע נישט-אַנטוויקלטע מוסקולן; זיי ווערן שוין אויך איצט אַ גאַנגבאַרע סחורה אויפן מאַרק, וואו מען האַנדלט מיט שוייס און בלוט. און די אייגענע פרויען און קינדער דריקן אַראָפּ דעם אַרבעטסלוין פון זייערע מענער, עלטערן און ברידער.

די פּראָדוקציע קומט איצט פאָר אויף אַ צווייענדיקן אופן: אין פאַבריק קומט פאָר אַ צוטיילונג פון אַרבעט צווישן די פּראָדוצירער, יעדער האָט זיין אָרט און זיין אַרבעט, און פון סך-הכל פון די איינצעלנע אַרבעטן באַקומט זיך אַ גאַנצער פּראָדוקט. די פּראָדוקציע קומט פאָר אָרגאַניזירט אויף יעדער פאַבריק, אָבער די פאַבריק אַרבעט אויס, ווי מיר האָבן געזאָגט, בלינדערהייט, אָן אַ שיעור און וואָס מער פּראָדוקטן. דאָס אַלץ קאָסט דעם פאַבריקאַנט ביליקער. דאָסזעלבע טוט אויך אַ צווייטער, אַ דריטער. מען שאַפט אַנאַרכיש, אָן אַ סיסטעם און צופרידן זיך. **די אָרגאַניזירטע פּראָדוקציע אין פאַבריק שטייט אין אַ סתירה מיט דער אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע פון דער געזעלשאַפט.**

דידאָזיקע אַנאַרכיע אָבער ברייגט אירע פרוכטן: מען אַרבעט, מען שאַפט פּראָדוקטן, מען פאַרוואַרפט דעם מאַרק מיט סחורות. די אַרבעטנדיקע עלעמענטן זיינען נישט בכוח איינצוקויפן דאָס אַלץ, וואָס זיי ברויכן צו האָבן, זיי זיינען נישט קויפספעהי...

די פראָדוקציעמיטלען נעמען אָפּ ביי זיי זייערע אייגענע געשאַפענע פּראָדוקטן. די לעצטע זאַמלען זיך אָבער אָן אין אַ גרויסער צאָל אויפן מאַרק, ביז ס'קומט צו אַן איבערפּראָדוקציע: ס'ווערן געשאַפן סחורות מער, ווי ס'געפינען זיך אויף זיי קונים — ס'ברעכן אויס קריזיסן. די פאַבריקן ווערן געשלאָסן, די אַרבעטער ווערן פון זיי אַרויסגעוואָרפן, די שפּייכלערס און מאַגאַזינען זיינען געפּאַקט מיט סחורות, טויזנטער מענטשן נויטיקן זיך אין זיי, נאָר זיי קענען זיי נישט קויפן און די גאַנצע געזעלשאַפט לעבט איבער אַ קאַטאַסטראָפע.

דאָס איז אַ קריזיס פון צופיל עשירות אויף איין זייט און צופיל נויט און דחקות אויף דער צווייטער. דאָס פּראָדוקציעסיסטעם טרעט אַרויס געגן דעם טוישסיסטעם.

דעמדאָזיקן פאַקט האָט מען פאַר די לעצטע יאָרן פּרובירט אָפּלייקענען. מען האָט געוואָלט דערווייזן, דאָס לא-די, וואָס דער קאַפּיטאַליזם פאַרערגערט נישט די לאַגע פון די אַרבעטער, נאָר, פאַרקערט, מיטן וואוקס פון קאַפּיטאַליזם וואַקסט אויך דער וואוילצושטאַנד פון די אַרבעטנדיקע, — לעבן דאָך איצט די אַרבעטער בערך פיל בעסער, ווי זייערע עלטערן האָבן געלעבט, און ס'איז דאַרום צו האָפן, אַז די סתירות צווישן דער רייכקייט פון קאַפּיטאַליזם און דער נויט פון די אַרבעטנדיקע וועלן פאַרשווינדן און אַז די אַרבעטערמאַסן וועלן קענען זיך גוט איינאָרדנען אַפילו ביי די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטנישן. די אַלע דאָזיקע חקירות זיינען מער נישט ווי לאַקריצזיסע דרשות פון די מליצי-יושר פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אמת טאַקי, אַבסאָלוט האָט זיך די לאַגע פון די אַרבעטער, אַ דאַנק זייערע אָרגאַניזאַציעס און קראַפטווידערשטאַנד, פיל פאַרבעסערט. אָבער פאַרהעלטנישמעסיק, אין פאַרגלייך מיט די אָנגעזאַמלטע עשירות פון די רייכע קלאַסן, זיינען די היפּוכים געגנוג גרויס. די שטופע פון זייערע לעבנסבאַדערפנישן האָט זיך געהויבן לפי-ערך אַ סך העכער, ווי זי איז פריער געשטאַנען און יעצט באַדאַרף שוין דער אַרבעטער האָבן פיל מער פון דעם, מיט וואָס ער פלעגט זיך באַנוגענען אין די פריערדיקע יאָרן. ווייטער, באַדאַרף מען

נישט פאַרגעסן, אַז מער אָדער ווייניק אַ פעסטע עקזיסטענץ האָט זייער אַ קליינע צאָל פון די אַרבעטנדיקע. די גרויסע מאַסע פון פּראָלעטאַריער איז שטענדיק נישט זיכער מיט איר מאָרגן. אין די גרויסע צענטערן, ווי: ניו-יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז, פּעטערבורג גייט שטענדיק אַרום אַ מחנה אַרבעטסלאָזע, אַ רעזערוואַרמיי, פון וואַנען דער קאַפּיטאַליזם שעפּט די נויטיקע כחות, אין פאַל פון אַן אויפלעבונג אין דער פּראָדוקציע. די איבעריקע צייט שטאַרבן זיי בוכשטעבלאַך פון הונגער, ווער רעדט שוין אין אַ צייט פון קרענק אָדער אַרבעטסאומפעהיקייט. דאַרום קלינגען ווי אַ ביטערער חוזק די אַלע צופרידענע דרשות וועגן דער האַרמאָניע און גלייכהייט, וועלכע שטעלן זיך איין אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם האַלט אַלץ אין שטייגן. אַלץ מער איז דער מענטש גובר די נאַטור און קען שוין מיט אירע קרעפטן באַפעלן, אויסנוצן און עקספּלאָאַטירן. אָבער וואָס מער דער קאַפּיטאַל אַנטוויקלט זיך, אַלץ איינגער ווערט אים אין די רעמלעך פון קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַטאייגנטום. דער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך, די גרויסאינדוסטריעס מוזן זיך צווישן זיך פאַראייניקן און שאַפן סינדיקאַטן. צענדליקער און הונדערטער אונטערנעמונגען גיסן זיך צווישן זיך צונויף און בילדן איין גרויסן טרעסט. אָדער זיי ריידן זיך צווישן זיך צונויף און מען שטעלט איין פעסטע פּרייזן און מען וויל דעם מאַרק באַשריינקען, מען בילדעט קאַרטעלן. אָבער דאָס ווערט נישט געמאַכט דורך דער געזעלשאַפט און אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, נור דאָס טוט אַ קליינע גרופּע קאַפּיטאַליסטן מיטן ציל צו באַקעמפן די גרויסע מאַסע קאָנסומענטן, מיטן ציל אויפשצורויכן די פּרייזן אויף די סחורות. די קאַפּיטאַלקאָנצענטראַציע באַווייזט, אַז די פּראָדוקטיווע כחות שטייען אין אַ שרעקלאַכער סתירה מיט דעם פּריוואַטאייגנטום אויף די פּראָדוקציעמיטלען, אַז דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציעססיסטעם איז שוין אויסגעוואַקסן פון די איינגע ווינדעלאַך פון פּרי-

וואַטאייגנטום, און איצט בינדט עס נאָר און האַלט אויף איר אַנטוויקלונג.

די קאָנקורענץ פון דער היינטיקער פּראָדוקציע צווינגט אייך די קאַפּיטאַליסטן פון יעדן לאַנד צו יאָגן זיך נאָך מערק, פאַר אַן אָפּזאַץ פון זייערע סחורות. זייערע פּראָדוקציע-אופנים זיינען שוין מסוגל צו פאַרוואַרפן די גאַנצע וועלט מיט סחורות, מען דאַרף נאָר האָבן קונים. דערפאַר רייסט מען זיך פאַר יעדן נייעם ווינקל, פאַר יעדן נייעם שטיק ערד. די מלוכה, וועלכע איז אַן איינפאַכער אַגענט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, קומט איר צו הילף מיט איר קאָלאָניאַלפּאָליטיק; די אַפּעטיטן, איינצושלינגען וואָס מער נייע לענדער, שטייגן מיטן פּראָצעס פון פאַרכאַפּן נייע מערק. דער אימפּעריאַליזם ווערט אַ נויטווענדיקער באַגלייטער פון יעדער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, די פעלקער ווערן אַריינגעצויגן אין נעץ פון פאַרפלאָנטערטע און געגנזעצלאַכע אינטערעסן, מען האַלט גרייט שטענדיקע חילות, די לופט ווערט אָנגעזאַפּט מיט שנאה, ביז דער שטורם ברעכט אויס און ס׳צעפלאַקערן זיך בלוטיקע שלאַכטן צווישן לאַנד און לאַנד.

אַזוי ברענגט די צושפּאַלטונג צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל צו אַ צושפּאַלטונג צווישן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, צווישן די קאַפּיטאַליסטן פון איין לאַנד גופא, צווישן פעלקער און לענדער און ביי די גאַנצע ריזנהאַפטע נצחונות פון די מענטשן איבער דער נאַטור אין אונזער צייט, געפינען זיי זיך דאָך אונטער דער סטיכישער ממשלה פון טויטע זאַכן, פון קרעפטן, וועלכע זיי אַליין האָבן באַשאַפן און קאָנען זיי נישט ביייקומען.

דער סאָציאַליזם.

מיר האָבן געזען, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אָפּגענומען, עקספּראָפּריאירט ביי דעם בעל-מלאכה זיין וועדקצייג, ביי דעם פויער זיין ערד, האָט זיי אַריינגעטריבן אין גרויסע פאַבריקן, וואו זיי שאַפן שוין געמיינזאַם די פּראָדוקטן. דערביי געהערן די געשאַפענע פּראָדוקטן נישט צו די פּראָדוצירער, צו די, וועלכע אַרבעטן זיי אויס, נאָר צו

די קאַפּיטאַליסטן, צו די, וועלכע פאַרמאָגן די פּראָדוקציעמיטלען, אין דערזעלבער צייט אָבער ווערן דידאָזיקע מיטלען אַלץ מער צונויפגעזאַמלט, קאָנצענטרירט מאַסנווייז אין די הענט פון קליינע גרופּעס קאַפּיטאַליסטן; די פּראָדוקציעמיטלען שטייגן איבער די פאַרמעגנסמעגלאַכקייטן פון איינצעלנע קאַפּיטאַליסטן; די פּראָדוקציע פאָדערט שוין אַזעלכע גרויסע קאַפּיטאַלן, וועלכע ווערן געשאַפן נאָר דורך אַקציענגעזעלשאַפטן. עס בילדן זיך טרעסטן און קאַרטעלן. אַנדערע אינדוסטריעצווייגן, ווי: פּאָסט, טעלעגראַף, אייזנבאַנען און ענלאַכע זיינען שוין לגמרי אַרויסגענומען געוואָרן פון פּריוואַטע הענט און ווערן שוין איצט אָנגעפירט דורך דער מלוכה.

די נייע פּראָדוקטיווע כחות האָבן שוין אַריבערגעוואַקסן די פּראָדוקציעאופנים פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אַליין פירט צו דעם, אַז די פּראָדוקציעמיטלען הערן אויף צו זיין וואָס מער אַן אייגנס פון איינצעלנע פּערזאָנען און שטרעבן שוין צו ווערן פאַרגעזעלשאַפטלאַכט. זיי ווערט שוין צו אייגג אין די באַשריינקטע רעמלאַך פון פּריוואַטאייגנטום און רייסן זיך שוין צו געזעלשאַפטלאַכע פאָרמען.

אין דער איצטיקער גרויסאינדוסטריע איז שוין נישט דער איינציקער קאַפּיטאַליסט דער באַלעבאָס און מנהיג אין פאַבריק. זי פירט זיך אינגאַנצן דורך געדונגענע, באַצאָלטע פאַרוואַלטער. דער קאַפּיטאַליסט באַקומט נאָר די רוחים פון זיינע אַקציעס, ער שניידט די קופּאָנעס און שפּילט אויף דער בערזע. די פּראָדוקציע פירט זיך שוין אינגאַנצן אָן דירעקטן אָנטייל פון די קאַפּיטאַליסטן, זיי נעמען מער נישט אָפּ ביי איר די פאַרדינסטן צוליב זייער רעכט אויף די פּראָדוקציעמיטלען. די פּראָדוקטיווע כוחות טרעטן אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט די אייגנטומספאַרהעלטנישן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

נישט די אַקציאָנערע געזעלשאַפטן, נישט די טרעסטן און אַפילו נישט דאָס איבערנעמען די פּראָדוקציעצווייגן דורך דער

היינטיקער מלוכה קאָנען דעמדראָזיקן קאָנפליקט לעזען. צי ווערט גרינגער די פראָדוצירער פון דעם, וואָס דער ריווח פון זייער אַרבעט בלייבט נישט ביי איין קאַפיטאַליסט אין קעשענע, נאָר ביי אַ גאַנצער גרופע קאַפיטאַליסטן? און די היינטיקע מלוכה? צי איז זי דען נישט קיין פשוטער אינסטרומענט, אַן אַפאַראַט אין די הענט פון די קאַפיטאַליסטן אויפצוהאַלטן און באַפעסטיקן זייער ממשלה אויף די פראָדוקציע־מיטלען?

די שטרעבונג פון דער קאַפיטאַליסטישער גרויסאינדוסטריע צו בשותפותדיקע קאַפיטאַלן, די מלוכה־אונטערנעמונגען, די אָנגעזאַמלטע גרויסע פאַרמעגנס שאַפן נאָר אַ גינסטיקן באָדן, ברייננגען מיט זיך אַ מאַטעריעלן יסוד פאַר דעם, אַז די גאַנצע פראָדוקציע־מיטלען זאָלן קאָנען ווערן פאַרגעזעלשאַפטלאַכט, זאָלן קאָנען ווערן אָנדערקענט אַלס אַ בשותפותדיקע אייגנס פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. דידאָזיקע קאָנצענטראַציע־טענדענצן פירן דערצו, אַז די אָנגעזאַמלטע קאַפיטאַלן ביי אַ קליינער גרופע קאַפיטאַליסטן זאָלן קענען, ענדלאַך, דערקלערט ווערן פאַר אייגנס פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. קיין יחיד, אָדער גרופע טאָרן נישט פאַרמאָגן אין זייער פריוואַטן רשות קיין פראָדוקציעמיטלען. דאָס אַלץ: באַנען, שיפן, מעטאַלגרובן, פאַבריקן און אַלערליי מאַשינען געהערן צו דער גאַנצער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט, זי נעמט בכלל איבער די פראָדוקציע אין אירע הענט און שטעלט זי אַוועק אויף יסודות פון צוזאַמענאַרבעטן און בשותפותדיקן געניסן פון די רווחים פון דער אַרבעט.

נאָר דעמאָלט, ווען דאָס פריוואַטאייגנטום אויף פראָדוקציע־מיטלען און פאַרקער וועלן אָפגעשאַפט ווערן און זיי וועלן ווערן באַטראַכט, אַלס אייגנס פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלן מענטשן אויפהערן צו זיין אַ מיטל פון עקספּלאָאַטאַציע ביי אַנדערע מענטשן. די פראָדוצירער וועלן ווידער באַקומען די מיטלען פון זייער פראָדוקציע, די אַרבעט וועט זיך פאַרייניקן מיט די געווערקצייג און דער גאַנצער פראָדוקט פון דער אַרבעט וועט שוין געהערן צו דער פראָדוצירענדיקער גע-

זעלשאַפט. אַלע אַרבעטנדיקע וועלן באַקומען פאַר זייער אינדיווידועלן געברויך דעם ווערט פון זייער אַרבעט, און די געשעפטע מותרות וועלן ווערן פאַרווענדעט לטובת דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלאַכער, בשותפותדיקער פראָדוקציע.

די געזעלשאַפט וועט איינפירן אַ פלאַנמעסיקע אָרגאַניזאַציע פון דער פראָדוקציע. מען וועט שוין נישט שאַפן סחורות פאַרן מאַרק, נאָר פראָדוקטן פאַרן דירעקטן געברויך פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער אַסאָציאַציע. מיט דעם וועט ווערן אויסגעמידן און איינגעשפּאָרט פיל מענטשלאַכע אַרבעטסקראַפט, וואָס גייט איצט לאיבוד צוליב דער קאָנקורענץ, קריזיסן און איבערפראָדוקציע. די באַזונדערע שאַפנדיקע אַסאָציאַציעס וועלן אָרגאַניזירן צווישן זיך דעם טוישפאַרקער פרידלאַך און באַוואוסטזיניק, ס'וועט פאַרשוואונדן ווערן די טרייבקראַפט פון דער היינטיקער געזעלשאַפט צו רייסעניש און מלחמות: די קאָנקורענץ, דער סאָלידאַרער פאַרבאַנד צווישן די פאַרשידענע פראָדוצירנדיקע חברות וועט זיך אַלץ מער פאַרפעסטיקן.

מיטן אָפשאַפן דאָס פריוואַטאייגנטום וועט שוין אויך אויפהערן די שפאַלטונג פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט אויף קלאַסן, אויף פריווילעגירטע און בעולטע, אויף הערשנדיקע און אונטערדריקטע. די גאַנצע געזעלשאַפט וועט מיט זיך פאָרשטעלן איין אָרגאַניזם, וועלכער אַרבעט געמיינזאַם פאַר אַלעמענס געמיינזאַמע באַדערפנישן און טרעט אַרויס סאָלידאַר און איינהייטלאַך אין אַלע געזעלשאַפטלאַכע פראַגן.

די מלוכה, וועלכע איז ביז איצט געווען אַ קלאַסנאינסטרומענט און האָט מיט איר מאַכט פאַרגוואַלדעוועט די עקאָנאָמיש אונטערגעוואָרפענע, וועט ביי דעם איינהייטלאַכן באַשטאַנד פון דער געזעלשאַפט פאַרלירן אירע פריערדיקע פונקציעס און וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אמתן און דירעקטן אָרגאַן פון דער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט מיט איין און איינציקער פונקציע: צוועקמעסיק און אויסגערעכנט אָרגאַניזירן די

אַרבעט און פאַרטיילונג צווישן די פּראָדוצירער.

אָנשטאָט צו באַפעלן און הערשן איבער מענטשן, וועט די מלוכה באַפעלן נאָר מיט געשאַפענע גיטער, מיט די קאָלאָסאַלע און מוראדיקע נאַטורכחות לטובת דער געזעלשאַפט.

די מענטשן וועלן דעמאָלט בכלל שוין נישט פירן קיין לעבן ווי חיות. דער קאַמף צווישן מענטשן וועט אויפהערן און ער וועט דאַרום מיט גרויס פּעולה און הצלחה אָנגעווענדט ווערן נאָר געגן דער נאַטור. דער מענטש וועט ווערן דער אמתער באַלעבאָס איבער איר. ער וועט שוין נישט זיין קיין שפּילצייג פון בלינדע, סטיכישע סאָציאַלע כחות, וועלכע וואַרפן אים איצט ווי אַ שפּענדל, געטראָגן פונם שטראָם. דער מענטש וועט גובר זיין די סאָציאַלע סטיכיע, ער וועט אין זיין סאָציאַלן לעבן אַריינטראָגן אָרגאַניזאַציע און פּלאַנמעסיקייט און וועט דאַדורך דערגרייכן די העכסטע פאָרמען פון פּראָגרעס און אַנטוויקלונג.

דער יחיד, דער אינדיווידואום וועט שוין נישט שטיין, ווי אין היינטיקער צייט, אין קיינע קאָנפליקטן מיטן כלל, מיטן קבוץ. די אינטערעסן פון איינעם וועלן זיך האַרמאָניש צונויפגיסן מיט די אינטערעסן פון אַלע און וועלן ווערן בשלמות באַפרידיקט דורך דעם אָרגאַניזירטן, קאָלעקטיווטן ווילן. דער היינטיקער סטיכישער צוואַנגפאַרבאַנד פון יחיד און געזעלשאַפט וועט זיך דעמאָלט פאַרוואַנדלען אין אַ באַוואוסטזיניקער, פרייוויליקער פאַרייניגונג צווישן גלייכע און פרייע פּראָדוצירער—אין אַ פאַרבאַנד, וועלכער טאַמעוועט נישט די כחות, שטערט נישט זייער אַנטוויקלונג, נאָר פאַרמערט זיי, גיט זיי צו מער ממשות און קראַפט און פאַרפעסטיקט די ממשלה פון מענטשלאַכן קאָלעקטיוו איבער דער נאַטור. צום ערשטן מאָל אין זייער געשיכטע וועלן די מענטשן שאַפן זייער געמיינזאַמען לעבן באַוואוסטזיניק. זיי וועלן אַריבערשפּרינגען דעם איינגן קרייז פון אייזערנעם מוז אין דער ברייטער וועלט פון פרייהייט.

דער סאָציאַליזם וועט מבטל מאַכן די עקזיסטענצמעגלעכקייט פון פּריווילעגירטע און פּאַראַזיטישע עלעמענטן—יעדער מיט-

גליד פון געזעלשאַפט וועט מוזן אַרבעטן, שאַפן, אָבער די אַרבעט וועט שוין נישט זיין קיין אָפּקומעניש אויף דער וועלט, קיין צרה. די קללה, מיט וועלכער אדם הראשון איז פאַרשאָלטן געוואָרן („מיטן שווייס פון דיין פנים זאָלסטו דיין ברויט עסן“), וועט שוין מער קיין האַפט נישט האָבן איבער די מענטשן. מחמת דער פּלאַנמעסיקער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און דער ראַציאָנעלער אויסנוצונג פון די געשאַפענע אינדוסטריעמיטלען, וועט די מענטשלאַכע אַרבעט זיין באַשריינקט ביזן קלענסטן גראַד. די פיזיש שווערע אַרבעט וועט אַרויפגעלייגט ווערן אויף די דעמאָלטיקע שקלאַפן—די מאַשינען. דער מענטש וועט נאָר באַדאַרפן אָנצעפירן מיט די טויטע נאַטורקרעפטן און זיי צווינגען, זיי זאָלן אים דינען, זיי פאַרוואַנדלען אין שאַפנדיקע גיטער פאַר אים. דער באַוואוסטזיין, אַז מען אַרבעט נישט פאַר פרעמדע, נאָר דאָס גאַנצע געשאַפענע וועט גיין פאַר דעם נוצן פון די פּראָדוצירער, וועט די לעצטע צוגעבן נאָכמער חשק און מוט צו דער אַרבעט.

די אַרבעט וועט שוין זיין אַן אָנגענעמע באַשעפטיקונג, וועלכע שטאַרקט און גלייכט אויס די גלידער און פאַרשאַפט נאָר פאַרגעניגן. בכלל וועט זי נישט זיין אַזוי מעכאַניש און ספּעציאַליזירט ווי היינט. די מאַשינען, וועלכע זיינען היינטיקע צייטן נאָר אַ קאָנקורענצאַך מיט די פיזישע כחות פון די מענטשן, וועלן דעמאָלט ווערן נאָר אָנגעפירט פון מענטשן. נאָר די געזעלשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציע אַליין וועט זיין מסוגל אויסצונוצן די נאַטורקרעפטן אויפן העכסטן גראַד און דערפירן זייער אַרבעטספעהיקייט ביז די גרעסטע מעגלאַכקייטן. דער מענטש וועט נאָר דאַרפן שטודירן די נאַטורדערשיינונגען, אויספאָרשן די כוחות, וועלכע ברענגען זיי אין באַוועגונג. ער וועט זיך באַטייליקן אין פּראָדוקציעפּראָצעס באַוואוסטזיניק: וויסנשאַפטלאַך, מיטן קאָפּ און קענטניש. דערביי וועט די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלאַכער עשירות, די באַוואוסטזיניקע באַציונג און פּלאַנמעסיקייט פון דער פּראָדוקציע שאַפן פאַר אַלע מענטשן אַ מעגלאַכקייט אָפּצוגעבן זיך דער וויסנשאַפט

און קונסט. אַלע וועלן באַקומען יענע פרייהייטסמעגלעכקייט פון געניס און שטאַרקן אינטערעס צו שאַפן און דיינקען, ווי דאָס שקלאַפּנסיסטעם האָט עס געטאָן נאָר פאַר אַ קליינער גרופּע שקלאַפּנבאַזיצער, אָדער ווי די אויפגעקומענע בורזשואַזע אָרדנונג (רענעסאַנס) האָט עס געגעבן נאָר איינצלנע יחידים, געקויפט דורך בלוט און טרערן פון דער איבריקער מענטשהייט.

די פּראָדוקציע וועט זיין אַ געזעלשאַפטלאַכע און במילא וועט די געזעלשאַפט שוין דאַרפן זאָרגן וועגן איר יעדן מיטגליד, אַז זיינע כוחות און פעהיקייטן זאָלן נישט גיין לאיבוד און זאָלן ווי אַמבעסטן אויסגענוצט ווערן. דאַרום וועט דער אויסוואַל פון אַ באַשעפטיקונג שוין נישט זיין קיין צופאַל ווי איצט, נאָר וועט פאָרקומען לויט די נאַטירלאַכע נייגונגען און פעהיקייטן פון יעדן איינעם. צוליב דערזעלבער סיבה וועט אויך די געזעלשאַפט האָבן צו זאָרגן וועגן דער דערציונג פון יונגן דור, די צוקונפטיקע פּראָדוצירער. די קינדערדערציונג וועט זיין אַ געזעלשאַפטלאַכע, די קינדער וועלן אונטער אַ ספּעציעלער השגחה ווערן צוגעגרייט צו זיין נוצלאַכע און פרייע בירגער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און זייערע באַגאַבטע כוחות און טאַלאַנטן וועלן נישט געשטערט ווערן דורך זייטיקע מניעות, נאָר וועלן זיך פולקום אַנטוויקלען און שיין פאַנאַנדערבליען אויף צו באַצירן און באַפיינערן דאָס מענטשלאַכע לעבן.

פון דעם אַלעם געזאָגטן מוז יעדער מודה זיין, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדנונג וועט זיין דער אמתער רענעסאַנס—דער תחית-המתים פון דער דערשלאָגענער מענטשהייט.ביים סאָציאַליזם וועט די מענטשלאַכע געזעלשאַפט זיך צוריקקערן צו איר אַמאָליקער גלייכהייט, נאָר אין אַ קאָמפּליצירטער און העכערער פאָרם. די מענטשן וועלן דעמאָלט שוין נישט טראָגן אויף זיך דעם עול-פּרנסה און וועלן שוין נישט זיין אָפּהייניגיק פון סטיכישע קרעפטן—זיי וועלן ווערןווירקלאַך פריי. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלן זיין שטאַרק אַנטוויקלט די געפילן פון סאָלידאַריטעט, צוגעבונדנקייט, האַרמאָ-

ניע און ליבע; די קנאה- און שנאה-געפילן, די פאַרברעכנס און רדיפות, וועלכע זיינען איינג צונויפגעקניפּט מיט דער אומגלייכהייט פון דער היינטיקער אָרדנונג, וועלן דעמאָלט קיין אָרט נישט האָבן און אַן אויפריכטיקע ברידערלאַכקייט וועט זיך איינשטעלן צווישן אַלע מענטשן.

דאָס וועט ווירקלאַך זיין אַ פרייע, ליכטיקע וועלט. פריי און ליכטיק פאַר אַלעמען, פול פרייד און גליק אָן שום אויסנאַם.

דער פּראָלעטאַריאַט און פּאָליטיק.

די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג טראָגט אין זיך שוין דעם קערן און די שפּראָצונגען פון דעם סאָציאַליזם. זי שאַפט אויך דעם קלאַס, וועלכער וועט זי גופא פון דער וועלט אומברייגגען און די סאָציאַליסטישע אָרדנונג אַוועקשטעלן. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז מעוברת מיטן סאָציאַליזם, זי ברייגגט מיט זיך מיט אויך דעם אַקושאָר, וועלכער וועט מיטהעלפן דעמדאָזיקן געבורט. דאָס איז דער פּראָלעטאַריאַט—דער קלאַס לוינאַרבעטער. דער־דאָזיקער קלאַס ווערט דער קרבן פון דער אַלטער וועלט און דער ענערגישער בויער פון דעם סאָציאַליזם.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע האָט אַרויסגעריסן דעם פּראָדוצירער פון זיין ווערקשטוב, האָט עקספּראָפּריאירט ביי אים די מיטלען צו פּראָדוצירן און האָט צונויפגעזאַמלט גרויסע מאַסן פון דערפער, פון שטעטלאַך, פון פאַרשידענע געגנטן אין די פאַבריקן, האָט זיי צוגעשמידט צו די מאַשינען, דערשלאָגן, מבולבל. מיט אַ באַשריינקטן קוק זיינען זיי אין פאַבריק אָנגעקומען, נישט וויסנדיק, פונוואַנען האָט זיי דער אומגליק געטראָפן און ביי וועמען זאָלן זיי הילף זוכן. דער געמיינזאַמער פּראָצעס פון אַרבעט און זייער גלייכע לאַגע איבערראַנדערשט זיי איינגאַנצן. זיי זיינען שוין נישט איינזאַם, אָפּגעריסן, יעדערער מיט זיין אייגענער צרה. אין זייער נויט זעען זיי שוין אַ צרות רבים, זייער לאַגע איז שוין פאַרבונדן מיט דער לאַגע פון טויזנטער זייער גלייכן. זיי לערנען זיך אויס צו זען די געזעלשאַפטלאַכע זייטן פון זייער עלנט, ס'אַרבעטן זיך ביי זיי אויס געפילן פון סאָ-

ל י ד אַ ר י ט ע ט. דער היפּוך צווישן די אַרבעטנדיקע און קאַפּיטאַליסטן טרעט אַרויס פאַר זיי אַלץ בולטער. אָנפאַנג זעט זיך די אינטערעסנגעמיינזאַמקייט פון די עקספּלאָאַטירטע נאָר ביי די אַרבעטער פון איין פאַבריק, שפּעטער פאַרשפּרייט זיך זייער דערפאַרונג אויף דעם גאַנצן פאַך, ביז זיי לערנען זיך אויס זען אין אַלע לוינאַרבעטער איין קלאַס מיט די זעלבע אינטערעסן.

דער הילף- און מאַכטלאָזער פּראָלעטאַריער טרעט שוין אַרויס אָרגאַניזירט, ווי אַ קלאַס געגן זיינע אונטערדריקער, די עקספּלאָאַטאַטאָרן. דער קלאַסנקאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און קאַפּיטאַליסטן צופלאַקערט זיך אין דער היינטיקער געזעלשאַפט.

אָבער כּל-זמן דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך יונג, אומדערפאַרן, גיסט זיך אויס זיין קאַמף אין אַן אויסברוך פון צאָרן און סטיכישע אַרויסטרעטונגען. ער האָט נאָך נישט קיין גענויע פאָרשטעלונגען וועגן דעם שייכות פון זיין לאַגע און דער גאַנצער אָרדנונג, ער טאַפּט נאָך אינדערפינסטער, ער זוכט נאָך די וועגן פון זיין באַפרייונג.

צייטנווייז גיט זיך איין פאַרשידענע בורזשואַזע פּאַרטייען צוציען, צוליב וועלכע עס איז הנחות, די אַרבעטערמאַסן אויף זייער זייט; זיי קויפן אונטער די ליידנדיקע מיט הבטחות צו רעפאָרמירן און אויסבעסערן די איצטיקע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן, אויסבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע, פאַרהיטן זיי פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע. אָבער די דערפאַרונג לערנט נאָר אויס די אַרבעטער, אַז קיין שום האַלבע מיטלען, קיין שום לאַטעס און לעכערפאַרשטאָפּן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג וועלן זיי נישט באַפרייען פון זייער אונטערדריקטער ראָלע אַלס לוינשקלאַפן. ס'וואַקסט זייער באַוואוסטזיין.

די באַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריער בילדן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אַרבעטספּאַרטיי, וועלכע פירט אָן מיט דעם קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, דריקט אויס באַוואוסטזיניק זיינע שטרעבונגען און שטעלט זיך דעם ענדציל—ראַדיקאַל און לגמרי איבערצואַנדערשן די אייגנטומפאַרהעלטנישן, דערקלערן פאַר געזעל-

שאַפטלאַך אַלע פּראָדוקציעמיטלען—אַ סאָציאַלע איבערקערעניש אין מענטשלאַכן לעבן. אַרבעטער וועלן עקספּראָפּריאירן זייערע פריערדיקע עקספּראָפּריאַטאָרס און וועלן אויף אַזאַ אופן אומקערן זייערע זעלבשטענדיקייט און פרייהייט.

קיין שום סאָציאַלע פאָרמאַציע גייט אַליין פון דער וועלט נישט אַוועק און קיין שום נייע אָרדנונג ווערט פון זיך אַליין נישט אַוועקגעשטעלט. תמיד און אומעטום שטיצט זי אונטער דעריעניקער קלאַס, וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין איר עקזיסטענץ און קעמפט דאַרום אין איר פאַרווירקלאַכונג. דער טרעגער פון סאָציאַליסטישן אידעאַל איז דער פּראָלעטאַריאַט, ער איז בלוטיק פאַראינטערעסירט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָאַטאַציע זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, ער ווערט געטריבן אין קאַמף פאַר זיין סאָציאַלע באַפרייונג.

כדי וועלכער עס איז קלאַס זאָל קענען פאַרווירקלאַכן די אָרדנונג, צו וועלכער ער שטרעבט, באַדאַרף ער האָבן די מאַכט דערצו: דער מלוכהאַפּאַראַט באַדאַרף זיך געפינען אין זיינע הענט, ער מוז אויסנוצן די פּאָליטישע געוואַלט געגן די געגנער, וועלכע האַלטן זיך ביים אַלטן און שטערן די נייע לעבנספאָרמען צו פאַרווירקלאַכן. דערפאַר איז די שטרעבונג צו דער פּאָליטישער הערשאַפט, צו דיקטאַטור געווען דער אויסגאַנגפּונקט פון אַלע סאָציאַלע קאַמפן אין די פריערדיקע צייטן. האָט זיך איינגעגעבן דעם אויפגעקומענעם קלאַס אַריינצונעמען די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענט, איז ער שוין אויך געווען ביכולת זיין סאָציאַלן אידעאַל צו פאַרווירקלאַכן. דער סאָציאַליזם וועט אויך נישט אַראָפּשפּרינגען פון הימל. די מענטשן וועלן נישט איבער איין נאַכט אַריבערשפּרינגען פון דעם היינטיקן עלנט אין דער סאָציאַליסטישער מלוכה. דער קלאַס קאַפּיטאַליסטן און זייערע באַדינער און באַשיצער וועלן זיך מיט אַלע כחות געגן דעם ווידערשטעלן און דערצו נישט דערלאָזן. דערום שטעלט זיך דער פּראָלעטאַריאַט די אויפגאַבע—אויסצוקעמפן די פּאָליטישע מאַכט, וועלכע וועט פאַר אים מעגלאַך מאַכן מבטל צו זיין אַלע היינטיקע איינגנטומספאַרהעלטנישן, אָפּשאַפן דאָס פּריוואַטאייגנטום און

די נייע אָרדנונג צו פּראָקלאַמירן.

די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג מיט איר שנעלער אַנטוויק-
לונג, מיט איר פּראָלעטאַריזירן די ברייטסטע מאַסן, מיט איר קאַ-
פּיטאַלקאָנצענטראַציע שאַפט אַליין די דאָזיקע גרויסע קאַמפּסאַרמיי,
פאַרייניקט אַרום דער סאָציאַליסטישער פאָן אַלץ מער גרויסע
מאַסן; דער באַדייטנדיקער רוב פון פאָלק וועט, ענדלאַך, אַרויס-
טרעטן געגן דער הייניקער אָרדנונג און וועט אונטערשטיצן
דעם פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַרן סאָציאַ-
ליזם.

די דאָזיקע ממשלה אָבער קאָן נישט קומען אַלס פּועל-יוצא
פון פאַרכאַפּן די מאַכט דורך אַ מינדערהייט. אַזאַ מאַכטפאַרכאַ-
פּונג קאָן נישט האָבן קיין האַפט און וועט נישט זיין ביכולת
די נייע סאָציאַלע אָרדנונג צו אָרגאַניזירן. קודם-כל איז נויטיק,
אַז די פאָרבאַדינגונגען, וועלכע מאַכן מעגלאַך דעם איבערגאַנג
פון קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט צו סאָציאַליסטישער, זאָלן שוין
זיין גענוג רייף און פעסט, זיי זאָלן אַרויסטרעטן אַנטפּלעקט און
בולט פאַר די מאַסן. דער פּראָלעטאַריאַט גופא באַדאַרף ווערן
מסוגל צו דער דאָזיקער גרויסער אויפגאַבע, באַדאַרף דורכמאַכן
אַ לאַנגן פּראָצעס פון קלאַסנקאַמף, דערווערבן דערפאַרונג,
דורכדרינגען זיך מיטן באַוואוסטזיין. ער דאַרף ווערן ראוי
און צייטיק צו זיין גרויסער שליחות, וועלכע די געשיכטע האָט
אויף אים אַרויפגעלייגט. די איבעריקע פאָלקסמאַסן באַדאַרפן ווערן
דורכגעדרונגען מיט דער זיכערקייט, אַז דער איינציקער אויס-
וועג צו זייער עלנט איז—דער סאָציאַליזם, און אַז דער
פּראָלעטאַריאַט דריקט אויס מיט זיינע שטרעבונגען די פרייהייט
און גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. די מערהייט פון גאַנצן
פאָלק באַדאַרף זיין אויף דער זייט פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַ-
ריאַט און אים אונטערהאַלטן אין זיין הערשאַפט. צו דער דאָזי-
קער גרויסער ראָל גרייט די סאָצ. דעמאָקראַטיע צו דעם פּראָ-
לעטאַריאַט.

נאָר דער פּראָלעטאַריאַט, נאָר די לוינאַרבעטער,
אַלס קלאַס, זיינען מסוגל זיך דורכצודרינגען דורך-און-דורך מיטן

סאָציאַליסטישן אידעאַל. פאַרשידענע רעפאָרמען און סאָציאַלע איינריכטונגען קאָנען פאַרגרינגערן זייער לאַגע, קאָנען זיי אָפּהיטן פון דער איבערעקספּלאָטאַציע און פּרימיטיווער, איבערמענטש־לאַכער פאַרשקלאַפונג. זיי קאָנען אָבער נישט און זיינען נישט אימשטאַנד זיי אינגאַנצן פון דער עקספּלאָטאַציע צו באַפרייען, ענדערן זייער מצב, אַלס לוינגעדונגענע; דעריבער בילדן טאַקי די לוינאַרבעטער דעם קערן און גרונטבאַשטאַנד פון דער ס אָ צ.־ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע. די איבעריקע געדריקטע לייט, די קליינע און האָרעפּאַשנע מענטשעלאַך פון בעלי־מלאכות און איבעריקע פּראָפעסיעס שטיצן אונטער, מערסטנטייל, די־יעניקע פּאַרטייען, וועלכע טראָגן זיך נאָך אַרום מיט די חלומות וועגן באַשריינקן דעם גרויסקאַפּיטאַל, אומקערן זיך צו די אַלטע אומשטענדן פון קליינ־פּראָדוקציע, שטיצן די מלאכה און באַשיצן דעם קליינעם קאַפּיטאַל. זייער גאַנצע פּאָליטיק איז געגרינדעט נישט אויף צו באַקעמפן דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אים אויפצוהאַלטן, נישט דערלאָזן זיין אַנטוויקלונג: זייער אידעאַל זוכן זיי, נישט ווי דער פּראָלעטאַריאַט, אין דער צוקונפט, נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, אויף אַזויפיל זיינען זיי ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר, זיי שפּייזן זיך מיט הינטערשטעליקע אידעאַלן, זיי חלומען פון אַ צייט, וואָס איז שוין אויף אייביק פאַרשוואונדן.

אָבער אונטער דעם דרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און דער וואַקסנדיקער ווירקונג פון דער סאָצ. דעמאָקראַטיע גייען איינציקע פערזאָנען פון יענע קלאַסן און אָפּטמאָל גאַנצע שיכטן אַריבער אויפן שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט. זיי פאַרלאָזן דעם באָדן פון קאַפּיטאַליסטישער ווירקלאַכקייט און שטייען־צו צו די רעוואָלוציאָנערע אָנשויונגען פון פּראָלעטאַריאַט און קעמפן שוין צוזאַמען מיטן לעצטן אין איינגע, געשלאָסענע רייען.

די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, ווי מיר האָבן געזען, ווערט צוריסן פון אינערלאַכע סתירות. איינע פון די שאַרפסטע געגנזאַצן פון דער הייַנטיקער אָרדנונג איז—די שטאַרקע אַנטוויקלונג פון סחורותאומבייט, פון דער אַרבעטסצעטיילונג, וואָס פאַרבינדט אַלץ איינגער פאַרשידענע לענדער צווישן זיך; ס'איז שוין נישט

מעגלאַך קיין איין געשלאָסענע מלוכהווירטשאַפט; דער האַנדל און אינדוסטריע שפּרינגען אַריבער די גרעניצסלופּעס און ווערן געפירט אינטערנאַציאָנאַל, צווישן די מלוכות. אָבער אין דערזעלבער צייט טרייבט די קאָנקורענץ די מלוכות צו קאָנ־פליקטן, צו רייסעניש און בלוטיקע מלחמות. דער קאַפּיטאַליסטי־שער קלאַס, פירנדיק זיין אינדוסטריע אינטערנאַציאָנאַל, מוז צוליב זיין עקאָנאָמישע לאַגע זיין נאַציאָנאַליסטיש, געגנשטעלן זיין לאַנד געגן דעם שונא, זיך באַוואָפנען און באַשיצן פון פרעמדער קאָנקורענץ. דער פּראָלעטאַריאַט אָבער האַלט זיך אויף סאָלידאַריטעט, די אינטערעסנגעמיינזאַמקייט צווישן די אַרבעטער פון איין לאַנד פאַרשפּרייט זיך ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע אויך אויף די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער. זיי זיינען שוין נישט „פרעמד", איינאַנדער, קיין שונאים אודאי נישט; זייער גלייכע לאַגע אַרבעט אויס ביי זיי גלייכע און דיזעלבע אידעאַלן און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פאַרטרייבן פון די אַרבעטערהערצער אַלע געפילן פון „פיינטשאַפט" און „נקמה" בנוגע אַנדערע פעלקער. די פאָדערונג פון אַפרידלאַכן פעלקערפאַרבאַנד ווערט פון פּראָלעטאַריאַט אַרויסגעשטעלט אַלס גרונטשטיין פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג גופא, אַלס באַפרייונגסבאַווע־גונג פון פּראָלעטאַריאַט, קען נישט פאָרקומען נאָר אין איין מלוכה, אָפּגעריסן פון דער וועלט אַרום; דער ערפאָלג פון דער אַרבעטערבאַוועגונג אין איין אָרט הייגנט פיל אָפּ פון דעם מצב פון דער אַרבעטערבאַוועגונג אין אַ צווייטן אָרט, און אַזוי שאַפט זיך אַן אַלוועלטלאַכע אַרמיי פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע קעמפט אומעטום אין אַלע לענדער, אין פאַרשידענע מלוכות, פאַר איין און דעמזעלבן ענדציל—פאַרן סאָציאַליזם.

דער ענדציל ביי אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז איי־נער און דערזעלבער. אָבער אַזוי ווי די טאָג. דעמאָקראַטיע קלערט נישט מיט איין קלאַס, דורך אַ פאַרשווערונג אָדער גע־

לונגענעם אויפשטאַנד צו פאַרווירקלאכן דעם סאָציאַליזם, נאָר
שטעלט זיך דעם ציל אָנצופירן דעם קלאַסנקאַמף פון פראָלעטאַ-
ריאַט, אים צו דערציען און אַנטוויקלען פאַר דערדאָזיקער גרויסער
אויפגאַבע, שטייט איר פאָר, פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון דעם
ענדציל, אַ גאַנצע רייע נאָענטע אויפגאַבן, וועלכע קאָנען נאָך
פאַרווירקלאַכט ווערן ביי די קאַפּיטאַליסטישע פראָדוקציע-אופנים.
דאָס זיינען מיטלען צו דערגרייכן דעם ענדציל; דורך זייער
הילף קאָן זיך דער פראָלעטאַריאַט דערשלאָגן זיין צו סאָציאַלער-אי-
בערקערעניש.

דידאָזיקע נאָנטסטע אויפגאַבן קענען שוין נישט זיין גלייך
אין אַלע לענדער. אין אַנדערע פון זיי האָט שוין דער קאַפּיטאַ-
ליזם דורכגעמאַכט אַ שטיק וועג און איז שוין פיל נענטער צו
דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, איידער אין די קאַפּיטאַליסטיש-
אָפּגעשטאַנענע מלוכות. אין אייניקע פון זיי זיינען די סאָציאַל-
פּאָליטישע אומשטענדן, ווי די כוחות-פאַרהעלטנישן צווישן די
קלאַסן, אַזוי אויך די פאָרמען פון זייער פּאָליטישער מאַכט, פאַר-
שידן און די סאַץ. דעמאָקראַטיע מוז זיך דאָ צופּאַסן צו די
קאָנקרעטע באַדינגונגען פון צייט און אָרט, און דאַרום זיינען
דידאָזיקע מינימאַלע פאָדערונגען—דאָס פּראָגראַם מי-
נימום—פאַרשידן אין פאַרשידענע לענדער.

דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם, ווי מיר האָבן געזען אין די פֿאַריקע קאַפּיטלאַך, איז נישט קיין זאַך, וועלכע וועט פּלוצלינג אַרויס־שפּרינגען און וועט פֿאַרטרייבן מיט זיין ליכט די בייזע ממשלה פֿון קאַפּיטאַליזם. ער איז אויך נישט בלויז אַן אויסדרוק פֿון מענטשלאַכע יושרגעפילן און עטיק, נאָר עס וועט קומען, אַלס א פּועל־יוצא פֿון דער אומאויפהערלאַכער מענטשלאַכער אַנטוויק־לונג, און וועט מקוים ווערן דורכן קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז פֿאַראינטערעסירט אין דער פֿאַרווירקלאַכונג פֿונם דאָזיקן אידעאַל.

אַזאַ אויפֿפאַסונג פֿונם סאָציאַליסטישן אידעאַל איז צום ערשטן מאָל געמאַכט געוואָרן דורך מאַרקס און ענגעלס און איז באַקאַנט אונטערן נאָמען—דער וויסנשאַפֿטלאַכער סאָציאַ־ליזם. ער איז וויסנשאַפֿטלאַך דורכדעם, וואָס ער באַגרייפֿט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַלס אַן אָביעקטיוו־נויטווענדיקע אַנט־וויקלונגסשטופֿע. ער איז וויסנשאַפֿטלאַך אויך מיט דעם, וואָס ער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם אַרבעטערבאַוועגונג און זיי

ביידע זיינען געוואָרן איין גוף און נשמה.

נישט שטענדיק אָבער האָט דער סאָציאַליזם געהאַט אַזאַ אויסזען; יאָרנלאַנג האָט ער געשוועבט אין דער לופטן און איז נישט געווען קיין רעאַלע מאַכט אין לעבן. אין דעמדאָזיקן קאַפּיטל ווילן מיר באַקענען די לעזער מיט דעם אַנטוויקלונגסגאַנג פון סאָציאַליזם און זיינע אָנגעזועענסטע פאָרגענגער.

דער געדאַנק, אַז דאָס פּריוואַטאייגנטום איז דער הויפּט-מקור פון מענטשלאַכן עלנט אויף דער וועלט און אַז די מענטשלאַכע געזעלשאַפט באַדאַרף אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אָנפירן מיט איר פּראָדוקציע, איז שוין פיל מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון פאַרשידענע דיינקער אין פאַרשידענע עפּאָכען.

דער גריכישער פילאָזאָף פּ ל אַ ט אָ ן האָט זיך שוין מיט דעמדאָזיקן פּראָבלעם באַשעפטיקט. אין זיין בוך „די מלוכה" האָט ער געגעבן אַן אידעאַל פון אַ מענטשלאַכן קבוץ, וואו אַלע חסרונות פון זיין צייט וועלן אויסגעמידן ווערן. דאָס גאַנצע אייגנטום ווערט דערקלערט אַלס פאַרמעגן פון דער מלוכה און זי פירט-אָן מיט דער גאַנצער פּראָדוקציע. די מלוכה איז פאַראינטערעסירט, אַז ס'זאָל געשאַפן ווערן אַ דור פון געזונטע מענטשן, דיינקער און פילאָזאָפן, דערום דאַרף זי אויך השגחה געבן אויף די באַציונגען צווישן די געשלעכטער, און זייער פאַרייניגונג באַדאַרף פאָרקומען לויט געוויסע מלוכה-תקנות און רעגולירנדיקע כללים. בכלל פירן אָן מיט פּלאַטאָנס מלוכה די פילאָזאָפן, וועלכע שטייען גייסטיק און קינסטלעריש אויפן שפּיץ פון אַנטוויקלונג; זייער עובדא איז—פאָרשן און דערלערנען דעם מהות פון לעבן און אים איבערשאַפן אין נייע פאָרמען. מיט פיזישער אַרבעט באַשעפטיקן זיך נישט די בירגער פון פּלאַטאָנס מלוכה. אַרבעט איז אַ מיאוסע זאַך און זי פּאַסט נישט פאַר פרייע מענטשן. זי ווערט אַרויפגעלייגט אויף אַ נידריקערן קלאַס מענטשן, וועלכע זיינען באַך נישט מסוגל צו אַ לעבן פון פרייע בירגער—אויף די שקלאַפן. אַזוי זעען מיר, אַז ביי זיין גאַנצן גאונישען פאַרשטאַנד האָט פּלאַטאָן דאָך איבערגעלאָזן די עקספּלאָאַטאַציע פון שקלאַפן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון דער הויט פון דער

שקלאַפנווירטשאַפט, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט אַ בליק אויף די שקלאַפן, ווי אויף איינפאַכע ריידעוודיקע אינסטרומענטן, ווי אויף חיות, וועלכע דער מענטש עקספלאָאַטירט צו זיין נוצן.

שפּעטער מיט אַכצנהונדערט יאָר, גאָר בײַ אַנדערע פאַרהעלטנישן, ווען די בורזשואַזע ווירטשאַפט איז אויפגעקומען און האָט צושטערט די איינגעפונדעוועטע יסודות פון פעאָדאַליזם, ווען מענטשן זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייער ערד און דער געיעג נאָך געלט, נאָך לוקסוסזאַכן און רייכקייט איז אַוועק מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט, איז דערשינען (אין יאָר 1515) פון אַן איינגלישן געלערנטן און מיניסטער—טאָמאַס מאָר—אַ בוך מיטן נאָמען „אוטאָפּיע”. דאָס איז אַזאַ לאַנד, וואָס זי איז אין ערגעץ נישט בנמצא. פונם נאָמען פון דעם אויבנדערמאָנטן בוך, שטאַמט אויך דאָס וואָרט אוטאָפּיסטן—דאָס זיינען אַזעלכע דיינקער, וועלכע מאָלן אויס דאָס סאָציאַלע לעבן נישט לויט דער ווירקלאַכקייט, נאָר לויט זייערע אייגענע פאָרשטעלונגען און אידעאַלן.

אין זיין בוך „אוטאָפּיע”, דערציילט טאָמאַס מאָר פון אַ רייזנדער—היסטאָדייס, וועלכער האָט געפונען אויף זיין רייזע אַן אינזל „אָוטאָפּיע”. קיין פּריוואַטאייגנטום עקזיסטירט דאָרט נישט. ס'איז אויך אָפּגעשאַפט דאָס געלט און, במילא, שוין די אַלע פאַרגעניגנס און פאַרשווענדערייען, וועלכע געלט ברייגגט מיט זיך. מלחמות קומען דאָרט נישט פאָר און די בירגער באַשעפטיקן זיך נאָר מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. טאָמאַס מאָר האָט שוין געלעבט ביי אַנדערע אומשטענדן, ווי פּלאַטאָן, ער האָט שוין נישט געהאַלטן די אַרבעט פאַר אַ דערנידעריגלאַכע זאַך, ער האָט זי אָבער באַשריינקט נאָר מיט זעקס שעה, וועלכע שאַפן שוין פאַר דער געזעלשאַפט גענוג פּראָדוקטן צום לעבן. די בירגער פון דער אינזל דינען אַליין נישט אין מיליטער, און מאָר האָט געלאָזן דאָרט אַ געדונגענעם חיל, וועלכער באַקומט געלט פאַר זיין דינסט. בכלל איז דאָס בוך דורכגעזאַפט מיט יענער קאָכעדיקער און רעוואָלוציאָניזירענדיקער צייט און טראָגט אין זיך אַ שאַרפע קריטיק פון יענע אומשטענדן.

דאָסדאָזיקע בוך האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די אומצופרידענע, פאַראָרעמטע פון דער דעמאָלטיקער צייט. ס'האָבן זיך געבילדעט פיל סעקטעס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט דעם ציל פאַרווירקלאַכן אין לעבן די געדאַנקען פון איינגלישן געלערנטן. די באַוועגונג פון טאָמאַס מינצער—אַ פירער פון די רעוואָלוציאָנערע פויערים-אונטערן נאָמען „ווידערטויפער"—האָט זיך אינגאַנצן געהאַלטן ביי דער לערע פון טאָמאַס מאָר. די אַלע אויפגעקומענע סעקטעס זיינען אין אַ קורצער צייט זיך צעפאַלן צוליב די רדיפות און רעפּרעסיעס פון די אַבסאָלוטע הערשער. טאָמאַס מאָר אַליין איז שפּעטער (אין יאָר 1535) אויפגעהאַנגען געוואָרן לויטן באַפעל פון איינגלישן קעניג הענריך דעם אַכטן.

מיט 100 יאָר שפּעטער (אין יאָר 1620) איז דערשינען אַ צווייט בוך פון אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך — טאָמאַס קאַמפּאַנעלאַ. דאָס בוך הייסט די „זון-מלוכה" און באַשרייבט דאָס לעבן פון די זון-איינוואוינער, די „סאָליאַרער". דאָס פּריוואַטאייגנטום איז דאָרט אָפּגעשאַפט. געאַרבעט ווערט נאָר פיר שעה אין טאָג. די איצטיקע פאַמיליע עקזיסטירט דאָרט אויך נישט. די געשלעכטלאַכע באַדינגונגען קומען פאָר לויט באַשטימטע רעגעלן און תקנות. די קינדער געהערן דער מלוכה. זיי זיינען ביי דער מוטער, כל זמן זיי נויטיקן זיך אין איר ברוסט. שפּעטער ווערן זיי פון דער מוטער אַוועקגענומען און ווערן דערצויגן אין מלוכהאַנשטאַלטן. די פעהיקייטן פון קינד ווערן אויסגעפּרובט, עס מאַכט דורך פאַרשידענע פאַכן און קענטנישן, ביז עס שטעלט זיך אַרויס בולט זיין נאַטורנויגונג און מיט דעם באַשעפטיקט עס זיך. אַלע בירגער פון אַ געוויסן עלטער באַטייליקן זיך אין די פאָלקספאַרזאַמלונגען, האָבן אַ דעה אין די מלוכה-ענינים. די אַלטע לייט ווערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה פאַר דעם שכר פון זייער פריערדיקער אַרבעט. עס הערשט אַ פולקומע גלייכהייט צווישן די איינוואוינער פון דער זון-מלוכה. די בנינים זיינען אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז יעדער איינער, בעת ער פאַרטיידיקט זיין הויז, פאַרטיידיקט ער שוין אויך די גאַנצע שטאָט.

קאַמפּאַנעלאַ איז מיט גרויס התלהבות אַרויסגעטרעטן געגן יעזואיטנאָרדן. ער האָט די יעזואיטן באַשולדיקט, אַז זיי פעלשן די קריסטלאַכע רעליגיע, כדי זי צו שטעלן אין דינסט פון דעם פירשטלאַכן דעספּאָטיזם. ער האָט אויך אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד אין דרום־איטאַליע, וואו ס'האָט געהעלטיקט די בלוטיקע שפּאַנישע אינקוויזיציע. ער איז דורך די יעזואיטן אַרעסטירט געוואָרן. גאַנצע 27 יאָר האָט מען אים געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה אויפן מיטן ים. די אינקוויזיציע האָט אים זיבן מאָל אָנגעטאָן שרעקלאַכע יסורים, אָבער ער איז מיט גרויס מסירת־נפש פאַרבליבן ביי זיינע איבערצייגונגען און האָט אַרויסגעוויזן אַ קאַלטבלוטיקייט און פאַראַכטונג צו זיינע פּייניקער. געשטאָרבן איז ער אין פאַריז אין יאָר 1639.

די דערמאָנטע דענקער האָבן געלעבט ביי אַנדערע סאָציאַלע אומשטענדן ווי איצט; זיי האָבן נישט געקענט די קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט און זייער סאָציאַליזם שטייט דערום נישט אין קיין דירעקטן צוזאַמענהאַנג מיט דער לערע און באַוועגונגען פון הייַנטיקן סאָציאַליזם.

פאַר דירעקטע פאָרגייער און גרינדער פון סאָציאַליזם קען מען רעכענען די־יעניקע דענקער פון אָנפאַנג 19-טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן אַרויסגעטרעטן מיט אַ שאַרפער קריטיק געגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג—די אַזויגערופענע סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, מיט וועלכער די בורזשואַזיע האָט פאַרפעסטיקט איר ממשלה, האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ ביטערע אַנטוישונג. דער גלויבן אין ריינע פּאָליטישע איבערקערענישן איז שוין ביי זיי פאַרשוואונדן און זיי האָבן דערום זיך געווענדט צו די אייגנטומספאַרהעלטנישן און זיי געוואָלט איינאָרדנען אַזוי, אַז האַרמאָניע און ליבע זאָלן הערשן אין דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט.

שטאַרק איז געווען זייער גלויבן אין מענטשלאַכן שכל, און אים האָבן זיי געלעגט פאַר אַ יסוד אויך פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. „ביז אַהער האָבן די מענטשן געלעבט נישט

לויט די נאַטורגעזעצן, זיי האָבן געמאַכט פיל פעלערן און פון דעם שטאַמט דער אונזין און אומגעזונטקייט פון איצטיקן און פאַרגאַנגענעם צושטאַנד פון מענטשלאַכן געשלעכט". מענטשן באַדאַרפן זיך אָבער אומקערן צום שכל, צו דעם „נאַטירלאַכן געזעץ" און דאָס לעבן וועט שוין ווערן שיין און האַרמאָניש, אַלע וועלן קאָנען געניסן פון גליק, און די אַרבעט וועט ווערן פאַרן מענטשן אַ מזל-ברכה. מען דאַרף נאָר אָפּשאַפן די איצטיקע אייגנטומס-פאַרהעלטנישן, די מענטשלאַכע געזעלשאַפט באַדאַרף אָרגאַניזירן איר אַרבעט און ס'וועט זיך אַוועקשטעלן דער גן-עדן התחתון אויף דער וועלט.

פון דער גרויסער צאָל דיינקער וועלן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אויף די דריי גרעסטע, וועלכע האָבן געגרינדעט באַזונדערע סאָציאַליסטישע שולן—סען-סימאָן, שאַרל פּוריע און ראָבערט אָאוען.

סען-סימאָן איז אַליין אַן אַריסטאָקראַט און האָט געשטאַמט גאָר פון יחוסדיקן אַדעל. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אים געטראָפן אין זיינע יונגע יאָרן, ער איז נאָך דעמאָלט קיין 30 יאָר נישט אַלט געווען, און זי האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין זיינע בליקן. צו 40 יאָר האָט ער זיך גענומען ערנסט צו קענטנישן, האָט זיך געדונגען פאַרשידענע לערער און האָט פלייסיק שטודירט. זיין גאַנץ גרויס פאַרמעגן האָט ער אויסגעגעבן אויף וויסנשאַפטלאַכע נסיעות, ביכער און אַנקעטעס. אין יאָר 1812 איז ער שוין פאַרבליבן אָן שום מיטלען צום לעבן. אין זיינעם אַ בריף פון יענער צייט קלאָגט ער זיך, אַז אים קומט זיך אויס צו שפייזן נאָר מיט ברויט און וואַסער, וואוינען אין אַ נישט-געהייצטן, קאַלטן צימער און מוז אַלץ פאַרקויפן, אַפילו דעם לעצטן בגד פון לייב. דערפאַר איז אָבער די וועלט באַרייכערט געוואָרן מיט נייע געדאַנקען, מיט בליקן, וועלכע האָבן ווייט אַריינגעדרונגען אין דער צוקונפט.

סען-סימאָן האָט דער ערשטער געזען אין דער מענטשלאַכער געשיכטע אַ שטענדיקן פראָגרעס. ער האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז די אייגנטומספאַרהעלטנישן באַשטימען דעם גאַנצן

געזעלשאַפטלאַכן לעבן. „ס׳קען נישט פאָרקומען קיין ענדערונג פון אַ סאָציאַלער אָרדנונג״—האָט ער געשריבן—„אָן אַנטשפּרעכנדיקער ענדערונג אין דער פאָרם פון אייגנטום״. די גאַנצע פּאָליטיק האָט ער געזען נאָר אין דעם, ווי זי באַציט זיך צו אייגנטום און וועלכע מיטלען זי נעמט אָן די אייגנטומספאָרמען צו פאַרהיטן. אָבער דידאָזיקע פאָרמען, האָט ער געטענהט, זיינען נישט קיין שטענדיקע, זיי ענדערן זיך מיט דער צייט, און דאַרום מוז מען אויך איצט די אייגנטומספאַרהעלטנישן אַנדערש אַוועקשטעלן. דאָס איז געווען זייער אַ רעוואָלוציאָנערער בליק אין יענער צייט פון פאַרהייליקן דאָס פּריוואַטאייגנטום.

שוין ביי די שוואַכע פאָרמען פון דער דעמאָלטיקער אינדוסטריע האָט ער פאָרויסגעזען איר ווייטערדיקן פאַרלויף און האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער באַדייטונג פון אַרבעט. אין דער געזעלשאַפט האָט ער אַנטדעקט שאַרפע היפּוכים צווישן פילע, צו וועלכע ער האָט פאַררעכנט אַלע, וואָס לעבן פון פּריווילעגיעס,—אַלצאיינס, צי זיי קומען פון געבורט, צי זיי קומען פון דערוואָרבענעם קאַפּיטאַל: אַלע שפּעקוליאַנטן, פּראָצענטניקעס און פאַרשידענע רענטיערן און אַרבעטסאינדוסטריעלער; צו די לעצטע האָט ער אויך פאַררעכנט די פאַבריקאַנטן, סוחרים און געלערנטע. אין דער היינטיקער געזעלשאַפט פירט זיך אָבער אַ קאַמף פון אַלע געגן אַלע. יעדער יחיד איז אַ פיינט פון אַנדערן און יעדער איינער זוכט נאָר דעם צווייטן צו פאַרטרייבן און זיין אָרט צו פאַרנעמען. די אַ ר ב ע ט אָבער באַדאַרף ווערן געלייגט אַלס גרונט-יסוד פון אַ געזונטער געזעלשאַפטסאָרדנונג. אַלע בירגער באַדאַרפן אַ ר ב ע ט ן, שאַפן און האַנדלען לויט דעם אויפטראַג און אונטער דער השגחה פון דער מלוכה. אַלע באַדאַרפן זיין באַאַמטע ביי דער לעצטער. „אַ ל ץ ד ו ר ך ד ע ר אַ ר ב ע ט, אַ ל ץ פ אַ ר ד ע ר אַ ר ב ע ט״. די פּאָליטיק-דאָס איז די קונסט אָנצופירן מיט דער עקאָנאָמיק. די מלוכה באַדאַרף נישט האָבן צו שאַפן איבער מענטשן, נאָר איבער די פּראָדוקטן און דעם פּראָדוקציעפּראָצעס. יעדער מענטש באַדאַרף האָבן די מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען זיינע פעהיקייטן און באַקומען לויט זיין

אַרבעטסאויפטו. סען-סימאָן האָט שטאַרק געהאַלטן פון גרויסע
מענטשן און האָט זיי צוגעגעבן אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אין זיין
מלוכה. די אינדוסטריע באַדאַרף זיך פאַרייניקן מיט דער וויסנ-
שאַפֿט, די מלוכה—מיט דער נייער רעליגיע און דער שכל און
יושר וועלן שוין פאַרנעמען דאָס אָרט פון אומוויסנהייט און
שווינדל. סען-סימאָן האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף נאַפּאָ-
לעאָן דעם ערשטן, וועלכער וואָלט געקענט, לויט דער מיינונג
פון סען-סימאָן, די נייע מלוכה גרינדן און באַפעסטיקן.
דער אַריסטאָקראַטיזם פון סען-סימאָנס לערע, דער מיס-
טיש-רעליגיעזער נעבעל, מיט וועלכן ער האָט זי פאַרשלייערט,
האָבן נישט געקאָנט צוציען צו זיך די אַרבעטערמאַסן. ביי זיין
לערע האָבן זיך געהאַלטן נאָר געציילטע געלערנטע און אינטע-
ליגענטן, וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ
סעקטע, אָפּגעריסן פון פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן פון די מאַסן.
דאָך געפינען מיר שוין ביי סען-סימאָנען אַ געניאַלן ווייטן
בליק אויף דער אינדוסטריע-אַנטוויקלונג, אַ פאַרבאַנד צווישן עקאָ-
נאָמיק און פּאָליטיק און אויך רמזים אויף דעם קאַמף פון פאַר-
שידענע געזעלשאַפטלאַכע גרופּן אין דער מענטשלאַכער געשיכטע.
אויב סען-סימאָן האָט אַריינגעקוקט ווייט אין דער צוקונפט,
האָט שאַרל פוריע טיף אַריינגעדרונגען אין דער היינטיקער
קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. ער האָט זי פאַנאַנדערגעגלידערט און
האָט בייסיק און שאַרף אויסגעלאַכט אַלע פעלערן פון דער היינ-
טיקער ציוויליזאַציע.
די וועלט געפינט זיך אין אַ פאַרדאַרבלאַכן שענדלאַכן
און צוגעדריקטן מצב. דאָס נעמט זיך, הויפּטזעכלאַך, פון דער
צוריסנקייט פון די מענטשן,—פון דעם, וואָס מענטשן פירן די
אַרבעט אָפּגעזונדערט, אָן אַ פּלאַן פון פּראָפּאָרציאָנעלער באַלוי-
נונג, אָן אַ שום גאַראַנטיע פאַר דעם לוינאַרבעטער, אַז ער וועט
אויך באַקומען אַ חלק אין שאַפן די גרויסע עשירות.
אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פירט זיך אַן אומ-
אויפהערלאַכער קאַמף צווישן די בירגער. „יעדער קאַפּיטאַ-

ליסט פירט אַ מלחמה מיט דער מאַסע. די אַנאַר-
כיע אין דער פּראָדוקציע ברייננט אויך צו רויב און פּאַ-
ראַליזם די היינטיקע ציוויליזירטע געזעלשאַפט באַשטייט פון
⅓ פּאַראַזיטן. זי באַפרידיקט נישט די ערשטע פאָדערונג, וועל-
כע מען מוז שטעלן צו אַ גוטער סאָציאַלער אָרדנונג—די פאָדע-
רונג פון שאַפן דעם מעגלאַך גרעסטן סכום עשירות".

באַזונדערס שאַרף טרעט פוריע אַרויס געגן האַנדל און
סוחרים. זייענדיג אַליין יאָרנלאַנג אַ משרת אין אַ געשעפט, האָט
זיך דער קומענדיקער פילאָזאָף גוט צוגעקוקט צו דעם, וואָס קומט
פאָר אין דעמדאָזיקן וועלטל און האָט שוין נישט געקאַרגט קיין
שאַרפע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט געשילדערט די פּאַראַזי-
טישע ראָלע פון די סוחרים—פאַרמיטלער. דער סוחר, זאָגט פו-
ריע, עקספּלאָאַטירט אין זיינע אינטערעסן די הערשנדיקע ווירט-
שאַפטלאַכע אַנאַרכיע, די נישט-אָרגאַניזירטקייט פון דער פּראָ-
דוקציע און וואַרפט אונטער זי און דעם פאַרברויך אונטער זיין
יאָך. „דער גרונטפּרינציפּ פון קאָמערציעסיסטעם—שרייבט פוריע—
דער כּלל פון פולשטענדיקער פרייהייט גיט זיי דאָס אַבסאָלוטע
אייגנרעכט אויף די פּראָדוקטן, מיט וועלכע זיי האַנדלען. זיי
קאָנען די פּראָדוקטן אינגאַנצן אַרויסברייננען פון געברויך, פאַר-
באַהאַלטן זיי און פאַרברענען". די סוחרים פאַלסיפיצירן די פּראָ-
דוקטן, שטעלן אויף זיי גרויסע פרייזן, דער האַנדל באַשעפטיקט
נישט פּראָדוקטיוו אַ סך מענטשן, וועלכע וואָלטן געקאָנט טאָן
נוצלאַכע אַרבעט. „די הענדלער, שרייבט פוריע, שטעלן פאָר
מיט זיך אין דער סאָציאַלער אָרדנונג אַ פאַרבונדענע באַנדע פּי-
ראַטן (ים-רויבער), אַ געזינדל בייסנדיקע שלאַנגען, וועלכע פּלאָגן
די ערדאַרבעט און אינדוסטריע און וואַרפן זיך אונטער
אין אַלע הינזיכטן אונטער דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם. זיי פּערזענ-
לאַך קאָן מען אין דעם נישט באַשולדיקן, ווייל זיי פאַרשטייען
נישט די שעדלאַכקייט פון זייער פּראָפעסיע. נאָר ווען זיי וואָלטן
אַפילו דאָס פאַרשטיין, צי קאָן מען אַ וועלכן ס'איז שונא פון
דער געזעלשאַפט באַשולדיקן פאַר זיינע מעשים, ווען די גאַנצע

ציוויליזירטע אָרדנונג איז נאָר אַ שפּיל פון שווינדלער מיט נאַראָנים".

אין דער היינטיקער געזעלשאַפט גייען לאיבוד זייער פיל כוחות. די געמיינזאַמע אַרבעט וואָלט זיי געקאָנט זייער פיל עקאָנאָמיזירן. די אַרבעט האָט איצט קיין חן נישט. מענטשן אַרבעטן על פּי נויט, געטריבן פון הונגער און דאַרום קאָן זייער אַרבעט נישט זיין פּראָדוקטיוו.

די קאָנקורענץ אין דער געזעלשאַפט ברענגט אָפט צו קאַטאַסטראָפעס, קריזיסן. דאָס רוב מענטשן וואַרפט זי אַריין אין עלנט און אַ קליינעם טייל מאַכט זי רייך. ס'שאַפט זיך אַ געלטאַריסטאָקראַטיע, אַן אינדוסטריעלער אַדל, וואָס פאַרכאַפט די מאַכט און דריקט דאָס פאָלק. „די אינדוסטריעלע צענטרען, קאָנסטאַטירט פוריע — זיינען אַזויפיל איבערגעפאַקט מיט אָרעמע לייט און אפשר נאָכמער ווי אין די ערטער, וועלכע ווייסן גאָר נישט פון דעם היינטיקן פּראָגרעס. משמעות, אַז די קאָנקורענץ ברענגט אַ ציוויליזירט פאָלק צום זעלבן מצב פון אָרעמקייט און פאַרשקלאַפונג, אין וועלכן ס'געפינט זיך די באַפעלקערונג פון כינע און אינדאָסטאַן".

אין אַן איינגעאָרדנטער געזעלשאַפט אָבער באַדאַרף קיינער פון הונגער נישט שטאַרבן. יעדן מענטשן מוז ווערן אָנערקענט דאָס וויכטיקסטע רעכט—דאָס רעכט אויף אַרבעט, אָן וועלכן אַלע איבעריקע רעכט פאַרלירן שוין יעדע ממשות.

נאָר אַסאָציאַציע קאָן ברענגען די געזעלשאַפט צו דער „האַרמאָנישער אָרדנונג". די מענטשן באַדאַרפן נישט ברעכן זייערע ליידנשאַפטן און נייגונגען, נאָר קאָנען זיי דאָרט האַרמאָניש אויסנוצן פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. די מענטשלאַכע געמיינדע—דער פאַלאַנסטער—באַשטייט פון 16000 ביז 18000 מענטשן. די אַרבעט ווערט דאָרט צעטיילט אין סעריעס. יעדע גרופּע מענטשן קאָן אַרבעטן אין וועלכער סעריע זי וויל לויט אירע נייגונגען. ווערט איין אַרט אַרבעט איבערדריסיק, קאָן מען איבערגיין צו אַ צווייטער סעריע און אַזוי ווייטער. יעדער כוח

ווערט אויסגענוצט האַרמאָניש, ווי פאַר דעם יחיד, אַזוי אויך פאַר דער געזעלשאַפט.

פוריע האָט אויסגעאַרבעט זיין פּלאַן מיט אַלע פּרטים. ער האָט באַשריבן אַלע קלייניקייטן פון זיין פאַלאַנסטער, גאָרנישט פאַרביילאָזנדיק, אַלץ באַזאָרגנדיק. ער איז געווען זיכער, אַז ווען די מענטשן וועלן זען אַ מוסטער פון אַ שענערן לעבן, וועלן זיי שוין נישט קאָנען בלייבן ביי דעם איצטיקן אומזיניקן צושטאַנד. ער האָט אַפילו באַשטימט אַ שעה, פון 12 ביז 1 אַ זייגער, ווען ער וואַרט ביי זיך אין וואוינונג אויף דעם מיליאָנער, וועלכער וועט אים ברייגנען דאָס נויטיקע געלט איינצופירן זיינע פאַלאַנ-סטערן.

נעענטער צום לעבן און דער אַרבעטערבאַוועגונג איז גע-שטאַנען אַ דריטער גרינדער פון סאָציאַליזם—ראָבערט אָאוען. אַליין אַן איינגלענדער און פאַבריקאַנט דערצו, האָט ער זיך צו-געקוקט צו די גרויסע ערפאָלגן, וועלכע די אינדוסטריע האָט צו יענער צייט געמאַכט אין איינגלאַנד. מיט אַ מוראדיקער שנעל-קייט איז די געזעלשאַפט צופאַלן אויף גרויסע קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער מיט די-יעניקע אַלע שיינע זייטן, וועלכע דער קאַ-פּיטאַליזם ברייגנט מיט זיך.

ראָבערט אָאוען האָט געהאַלטן, אַז דער כאַראַקטער פון מענטשן ווערט געשאַפן פון דער אומגעבונג, פון דער סביבה. „דער כאַראַקטער פון מענטשן, האָט ער געשריבן, ווערט פאַר אים און נישט דורך אים געבילדעט". „שאַפט אַ נייע אָרד-נונג, נייע אומשטענדן און איר וועט דערלעבן נסים".

און ער האָט זיך גענומען צו שאַפן נייע אומשטענדן אין זיין פאַבריק אין ניו-לאַנאַרק מיט קרוב אַ 3 טויזנטיקער באַ-פעלקערונג. בעת אומעטום האָט מען געאַרבעט 14—15 שעה, האָט ער איינגעפירט ביי זיך אַ $10\frac{1}{2}$ שעהדיקן אַרבעטסטאָג. בעת או-מעטום האָט מען שוין אויסגענוצט די קינדערשע כוחות אין די פאַבריקן, האָט ער פאַר די אַרבעטערקינדער געגרינדעט קינדער-גערטנער, שולן. בעת די פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף 4 חדשים צוליב אַ קריזיס, האָט ער די אַרבעטער אויסגעצאָלט די

שכירות. בכלל האָט ער פאַר די אַרבעטער געשאַפן מענטשלאַכע אומשטענדן, האָט זיי אָפּגעווײנט פון שכרות, פון פאַרברעכן, פון פּאָליציי און געריכטן.

די גאַנצע אָפיציעלע געזעלשאַפט אין ענגלאַנד און אין אויסלאַנד האָט נישט אויפגעהערט צו רימען און לויבן דעם רעפאַרמאַטאָר און פילאַנטראָפּ, ראָבערט אָאוען. אָבער איז מיט זײַן אַרבעט נישט געבליבן שטאַרק צופרידן. „דידאָזיקע מענטשן, האָט ער געטענהט, זײַנען דאָך געווען מײַנע קנעכט, זיי האָבן דאָך געשאַפן אַ רײַכקייט, וואָס בײַ פריערדיקע צײַטן, וואָלטן באַדאַרפט אַרבעטן לכל-הפּחות 600,000 מענטשן. וואוהין איז דאָס אַרײַנגעקומען?" דער חשבון איז געווען אַ גאַנץ פּשוטער: די באַלעבאַטים פון דער פאַבריק האָבן באַקומען חוץ די 5% פאַר זייער קאַפּיטאַל נאָך 300,000 פונט שטערלינג. און דערזעלבער חשבון פון ניו-לאַנאַרק קאָן דאָך נאָך מיט מער רעכט אָנגעווענדט ווערן צו אַלע פאַבריקן פון ענגלאַנד. אַלזאָ, איז די אונטערשטע שורה אַ גאַנץ פּשוטע: די אַרבעט ווערט געשאַפן דורך דעם אַרבעטערקלאַס, באַדאַרף ער אויך באַקומען איר רעזולטאַט. די מאַשינען און די גרויסע פּראָדוקציעמיטלען באַדאַרפן ווערן אַ בשותּפותדיקע זאַך פון אַלע פּראָדוצירער און זיי באַדאַרפן בשותּפות דעם געשאַפענעם פּראָדוקט געברויכן. ראָבערט אָאוען האָט אויך נישט פאַרבייגעלאָזן די הײַנטיקע רעליגיע און פאַמיליע, וועלכע זײַנען אַ רעזולטאַט פון די הײַנטיקע אייגנטומסאומשטענדן און ער האָט געפּריידיקט די לערע פון קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט און פאַרברויך.

כּל-זמן ער איז געווען אַ פילאַנטראָפּ, האָט די בורזשואַזע וועלט, ווי געזאָגט, נישט געוואוסט, ווי זיך פון אים אָפּצולויבן, אָבער ווי נאָר ער האָט געהאַט די העזה אַרויסצוטרעטן געגן די יסודות פון דער הײַנטיקער אָרדנונג, האָט מען אים פאַרשריען און באַפאַלן, אַלס „צושטערער", פאַנטאַזיאָר. אַלע זײַנע באַקאַנטע און פרײַנט האָבן זיך פון אים אָפּגעזאָגט. ער איז אָבער פון דעם נישט אַראָפּגעפאַלן, האָט ווייטער מיט איפער געפּריידיקט זײַן לערע, האָט געגרינדעט קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין

אַמעריקע, האָט אויף דעם פֿאַרוועגדט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן און האָט זיך אויך באַטייליקט אין קאַמף פֿון די איינגלישע אַרבע־טער פֿאַר אַ קירצערן אַרבעטסטאָג. ער האָט אויך דער ערשטער אַוועקגעשטעלט ביי זיי פּראָדוקטיוו- און פֿאַרברויך-קאָאָפּעראַטיוון, וועלכֿע באַדאַרפֿן באַווייזן די מעגלאַכֿקייט צו באַגיין זיך אין דער אַרבעט און טויש אָן קאַפּיטאַליסטן און פֿאַרמיטלער.

די אוטאָפּישע סאָציאַליסטן צייכֿענען זיך אַלע אויס מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט די צוקונפֿטיקע מענטש־לאַכֿע געזעלשאַפֿט לויט דעם פֿאַרשטאַנד און יושרגעפֿילן. זיי האָבן זיך נישט געווענדט צו די עקספּלאָאַטירטע און נישט פֿון זיי האָבן זיי געוואַרט די פֿאַרווירקלאַכֿונג פֿון זייערע אידעאַלן. הויפּטזעכֿלאַך האָבן זיי זיך געווענדט צו די רייכֿע, צו די מעכֿ־טיקע, זיי האָבן אַפּעלירט צום מענטשלאַכֿן שכל און האָבן גע־גלויבט דורך מוסטערקאָלאָניעס די מענטשן צו אויפֿקלערן און זיי אַריינציען אין דער וועלט פֿון האַרמאָניע און ליבע.

אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן זיי אונטערגעוואָרפֿן אונ־טער אַ גרינדלאַכֿער קריטיק די היינטיקע געזעלשאַפֿט, האָבן אויפֿ־געדעקט אַלע סתירות און חטאים פֿון דער היינטיקער ציוויליזאַ־ציע און האָבן מיט די שענסטע פֿאַרבן געמאָלט די גאָלדענע צייט פֿון מענטשלאַכֿער האַרמאָניע און אַלגעמיינעם גליק. זיי האָבן צוגעגרייט גענוג שטאָף און מאַטעריאַל פֿאַר די שפּעטערדיקע פֿאָרשער, וועלכֿע זיינען דערשינען אין די 40־סטע יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט—פֿאַר די גרינדער פֿון װ י ס נ ש אַ פֿ ט ל אַ כֿ ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם.

מאַרקס און זיין שטאַם.

(ביאָגראַפישע סקיצע).

אין מערב-דייטשלאַנד, אין דער ריין-פּראָווינץ, אין שטעטל טריער, האָט געלעבט אין ערשטן פערטל פון 19 יאָרהונדערט די פאַמיליע פון אַדוואָקאַט היינריך מאַרקס.

דער אייגנטלעכער פאַמיליענאָמען פון דער משפּחה איז פריער געווען „מרדכי“, און אים האָבן געטראָגן לויטער רבנים פון פרייסן. ערשט נאָכדעם ווי היינריך האָט זיך דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון וואָלטער און די איבעריקע אויפגעקלערטע פון דעם 18-טן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווי ער איז צוגעשטאַנען צו די השכלה-אידייען, וועלכע האָבן באַהערשט צו יענער צייט פיל יידישע יונגע לייט אין דייטשלאַנד, האָט ער פאַרענדיקט מיט דער אַלטער יידישקייט, האָט געשטודירט יוריספּרודענץ, נאָכדעם זיך באַשעפטיקט מיט אַדוואָקאַטור און האָט אויך געענדערט זיין פאַמיליענאָמען „מרדכי“ אויף מאַרקס.

זיין פרוי הענריעטע מאַרקס האָט אויך געשטאַמט פון האָ-

לענדישע רבנים. די פאַמיליע פון אירע עלטערן איז געווען פּרעסבורג.

ביי דעמדאָזיקן יונגן פּאָר איז דינסטאָג, דעם 5 מאַי 1818, געבאָרן געוואָרן אַ זון קאַרל היינריך מאַרקס.

אָנפאַנג 19 יאָרהונדערט האָט נאַפּאָלעאָן געמאַכט זיין „שפּאַצירגאַנג" איבער דייטשלאַנד, האָט איינגענומען פיל דייטשע פּראָווינצן, צווישן זיי אויך דאָס שטעטל, אין וועלכן מאַרקס עלטערן האָבן געלעבט.

צוזאַמען מיט פיל אַנדערע פּעאָדאַלע „פּאַראָנדקעס", האָט ער אויך פאַרענדיקט מיט דער יידישער רעכטלאָזיקייט און האָט די יידן געמאַכט פאַר גלייכע בירגער מיט די איבעריקע איינוואוינער פון די פּראָווינצן. דידאָזיקע גלייכבאַרעכטיקונג איז שוין פאַרבליבן אויך נאָכדעם, ווי טריער איז צוריק אַריבער צו דייטשלאַנד.

היינריך מאַרקס איז געוואָרן ביי זיך אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, האָט בשפע גענאָסן פון דער עמאַנסיפּאַציע און איז אַפילו פון דער פּרייסישער רעגירונג באַשטימט געוואָרן פאַר אַ יוסטיצראַט.

די גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער יידישער מאַסע צו יענער צייט, די נישט-זויבערע באַשעפטיקונג פון אַ גרויסן טייל פון איר—פאַרלייען געלט אויף פּראָצענט—האָט אָפּגעשטויסן פון איר די-יעניקע פערזאָנען, וועלכע האָבן זיך שוין אַרויסגעריסן פון דעם גייסטיקן געטאָ, וועלכע האָבן זיך שוין דורכגעזאַפּט מיט אידייען און באַגריפן פון דער נייער צייט. אָנשטאָט צו רעפאָרמירן דאָס לעבן אינווייניק, האָבן זיי געפונען אַ לייכטערן אויסוועג—אינגאַנצן פאַרלאָזן די אָפּגעשטאַנענע, די „שמד"-אידייע האָט אַרומגעכאַפּט פיל יונגע לייט און פרויען פון יענער צייט, נישט ווייל זיי האָט געלוסטן דער נייער גלויבן פון ברית-החדשה, נאָר ווייל זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון אַלטן, עקלהאַפטן לעבן, און מיט דעם, האָבן זיי געמיינט, וועט שוין די פראַגע פאַרענטפערט ווערן.

צו דידאָזיקע יונגע האָבן געהערט אויך היינריך און הענ-

ריעטע מאַרקס, און אין יאָר 1824 זיינען זיי מיט זייער זעקס-יעריקן זון קאַרל איבערגעגאַנגען צו דער עוואַנגעליש-לוטעראַנישער קירכע.

דער קליינער קאַרל האָט געהאַט אַ זעלטן גליקלאַכע קינדהייט. זיין פאָטער איז, ווי געזאָגט, געווען אַ הויכגעבילדעטער מאַן און האָט זיין גאַנצע ליידיקע צייט אָפּגעגעבן, אום זיין פעהיק און באַגאַבט קינד, אויף וועלכן ער האָט שוין דעמאָלט גרויס האָפנונג געלייגט, צו דערציען; זיין מוטער האָט אים פאַרגעטערט און אים פאַר אַ „גליק-קינד” געהאַלטן. שפּעטער־צו, ווען קאַרל איז עלטער געוואָרן, פלעגט דער פאָטער מיט אים לייענען און דערקלערן די ווערק פון די פראַנצויזישע פילאָזאָפן און פּאָעטן. ער פלעגט מיט אים דיסקוטירן איבער פראַגן פון רעליגיע, פילאָזאָפיע און געשיכטע, און אויף אַזאַ אופן שוין פון קינדוויז-אָן אַרויסגערופן ביי אים אַן אינטערעס צו דידאַקטיקע פראַגן, וועלכע ער האָט באַלדעם זיין לעבן געווידמעט און אין זיי אַן איבערקערעניש אַריינגעטראָגן.

נאָך אַ צווייטער מענטש האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון מאַרקס גייסט. דאָס איז געווען דער באַראָן לודוויק פאָן וועסטפאַלן. ער איז געווען זיין פאָטערס גוטער פריינט און האָט זיך אָפּגעגעבן אויך מיט דעם קליינעם קאַרל. ער האָט אים באַקאַנט געמאַכט הויפּטזעכלאַך מיט די קלאַסישע פּאָעטן: האָמער, דאַנטע, שעקספּיר, סערוואַנטעס און די איבריקע. דאָס קינד האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם זכרון און האָט געקענט די מייסטערווערק פון די אויבנאָנגערופענע פּאָעטן אויף אויסווייניק. די ליבע צו זיי איז ביים רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסטן-פאָרשער פאַרבליבן שטאַרק ביזן טויט: ער פלעגט געפינען, ביי דער אָנגעשטרייגסטער אַרבעט, אַן אָפּפרישנדיקע דערקוויקונג אין זייער שעפעריש גייסט.

מאַרקס איז געווען אַ געזונט, שטאַרק קינד, וועלכעס האָט נישט פיינט געהאַט אויך אַ שטיף צו טאָן. ער האָט זיך שוין פון קינדוויי־אָן אויסגעצייכנט מיט אַ בייסנדיקן שפּאַט, מיט אַ שטעכעדיקן אויסלאַכן, מיט סאַרקאַזם. אין גימנאַזיע פלעגן זיינע שול-

חברים שטאַרק מורא האָבן פאַר זיינע „שטעכווערטלאַך”, און ער פלעגט טאַקי נישט שאַנעווען דעם, וועלכער פלעגט פאַרדינען זיין חוזק. דערדאָזיקער סאַרקאַזם האָט נאָכדעם, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביים באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגן, געקוועלט פון זיין יעדער שורה און האָט אַרויסגערופן געגן אים אַזויפיל האַס, געמישט מיט מורא. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט פון זיינע קלוגע אויגן אַרויסגעקוקט אַזויפיל גוטסקייט און ליבע. ער האָט זיך מיט זיינע נאָנטע און שפּילחברים אַזוי וואַרים, ווייך באַגאַנגען, ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ איידעלע נאַטור,—אַז זיין פאָטער—וואָלטערס תלמיד און פרייסישער באַאַמטער, פילאָזאָף און פראַקטישער אַדוואָקאַט—האָט זיך פשוט געשראָקן פאַרן קינדס צוקונפט. ער האָט שוין אין אים פאָרויסגעזען אַ טראַגישן מזל און פלעגט אָפט זאָגן, אַז „קאַרלען איז באַשערט צו דינען דער הומאַניטעט”.

פאַרענדיקט די גימנאַזיע צו 18 יאָר, טרעט קאַרל אַריין אין באָנער אוניווערזיטעט.

די בריף, מיט וועלכע דער יונגער סטודענט פלעגט זיך איבערשרייבן מיט זיין פאָטער, דערציילן אונז פון די מאָמענטן, ווען ס'האָט זיך אַנטגילטיק פאָרמירט דער נייער גייסט פון אונזער גרויסן לערער. זיי אַנטפּלעקן אונז די טראַגישע קאָנפליקטן, וועלכע האָבן דעם יונגן געלערנטן געפּייניקט די נשמה, זיי דערקלערן אונז די אַלע גייסטיקע גלגולים, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט, ביז ער האָט זיך אויסגעאַרבעט זיין וועלטאויפפאַסונג.

קאַרל מאַרקס האָט שטודירט, לויטן פאַרלאַנג פון זיין פאָטער, יוריספּרודענץ. ער האָט אָבער דעמאָלט געטרוימט צו ווערן אַ גרויסער פּאָעט און פילאָזאָף. די למודים אין באָן באַפרידיקן אים נישט, ער פאָרט אין אַ יאָר אַרום איבער קיין בערלין, וואו ער טרעפט זיך און ווערט באַפריינדעט מיט העגעלס שילער—לודוויק פייערבאַך, ברונאָ בויער און אַנדערע. ער נעמט זיך מיט אייפער צו שטודירן פילאָזאָפיע און ער ווייזט דערביי אַרויס אַן אויסערגעוויינלאַכע התמדה: גאַנצע נעכט נאָכאַנאַנד פלעגט ער אָפּזיצן, דורכגעלייענט און דורכגעבלעטערט די ביכער

און האָט זיך געפּייניקט פון די ספקות און קאָנפליקטן, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט אין זיין נשמה. ער האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַן אומבאַגרענצטע דרייסטקייט אין פאָרשן, אַ קאָנ־סעקווענץ אָן אָפּהאַלט, אַ „געוויסנהאַפטן” זוכן דעם אמת. זיין פאָטער האָט זיך באַמיט מיט זיין גאַנצן טאַלענט און קענטענישן אָפּצושטעלן דעם יונגן ריז אין זיין וואוקס, אָפּהאַקן די שאַרפע זייטן זיינע, מאַכן אים געמעסיקטער און „פראַקטישער”. ער האָט אים געמוסרט אין די בריף, ער זאָל דיינקען פריער ווי אַלץ וועגן כבוד פון פרייסן און מאָנאַרכיע. ער האָט אים געפּרובט איבערצייגן, אַז די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע איז די בעסטע פאָרם די מלוכה אויפצוהאַלטן; האָט אים געלערנט, אויב ער קאָן שוין זיך נישט אָפּזאָגן פון שאַרפן תוך פון זיינע בליקן, זאָל ער זיי לכל־הפּחות פאַרגלעטן, באַפּוצן, זיי זאָלן די אויגן פון די „גע־לערנטע” פרייסישע פראָפעסאָרן נישט שטעכן. אָבער מאַרקס איז נישט געווען דער מענטש פון פאַרשמירן און פאַרדעקן. און אַלץ אָפּאָזיציאָנעלער און שאַרפער האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט זיי־נע בליקן אויף דער פּאָליטיק און פילאָזאָפיע. יענע צייט פון זיין „שטורם־ און דראַנג”־פּעריאָד פאַלט אויך צונויף מיט זיין ליידנשאַפטלאָכער ליבע צו זשעני פאָן וועסטפאַלן.

שוין פון קינדוויין־אָן האָט זי דער באַראָן וועסטפאַלן אַריינגעפירט אין מאַרקס הויז. זי איז געווען אַ חברטע פון קאַרלס שוועסטער סאָפיאַ און איז אויך מיט מאַרקסן געווען די גאַנצע צייט באַפריינדעט. זי איז געווען עלטער פאַר אים מיט פיר יאָר (געבוירן 1814) און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ זעל־טענער שיינקייט און גראַציע. נאָך יאָרן פריינטשאַפט, האָבן זיי דערפילט איינע צו די אַנדערע אַ הייסע ליבע און האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט התונה צו האָבן. דער חלוק צווישן זיי איז גע־ווען אומגעהויער גרויס: זי — אַ טאָכטער פון אַ הויכן אַריסטאָקראַט, אַ שוועסטער פון אַ פרייסישן גרויסן באַאַמטן (איר ברודער איז נאָכדעם געוואָרן פרייסישער מיניסטער), און ער — אַן אָרימער סטודענט, פון יידישער אָפּשטאַמונג, אָן מיטלען און יחוס. זשע־ני האָט אויך פאָרויסגעזען דעם גורל, וועלכער איר דערוואַרט

מיט איר היציקן רעוואָלוציאָנערן קאַרלען. זי האָט געוואוסט, אַז זייער וועג וועט נישט זיין פאַרשפּרייט מיט רויזן, אָבער זי האָט זיך אויף אַלץ פאָרגעברייט און האָט פאַרבונדן איר שיקזאַל מיטן שיקזאַל פון דעם ראָמאַנטישן רעוואָלוציאָנערן סטודענט. דעם פאָ-טער אָבער האָט זי מורא געהאַט וועגן דעם צו דערציילן, זי האָט זיך געשראָקן פאַר אַ קאָנפליקט.

קאַרל האָט פאַרטרויט די מעשה זיינע עלטערן. זיין מו-טער איז פון דעם געווען איבערגליקלאַך. זי האָט געוואוסט, אַז די זעלטענע גוטע זשעני וועט איר זון גליקלאַך מאַכן, אָבער זיין פאָטער האָט זיך שטאַרק געקווינקלט. ער האָט זיך געפילט אומאָנגענעם געגן פריינט, דעם באַראָן. זיין זונס גליק אָבער איז אים געווען העכער ווי אַלץ און ער האָט, ענדלאַך, געגעבן אויף דעם בונד זיין הסכמה.

צו יענער צייט האָט מאַרקס געשריבן פיל לידער, גאַנצע דריי בענדער שירים, האָט זיך שטאַרק בכלל אינטערעסירט מיט פאָעזיע, און דערדאָזיקער אינטערעס איז ביי אים פאַרבליבן די גאַנצע צייט.

דער באַרימטער דייטשער ליריקער היינריך היינע, מיט וועלכן מאַרקס איז געווען זייער באַפריינדעט, האָט פיל לידער אָנגעשריבן לויט מאַרקס אָנווייזונגען, און וועגן גרויסן דייטשן דיכטער פרייליגראַט, דערציילט מען, אַז ער האָט פשוט אָרייב-געשטעלט גאַנצע שטעלן פון מאַרקסן אין זיינע לידער. שפּע-טער האָט מאַרקס זיין פאָעטיש געפיל, זיין פילאָזאָפישן זשעני און פייערדיקן טעמפּעראַמענט צוזאַמענגעגאָסן, און פון זייער פּו-רעם איז אַרויס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם.

דער טעמפּעראַמענטפולער מאַרקס לעבט איבער אין בערלין שטורמישע מאָמענטן, גייט איבער פון איין שטאַנדפּונקט צום צווייטן און געפינט אַלץ נישט קיין רו פאַר זיין זוכנדיקער נשמה. אין מאָמענט פון ספקות האָט ער פאַרברענט זיינע אַלע שירים, האָט זיך ווידער אומגעקערט צו העגעלס פילאָזאָפיע און האָט אין איר געזוכט צו געפינען אַ תשובה אויף דער פיינלאַכער פראַ-גע פון מענטשנס לעבן און וועלט-צרות. זיין פאָטער וויל דעמ-

דאָזיקן שטורם איינשטילן, פּרובט אויף אים ווירקן מיט דעם, וואָס איז קאַרלען געווען אַמטייערסטן—מיט זיין זשענין.

„וואָס וועט זיין דער תּכלית?—מוסרט ער אים: „ער קאָן דאָך נישט לאָזן אַזאַ אוצר ליידן הונגער. אויב ער וויל קיין אַדוואָקאַט נישט זיין, זאָל ער, לכּל-הפּחות, זיך צוגרייטן צו פּראָפעסור.”

קאַרל אָבער האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַ ביישפּיל פון זיין ראַדיקאַלן פריינט ברונאָ בויער, וועלכער איז באַזייטיקט געוואָרן פון לייענען לעקציעס צוליב זיינע אַפּיקורסישע בליקן, און מאַרקס האָט בעסער אויסגעווילט די אַרבעט פון אַ זשורנאַליסט, וועלכער קאָן „דינען דער מענטשהייט”.

פון בערלין האָט אים אַרויסגערופן זיין מוטערס בריף, וועלכער האָט אים מודיע געווען וועגן פאָטערס קרענק. מאַרקס האָט זיך געאיילט צו קומען, אָבער ער האָט שוין זיין הייס-געליבטן פאָטער געטראָפן אויפן טויטבעט, אויף וועלכן ער איז גיך געשטאָרבן (אין 1838), אויפן 56 יאָר פון זיין לעבן. דער שיקזאַל האָט אים פאַרהיט צו זען די שפּעטערדיקע ליידן פון זיין זון, וועלכער איז אַריינגעטרעטן אין אַ טיטאַנישן קאַמף מיט דער גאַנצער וועלט, און נאָר זיין אַלטע מוטער האָט פיל טרערן געמוזט פאַרגיסן אויף דעם מזל פון איר „גליקקינד”, וועלכעס האָט זיך געמוזט וואַלגערן און גלות אָפּריכטן פון לאַנד צו לאַנד, געטריבן און געליטן נויט זיין גאַנץ לעבן.

אין יאָר 1841 איז ער אין יענאַ, אויפן סמך פון זיינער אַ דיסטערטאַציע איבער אַ פילאָזאָפישער טעמע, אָנגערקענט געוואָרן אַלס דאָקטאָר פילאָזאָפיע. זשעני פאָן וועסטפאַלן האָט, ענדלאַך, באַשלאָסן איר פאָטער דערציילן דעם סוד. דער אַלטער באַראָן האָט אויפן שידוך איינגעוויליקט, און אין יאָר 1843 האָט זי חתונה געהאַט מיט איר געליבטן מאַרקס. דאָס איז געווען אַ גליקלאַך צוזאַמענלעבן, וועלכעס מען טרעפט זעלטן. זי האָט מאַרקסן בייגעשטאַנען אין די שווערסטע צייטן, האָט זיך צוגעפּאַסט צו די ערנסטע באַדינגונגען פון דחקות, און זיי זיינען ממש געווען פאַרליבט איינע אין די אַנדערע זייער גאַנץ לעבן,

ווי אין די יונגטיאָרן. אַלע פריינט און פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע פלעגן זיין איינגייער ביי מאַרקסן אין הויז, קאָנען זיך נישט אָפּלויבן פון דער זעלטענער פרוי, וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין מאַרקס לעבן.

מאַרקס האָט אויך זיין ציל דערגרייכט. ער, דער 24-יעריקער יונגערמאַן, איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון אַ גרויסן ראַדיקאַלן אָרגאַן—„דיריינישע ציייטונג". זיין רעדאַקטאָר-שטעלע אָבער האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן. די באַלעבאַטים פון דער ציייטונג האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם גורל פון בלאַט ביי אַזאַ רעוואָלוציאָנערן רעדאַקטאָר. דעם 18 מערץ 1843 איז מאַרקס אַרויסגעטרעטן פון דער ציייטונג. דאָס האָט איר שוין אָבער נישט געהאָלפן. שפּעטער אין דריי חדשים איז זי פאַרמאַכט געוואָרן.

מאַרקס האָט זיך מיאש געווען עפּעס צו קאָנען טאָן ביי זיך אינדערהיים, אגב האָט אים געצויגן קיין פּאַריז—דעם דעמאָלטיקן ווערקשטוב פון רעוואָלוציעס, און מאַרקס איז אַהין גלייך אָפּגעפאָרן. צוזאַמען מיט זיינעם אַ פריינט רוגע האָט ער דאָרט געגרינדעט אַ ציייטשריפט „די דייטש-פראַנצויזישע יאָרביכער". אָבער אויך נישט אויף לאַנג. פון דער אונטערנעמונג זיינען נאָר דערשינען דריי העפטן און זיי האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן. ס'האָט פּשוט אויסגעפעלט געלט. אָבער, חוץ דעם, האָט שוין מאַרקס צו יענער צייט זיך עמאַנציפּירט פון די ראַדיקאַל-בורזשואַזע בליקן, ער האָט אַריבערגעשפּרייזט די גרענעץ פון ריינע פּאָליטישע רעוואָלוציעס, און דאָס האָט אים מיט זיינע פריינט די ראַדיקאַלן צעשיידט.

אָבער ער האָט אויך אין יענעם יאָר 1844 אַ נייעם פריינט באַקומען, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרבונדן אויף זיין גאַנץ לעבן, וועמענס מהות, דאַכט זיך, זיינען צוזאַמענגעוואַקסן געוואָרן און האָבן שוין געדיינקט צוזאַמען—דאָס איז געווען פרידריך ענגעלס. ביידע גלייך, אָבער אינגאַנצן זעלבשטענדיק, איינער פון צווייטן אומאָפּהייניגיק, זיינען זיי געקומען צום געדאַנק פון אַ נייער, סאָציאַלער דעמאָקראַטיע. און אַז זיי האָבן זיך אין פּאַריז באַגעגנט, האָבן זיי שוין צוזאַמען דעם געדאַנק

ווייטער געפירט, אים דורכגעטראַכט, פולקום אים ווייטער באַאַרבעט און דערנאָך יאָרנלאַנג פאַר אים געקעמפט. מאַרקס האָט אין פאַריז לאַנג פאַרבלייבן נישט געקאָנט. די דייטשע רעגירונג האָט געפאָדערט ביי דער פראַנצויזישער סקאַסירן די פאַריזער קאָלאָניע. מאַרקס האָט באַקומען אַ באַפעל פון ליבעראַלן פראָפעסאָר-מיניסטער גיזאָ צו פאַרלאָזן פראַנקרייך. מאַרקס איז אָפּגעפאָרן מיט זיין פרוי קיין בריסעל. אַהין איז אויך ענגעלס געקומען און זיי האָבן זיך ווידער גענומען פאַר דער פעדער און פּאָליטישער אַרבעט.

אין יאָר 1847 טרעטן זיי אַריין אין דעם „קאָמוניסטן-בונד", שרייבן דעם באַרימטן „קאָמוניסטן-מאַניפעסט" און זייער ווירקונג אויף דער רעוואָלוציאָנערער אייראָפּע ווערט אַלץ שטאַרקער און פילבאַרער. אין יאָר 1848, אין „רויטן יאָר", האָט מאַרקס אַנטוויקלט אַן אויסערגעוויינלאַכע ענערגיע. ער איז געפאָרן קיין פאַריז אויף דער איינלאַדונג פון דער פראַנצויזישער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, דערנאָך קיין דייטשלאַנד. ער טרעטאַרויס אין ווין אויף מיטינגען, האַלט-אונטער און פאַרטיפט אומעטום מיט וואָרט און שריפט די רעוואָלוציע אין אייראָפּע. אין ק ע ל ן לאָזט ער אַרויס צוזאַמען מיט ענגעלסן די „נייע ריינישע צייטונג"—די ערשטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך.

נאָכן זיג פון דער רעאַקציע האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּרעסיעס. מאַרקס פאָרט קיין פאַריז, ווערט אויך פון דאָרט גיך אַרויסגעשיקט און באַזעצט זיך, ענדלאַך, מיט זיין פאַמיליע אין יוני 1849 אין לאָנדאָן, וואו ער איז שוין פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן.

אַ לאַנגע קייט פון דחקות, זאָרג און נויט האָט זיך געצויגן דאָרט יאָרנלאַנג פאַר דעם גרויסן קענער און פאָרשער פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט.

מצד אַן אָפיציעלער צייטשריפט אין דייטשלאַנד איז אַפילו געמאַכט געוואָרן אַ פּראָבע צוצוציען מאַרקסן אַלס מיטאַרבעטער: זעלבסטפאַרשטענדלאַך, וואָלט ער שוין דעמאָלט קיין דחקות נישט

געליטן. ער האָט אָבער מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן אַזאַ פאָר-
שלאַג צו זיין געבונדן מיט אַרויסזאָגן אָפן זיינע איבערצייגונגען.
די נויט איז געוואַקסן, ס׳פלעגן פאַרבייגיין וואָכן, וואָס די פאַ-
מיליע האָט נישט געהאַט מיט וואָס איבערצוקומען. די בורזשואַ-
זע פרעסע האָט נישט געטאָרט אויפנעמען קיין איין וואָרט פון
אים, פלעגט אַפילו זיין נאָמען נישט דערמאָנען. ס׳פלעגן זיין
צייטן, וואָס ער האָט נישט געהאַט אויף קיין מאַרקע אַ בריף
אַוועקצושיקן, קיין פאַפיר צו שרייבן, קיין מלבושים אין גאַס
צו גיין. ער פלעגט אויך אויסשטיין צרות פון דעםווירט, וועל-
כער האָט געמאָנט דורכויס דירהגעלט, און מאַרקס פלעגט מוזן
אָפּט זיך ווענדן נאָך הלוואות אויף פּראָצענט. מען האָט מאַרקסן
שיער נישט אַרעסטירט אין אַ לאָמבאַרד, ווען ער האָט געוואָלט
פאַרזעצן די ירושהזילבער פון זיין פרוי: אויפן געשיר איז גע-
ווען דער הערב פון דער איינגלישער דינאַסטיע, פונוואַנען זיין
פרוי שטאַמט פון איר מוטערס צד, און מען האָט דעם שוואַרצן
עמיגראַנט מיט די צעשויבערטע האָר און מיט נישט קיין גאַנץ
שיינעם הילוך פשוט אָנגענומען . פאַר אַזעלכען, וועלכער האַלט
נישט אין דער פּראַקטיק פון פּריוואַטאייגנטום. נאָר די מעשה
האָט זיך אויפגעקלערט און מען האָט דעם יורש פון די קעניג-
לאַכע געשיר אָפּגעלאָזן. פון גרויס נויט און שלעכטן לאָנדאָנער
קלימאַט זיינען ביי מאַרקסן געשטאָרבן צוויי זין און איין טאָכטער.

ס׳איז שווער איצט נאָך אַפילו צו לייענען רוהיק די בריף,
אין וועלכע עס דערציילט זיך פון דערדאָזיקער אומדערטרעג-
לאַכער נויט. פרוי מאַרקס דערציילט אין אַ בריף, ווי זי האָט
געמוזט זויגן איר קינד, ווען זי האָט געפילט שרעקלאַכע שמערצן
אין דער ברוסט און אין רוקן. די ברוסט איז געווען באַדעקט
מיט וואונדן און דאָס עופעלע האָט אין זיך אַריינגעזויגן ממש
דאָס בלוט פון וואונד. דאָס קינד איז שטאַרק קראַנק געוואָרן ;
די ווירטן איז, נישט-קוקנדיק אויף דעם פריערדיקן אָפּמאַך, גע-
קומען מאָנען אַ חוב פון 5 פונט שטערלינג (50 רובל). אַזאַ סו-
מע האָט די פאַמיליע מאַרקס נישט פאַרמאָגט. די ווירטין האָט
פאַר[illegible] די מעבל, בעטן, בעטגוואַנד, דאָס וויגל און שפּיל-

צייג פון די קינדער, און די גאַנצע פאַמיליע האָט געדאַרפט שלאָפן אויף דער האַרטער פאָדלאָגע. מאַרקס אַ פריינט, שראַם, איז געפאָרן אין שטאָט צו באַקומען ערגעץ געלט, נאָר ער איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן און מען האָט אים געבראַכט אין שטוב אַ צעבלוטיקטן. מאַרקס איז אַרומגעלאָפן וועגן אַ דירה, אָבער קיינער האָט זיי מיט די קינדער נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איינער פון זייערע פריינט האָט, ענדלאַך, געלט באַקומען, און האָט באַצאָלט פאַר דער דירה; פרוי מאַרקס האָט פאַרקויפט איר גאַנץ מעבל, אום אויסצוצאָלן די מילכהענדלער, קצבים, קרעמער און איבעריקע בעלי-חובות, ס'איז אָבער געווען פאַרנאַכט. דער ווירט לאָזט נישט אַרויספירן. ס'קלייבט זיך צוזאַמען אַ המון פון עטלאַכע הונדערט מאַן און מען שלעפט צוריק די בעטן, די פּלים; זיי מוזן נאָך ביז מאָרגן פאַרבלייבן.

אַזוי האָט די קאַפּיטאַליסטישע „געבילדעטע" וועלט באַצאָלט דעם גרויסן פאָרשער און געלערנטן פאַר זיין וויסנשאַפטלאַכער אַרבעט.

און ביי אַלעם דעם האָט מאַרקס אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערע אַרבעטספעהיגקייט, פלעגט אָפּזיצן גאַנצע נעכט ביים שרייבטיש, פלעגט קוים אָפּרייסן צייט אויף עסן. אין אים האָט נישט גערוט זיין שעפערישער גרויסער גייסט.

אויסערלאַך אין שטוב איז פון עלנט גאָרנישט געווען צו דערקענען: דאָרט פלעגן אַריינקומען און פאַרברייינגען אַלע פאָליטישע עמיגראַנטן פון פאַרשידענע נאַציעס. זיי פלעגן קומען צו מאַרקסן נאָך עצות, פאַרברייינגען מיט אינטערעס די צייט, און פרוי מאַרקס איז צו אַלעמען געווען אַ גוטע מוטער, אַ לייבטנדיקער שטערן, וואָס פלעגט פאַרטרייבן אַלע זאָרג און דאגות פון טאָג.

אַן אמתער מלאך הגואל פאַר דער פאַמיליע מאַרקס איז געווען ענגעלס. צוליב דערדאָזיקער אים טייערער פאַמיליע האָט ער זיך איינגעשפּאַנט ביי זיין פאָטער אין געשעפט אַלס אָנגעשטעלטער, האָט זיך פאַרנומען מיט דער בירזע, און אַלץ נאָר, וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער פאַר דער פאַמיליע מאַרקס

געטאָן און געזאָרגט, ווי אַ געטרייער פֿאָטער.

שפּעטער, אין סוף פון די 60-טע יאָרן, ווען ער האָט באַקומען בירושה פון זיין פֿאָטער אַ פֿאַרמעגן, איז דער פֿאַמיליע מאַרקס דאָס לעבן לייכטער געוואָרן.

אָבער דער פעסטער אָרגאַניזם פון מאַרקסן איז שוין גע-ווען שטאַרק אונטערגעבראָכן פון צופיל אַרבעט. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרווערט נעכט צו זיצן. ער האָט זיך אָבער גע-טראָגן מיט ריזנהאַפטע פּלענער, האָט רוען נישט געקאָנט און זיין געזונטהייט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

דעם 2 דעצעמבער 1881 איז דזשעני מאַרקס, וועלכע האָט אַזויפיל אויסגעליטן אין איר לעבן, שטיל אויסגעגאַנגען. דאָס איז געווען פאַר מאַרקסן דער שטאַרקסטער קלאַפּ. בשעת דער קבורה האָט ער זיך געוואָלט אין גרוב וואַרפן. ענגעלס, וועל-כער האָט אים גוט געקענט, האָט געזאָגט: „איצט איז ער (מאַרקס) אויך געשטאָרבן". ווירקלאַך, נישט-קוקנדיק אויף דער גרויסער פלעגע און זאָרג וועגן זיין געזונטהייט, האָט מאַרקס שוין נישט געקאָנט קומען צו די כוחות, און בשעת אים האָט געטראָפן אַ צוויי-טער קלאַפּ—זיין געליבטע טאָכטער זשעני לאָנגע איז געשטאָרבן[*])—האָט מאַרקס דאָס שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, און דעם 14 מערץ 1883 איז ער אויף אייביק איינגעשלאָפן אויף זיין שטול.

„די מענטשהייט איז געוואָרן מיט אַ קאָפּ נידריקער",— האָט ענגעלס געשריבן,—און טאַקי מיט דעם געניאַלסטן קאָפּ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט ביז דער לעצטער צייט".

די געדאַנקען אָבער פון דעמדאָזיקן קאָפּ האָבן זיך צע-גאָסן אין אַ מעכטיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערבאַוועגונג.

---

*) די פרוי פון באַרימטן פראַנצויזישן געלערנטן לאָנגע: איר זון, מאַרקס אייניקעל, זשאַן לאָנגע, שטייט איצט אָן דער שפּיץ פון צענטר פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. נאָך מאַרקסן זיינען פאַרבליבן נאָך צוויי טעכטער. עלעאָנאָ-רע האָט חתונה געהאַט מיט אַ באַקאַנטן איינגלישן געלערנטן עווע-

לינג. זי האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער איינגלישער סאָ-
ציאַליסטישער באַוועגונג און האָט פיל געאַרבעט, אַרויפצופירן די
איינגלישע טרעד-יוניאָנען אויפן סאָציאַליסטישן וועג. צוליב אַנט-
טוישונגען אין פערזענלאַכן לעבן האָט זי זיך יונגערהייט דאָס
לעבן גענומען. די צווייטע טאָכטער לאַאורא האָט חתונה גע-
האַט מיט איינעם פון די גרינדער פון דער פראַנצויזישער סאָ-
ציאַליסטישער פאַרטיי, מחבר פון פיל סאָציאַליסטישע ווערק,
דעם קאָמונאַר פאַול לאַפאַרג. דורכגעלעבט אַ שטורמיש-אַקטיוון
לעבן, האָבן זיי, דערגרייכנדיק אַן עלטער פון 70 יאָר, פילנדיק,
אַז זייערע כחות גייען-אויס און זיי וועלן ווערן אינגיכן אינ-
וואַלידן, געמיינזאַם באַשלאָסן זיך צו נעמען דאָס לעבן, און זיך
פאַרסמט.

מאַרקס אַלס דענקער און קעמפער.

דער יחיד און די געזעלשאַפט.

דער 19-טער יאָרהונדערט האָט אונז מזכה געווען מיט פיל גרויסע לייט—באַרימטע געלערנטע און געניאַלע פּאָליטיקער. אָבער זעלטן באַגעגענען מיר די ביידע דאָזיקע מעלות צוזאַמען ביי איין פּערזאָן. די וויסנשאַפט איז בכלל געווען אָפּגעטיילט פון דער פּאָליטיק און זיי ביידע האָבן נישט געהאַט צווישן זיך קיין שום מגע ומשא. וויסנשאַפט—דאָס הייסט דאָך באַאָבאַכטן, פאָרשן, אָביעקטיוו באַהאַנדלען די דערשיינונגען, פעסטשטעלן זייער געזעצמעסיקייט און זיי אין אַ באַשטימטן סיסטעם ברייננגען. דעם היפּוך פון דעם האָט מען פאַרשטאַנען אין פּאָליטיק. זי איז דער אויסדרוק פון סוביעקטיוון ווילן, פון היציקע ליידנשאַפטן, פון אומפּאָרויסגעזעענע צופאַלן און פערזענלאַכע געפילן פון יחידים. דער געלערנטער האָט טאַקי געמעגט זיין אַ גאון אויף זיין געביט, ער האָט געמעגט זיין באַהאַוועוט אין יעדן זעמדעלע, אין יעדן פליגעלע, פרעמד אָבער איז אים געווען „דער שטורמדיקער טייך פון סאָציאַלן לעבן, אומבאַקאַנט—די געגנזייטיקע מענטשלאַכע

באַציונגען. דער פּאָליטיקער, ווידער, פלעגט אין באַטראַכט נישט נעמען די קאַלטע לאָגיק, און וואָס מער אַ פּאָליטישער אַקט איז געווען „דרייסטער" געפּלאַנט, וואָס מער „פאַנטאַסטישער" אויסגעטראַכט, וואָס מער „העלדישער", אַלץ מער האָט ער נושא חן געווען ביים עולם.

מאַרקס האָט געהערט צו די זעלטענע נאַטורן, וועלכע באַזיצן ביידע מדות האַרמאָניש צונויפגעגאָסן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפער קילער קריטיק און אין דערזעלבער צייט האָט אין אים געשפּרודעלט אַ היציקע רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפט, אַ פּראַקטישער, פּינקטלאַך אויסגערעכנטער בליק און אין דערזעלבער צייט—הימלשטורמישע באַגייסטערונג, וויסנשאַפטלאַכע געניטשאַפט, וועלטקלוגשאַפט און דאָך—האַס און עקל צו יעדער נידעריקייט און געמיינהייט. דער גרויסער קעמפער און געניאַלער דיינקער האָבן זיך אין אים צונויפגעגאָסן אין איין פּערזאָן, וועלכע האָט זיך געשטעלט העכער איבער איר דור, האָט אַריינגעקוקט טיף אין דער צוקונפט און פאַר אונז אירע ברייטע וועגן געעפנט. ער האָט אַראָפּגעפירט די וויסנשאַפט פון אירע אַבסטראַקטע, הימלישע וועלטן און האָט איר אַ מאַטעריעלן, ערדישן יסוד געגעבן, ער האָט פאַר אונז אַנטפּלעקט אירע טיף באַהאַלטענע פּאָליטישע כּוונות און האָט אויך פון דער פּאָליטיק אַ וויסנשאַפט געמאַכט.

פּאָליטיק—דאָס איז דער יורידישער אויסדרוק פון די מאַטעריעלע אינטערעסן, די מאַכטפאַרהעלטנישן צווישן פאַרשידענע סאָציאַלע גרופּן—איז זי שוין אין זיך כּולל דעם גאַנצן סכום סאָציאַלן-און נאַטורלעבן און במילא איז זי דער עטענץ פון אַלע וויסנשאַפטן. מאַרקס האָט דער ערשטער פעסטגעשטעלט, אַז די אידייען פון די איינצעלנע מענטשן, זייער הצלחה און דורכפאַל, די גאַנצע מענטשלאַכע געשיכטע בכלל זיינען נאָר אַ פּועל-היוצא פון די געגנזאַצן און קאַמפן פון פאַרשידענע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט. דער פּאָליטיקער דריקט נאָר אויס—אָפטמאָל אַפילו אומבאַוואוסט—די אינטערעסן און פאָדערונגען פון דעמיעניקן געזעלשאַפטלאַכן קלאַס, צו וועלכן ער געהערט, אָדער מיט

וועלכן ער סימפּאַטיזירט. די קלאַסנאינטערעסן אָבער זייגען איינג פאַרבונדן מיט די ווירטשאַפטלאַכע פאַרהעלטנישן פון מענטשלאַכן קבוץ, פאַרהעלטנישן, וועלכע קענען שוין גרינדלאַך דערפאָרשן און וויסנשאַפטלאַך שטודירט ווערן.

און קיינער האָט נאָך נישט אַזוי דייטלאַך, אַזוי בולט קלאָר אויסגעפאָרשט די פאַרפלאָנטערטסטע אופנים פון סאָציאַלן לעבן, ווי קאַרל מאַרקס האָט עס געטאָן.

ער האָט פאַנאַנדערגעלידערט די פאַרוויקלטסטע געזעלשאַפטלאַכע דערשיינונגען. ער האָט זיך צו זייער בראשית דערקליבן, ער האָט פעסטגעשטעלט זייער געמיינזאַמע שייכות און שטודירט זייער סביבה און אַנטוויקלונג און נאָכדעם ערשט פאַר אונז זיי ווידער „איבערגעשאַפט”, ווי אַן עכטער קינסטלער, אין זייער העכסטער סינטעטישער פאָרם. ער האָט פאַר אונז אויפגעעפנט דעם פאַרבאָרגנסטן מעכאַניזם פון מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן, ער האָט אונז געוויזן די רעדעלאַך, וועלכע באַוועגן די געשיכטע, די ספּרוזשינע, וועלכע טרייבט די ווייזערס אויפן וועלטזייגער און פאַר אונז זיינען קלאָר געוואָרן דער מקור און די סבות פון פּאָליטישע געשעענישן.

„די מענטשן מאַכן זייער אייגענע געשיכטע”, לערנט אונז מאַרקס: אָבער זיי מאַכן איר נישט פון פרייע שטיקער, נישט אונטער אומשטענדן, וועלכע זיי האָבן זיך אַליין אויסגעוויילט, נאָר די אומשטענדן געפינען זיך שוין צוגעגרייט און פאַרפאַרטיקט”.ווירקלאַך, מענטשן ווערן שוין דאָך געבאָרן אין באַשטימטע געשיכטלאַכע און געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטנישן, זיי באַגרייפן דידאָזיקע דערשיינונגען, אַזוי ווי די גאַנצע נאַטור אַרום זיך מיט זייער פאַרשטאַנד, מיטן שכל, אָבער זייער דיינקען און שטרעבן, טאָן און האַנדלען זיינען שוין פאָרויס באַשטימט דורך דער סאָציאַלער אומגעבונג, אין וועלכער זיי קומט אויס צו לעבן.

דאָס איז נישט, ווי ס'קען זיך לכתחילה אויסדוכטן, אַ טעאָריע פון פאַטאַליזם,—אַ תורה צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טאָן. דער מענטש איז טאַקי אַ פּראָדוקט פון סאָציאַלע

פאַרהעלטעניש, אָבער דידאָזיקע פאַרהעלטענישן זיינען נישט קיין אייביקע, נישט קיין פאַרגליווערטע מששת ימי בראשית אָן; זיי ענדערן זיך מיט אַן אומפאַרמיידלאַכער עוואָלוציע. ווי ס'קומט דאָסזעלבע פאָר אין דער גאַנצער איבעריקער נאַטור. די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן זיינען איינג פאַרקניפּט מיט די פּראָדוקטיוו־קרעפטן. דער אָנטייל אין דער פּראָדוקציע, דער חלק, וועלכן זיי באַקומען פון דער אַרבעט—דאָס באַשטימט דעם אָרט פון מענטשן אין דער געזעלשאַפט. ס'גרופּירן זיך אַזויאַרום, ס'זאַמלען זיך צענויף פאַרשידענע פּערזאָנען, וועלכע לעבן אין די זעלביקע לעבנסבאַדינגונגען און בילדן פון זיך באַזונדערע קלאַסן מיט באַזונדערע אינטערעסן. ווען מענטשן דערווערבן נייע פּראָדוקטיווע כּוחות, געוועקצייג, מאַשינען וכדומה, ענדערן זיך אויך זייערע פּראָדוקציע-אופנים, ד. ה. מען הויבט אָן דערווערבן חיונה גאָר אויף אַן אַנדער אופן און ממילא ענדערן זיך אויך אַלע געזעלשאַפטלאַכע באַציונגען. דער קלאַס, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער געזעלשאַפט, מוז אָפּטרעטן דעם אָרט אַן אַנדערן, וועלכער האָט פריער קיין באַדייטנדיקע ראָל נישט געשפּילט און יענער קלאַס, וואָס איז פריער געלעגן אונטער די פיס, בלייבט איצט אויפן פערד. „די האַנטמיל" — דריקט זיך מאַרקס אויס קורץ און שאַרף: „האָט אונז געשאַפן אַ געזעלשאַפט פון פעאָדאַלע פּריצים, די דאַמפמיל—אַ געזעלשאַפט פון אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן".

אין יעדער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג ברויזט און זידט אַ סטיכישער און אומאויפהערלאַכער קאַמף צווישן פאַרשידענע טיילן פון דער געזעלשאַפט, צווישן פאַרשידענע איינע די אַנדערע זיך סותרדיקע אינטערעסן. דערדאָזיקער קאַמף מוז ברייגען צו אַ נצחון פון איין גרופּע איבער דער צווייטער, ד. ה. ער פאַרענדיקט זיך פאַר דער אַלטער געזעלשאַפט מיט אַ קאַטאַסטראָפע און מאַכט פּאַר אַ נייעם באַלעבאָס אַן אַנדער קלאַס. קיין באַוועגונג, קיין אַנטוויקלונג אין דער נאַטור, ווי אין דער געזעלשאַפט קומט נישט פאָר אָן אַ קאַטאַסטראָפע פאַרן אַלטן — אָן אַ רעוואָלוציע. „די רעוואָלוציעס", דריקט זיך מאַרקס אויס:

„זיינען די לאָקאָמאָטיוון פון דער געשיכטע", און די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען און מעשים פון מענטשן זיינען נאָר אַ באַוואוסטזיניקע פאָרמולירונג פון דעם עלעמענטאַרן סאָציאַלן קאַמף.

אינם דאָזיקן סאָציאַלן קאַמף איז גובר, עס טרעט פון אים אַרויס אַלס זיגער נאָר יענער קלאַס, וועמענס אינטערעסן פאַלן צענויף מיט דער אָביעקטיווער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, ד. ה. יענער קלאַס, וועלכער איז מסוגל צו פירן די מענטשלאַכע געזעלשאַפט צו העכערע, פאָלקאָמענערע, פּ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ע ר ע לעבנסאופנים. אַזוי ווי די סאָציאַלע אָרדנונג איז נישט פעסטגעשטעלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זי ענדערט זיך מיט דער צייט, אַזוי זיינען אויך די השגות, באַגריפן און אידעאַלן פון „יושר" און „גערעכטיקייט" נישט געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני; זיי ענדערן זיך צוזאַמען מיט די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און דאָס, וואָס פריער האָט אויסגעזען ביי אַנדערע אומשטענדן יושרדיק און פּראָגרעסיוו, קען ביי היינטיקע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן זיין נידערטרעכטיק און רעאַקציאָנער. דער יחיד, דער פּאָליטישער טוער מוז, אויב ער וויל נישט פאַרשווענדן זיינע קרעפטן אין אַ מלחמה מיט ווינטמילן, אויב ער וויל ווירקלאַך זיינע כוחות מיט נוצן פאַרווענדן, מוז שטודירן די אָביעקטיווע טענדענצן פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע ער לעבט, מוז פריער אויספאָרשן די סאָציאַלע היפוכים פון זיין געזעלשאַפט און די ראָל, וועלכער יעדער קלאַס שפּילט אין איר און, ענדלאַך, אויב ער שטרעבט צו יושר און פּראָגרעס, שטעלן זיך אַנטשידן אויף דער זייט פון דעם קלאַס, וועלכער האָט די היסטאָרישע שליחות צו קעמפן פאַר העכערע, „יושרדיקערע פאָרמען פון מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן.

„אויב דער מענטש בילדעט זיך פון די אומשטענדן, מוז מען, אַלזוי, די אומשטענדן מ ע נ ט ש ל אַ ך בילדן. ווען דער מענטש איז פון דער נאַטור געזעלשאַפטלאַך, אַנטוויקלט ער אָבער זיין אמתע נאַטור אין דער געזעלשאַפט און מען באַדאַרף די מאַכט פון זיין נאַטור נישט מיט דער מאַכט פון איינצעלנעם אינדיווידואום מעסטן, נאָר מיט דער מאַכט פון דער געזעלשאַפט". אין

אַזעלכע גלענצענדע אַפאָריזמען מיט אַ טיפן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט האָט מאַרקס אויסגעדריקט זיינע בליקן אויף דער געגנזייטיקער באַציונג צווישן פערזאָן און געזעלשאַפט.

„נאָר דעמאָלט, ווען דער מענטש וועט אויפפאַסן און אָרגאַניזירן זיינע אייגענע כוחות, האָט שוין געשריבן מאַרקס נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, אַלס געזעלשאַפטלאַכע קראַפט, ווען ער וועט דאַרום אויפהערן אָבטיילן פון זיך די געזעלשאַפטלאַכע כחות אין דער געשטאַלט פון אַ פאָליטישער קראַפט, נאָר דעמאָלט וועט ווירקלאַך מקוים ווערן די אַלמענטשלאַכע עמאַנסיפאַציע".

שוין אין יאָר 1843 האָט מאַרקס אין אַ בריף צו זיין פריינד רוגע כאַראַקטעריזירט אויף אַ קורצן און גלענצענדסטן אופן דעם קערן פון זיין וועלטאויפפאַסונג: „מיר קומען נישט דער וועלט אַנטקעגן דאָקטרינעריש מיט אַ נייעם פרינציפ—דאָ איז דער אמת, דאָ פאַל כורעים! מיר אַנטוויקלען פאַר דער וועלט נייע פרינציפן פון אירע אַלטע. מיר זאָגן איר נישט: פאַרוואַרף דיינע קאַמפן, זיי זיינען הבל-הבלים. מיר וועלן דיר דעם אמתן פּאַראָל פון קאַמף אויסרופן. מיר ווייזן איר נאָר, פאַרוואָס אייגנטלאַך קעמפט זי, און דער באַוואוסטזיין איז שוין אַזאַ זאַך, וועלכע זי מוז אָננעמען, אפילו ווען זי וויל נישט".

אין זעלבן בריף פאָרמולירט ער די טענדענץ פון אַן אייגענער ציַיטונג: „זעלבסטפאַרשטענדיקונג פון דער צייט איבער אירע קאַמפן און וואונשן—דאָס איז אַן אַרבעט פאַר דער וועלט און פאַר אונז". „צו זיין די ערשטע, וועלכע גייען לעבעדיק אַריין אין נייעם לעבן"—דאָס באַדאַרף זיין, לויט מאַרקס מיינונג, דער גורל פון אַלע באַוואוסטזיניקע קעמפער.

אַרבייטערבאַוועגונג און סאָציאַליזם.

און ווירקלאַך לעבעדיק, מיט שטורם און דראַנג איז דער יונגער מאַרקס אין די 40-סטע יאָרן אַריינגעטראָטן אין דעם „נייעם לעבן", וואָס האָט זיך געעפנט אין אייראָפע אין יענער צייט. מאַרקס האָט זיך באַטייליקט אין אַלע דעמאָקראַטיקע וויכטיקסטע פאָליטישע געשעענישן; נישט נאָר די דייטשישע פאָליטיק אַליין האָ. אים

אינטערעסירט: ער האָט רעאגירט מיטן קאָפּ און שטורמדיקן טעמ־פּעראַמענט אויף דער גאַנצער אייראָפּייאישער פּאָליטיק. „איך בין אַ וועלטבירגער, פלעגט ער זאָגן, און וואו איך קום, דאָרט טו איך". ער פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר די עקסטע קאָנזעק־ווענצן, אויב נאָר דערצו האָבן אים געבראַכט זיין פאַרשטאַנד און באַוואוסטזיין. זיין געליבט ווערטל איז געווען דאַנטעס אַפּערז: „גיי זיך מיט דיין וועג! און זאָלן מענטשןריידן, וואָס זיי ווילט זיך!" נישט־קוקנדיק אויף די רדיפות פון די רעגירונגען אין פאַרשידענע לענדער, נישט־קוקנדיק אויף דעם האַס און שטילן „באָיקאָט" מצד די בורזשואַזע שרייבער בנוגע צו אים, איז ער אין זיין גאַנץ לעבן נישט אָבגעטראָטן אויף הינטערוועגלאַך פון דעם זיך איינמאָל אויסגעאַרבעטן וועג, נישט אַריין אין קיין פּשרות מיט זיין געוויסן, קיינמאָל נישט פערשוויגן דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר גערעכט און אמת. מיט זיין שאַרפער פּע־דער און היציקן טעמפּעראַמענט פלעגט ער זיך אָפּרופן אויף די טאָגדערשיינונגען פון אייראָפּייאישער פּאָליטיק און ער האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער פעהיקייט צו פילען אין פאָר־איבערגייענדיקע, זיך שנעל וועקסלענדיקע דערשיינונגען דעם היס-טאָרישן פּולס.

שוין באַלד, ביי זיין ערשטן אַריינטריט אין פּראַקטישן לעבן, האָט מאַרקס געשטרעבט צו באַהעפטן די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק. ער האָט געוואָלט דער פילאָזאָפיע געבן אַ מאַטעריעלן באָדן און דעם בליץ פון געדאַנק אַריינשלאָגן אין „נאַאיוון פאָלק". אָבער ווי אַזוי וועט דאָס געשען?

דייטשלאַנד איז נאָך דעמאָלט—אין די 40־סטע יאָרן—געווען, אין עקאָנאָמישער הינזיכט, אינגאַנצן הינטערשטעליק — אַ קליין בירגערלאַך לאַנד מיט אַלטפריינקישע מעטאָדן פון ווירטשאַפט. די פעאָדאַלע פאַנשטשיזנע איז שוין אפילו דאָרט געווען אָפּגע־שאַפט, אָבער דאָס איז פאָרגעקומען נישט אָנגערלאַך, פון אייגע-נער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג, נאָר פון אויסן—דורך נאַפּאָ־לעאָן, וועלכער האָט ביים איינעמען אייראָפּע אויסגעקערט דעם מיסט פון פריצישער ווירטשאַפט. די בורזשואַזיע איז דאַרום געווען

אין דייטשלאַנד אַ שוואַך באַשעפעניש, אָן גרויסע מעגלאַכקייטן און ברייטן רוים פאַר אירע כּוחות. דערביי איז נאָך דייטשלאַנד געווען צוברעקלט, צוריסן אויף שטיקלאַך, קליינע מלוכה׳לאַך מיט אייגענע פירשטן און פריצים-הערשער, וועלכע האָבן געקוקט אויף זייערע „אונטערטאַנען", ווי אויף זייער ירושה פון „גאָטס גנאָד". די ווירקלאַכקייט איז געווען נישט גינסטיק פאַר די דאָרטיקע פּאָליטיקער און זיי האָבן זיך דאַרום פון איר אָפּגעקערט און זי פאַרטוישט מיט פילאָזאָפיע און נעבלדיקער אַבסטראַקציע.

בכלל האָט שוין צו יענער צייט די דעמאָקראַטיע איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס: זי האָט פאַרלאָרן יענעם נאַאיוון גלויבן אין ריינע פּאָליטישע רעוואָלוציעס, וועלכער האָט אַמאָל באַהערשט און אַ פייערדיקן ענטוזיאַזם אַרויסגערופן ביי אירע פאָרקעמפער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס „פאָלק" האָט אויך שוין נישט אויסגעזען אַזוי איינהייטלאַך, ווי פריער דער „3-טער שטאַנד": פראַנקרייך און איינגלאַנד האָבן שוין געגעבן אייניקע ביישפילן פון אינערלאַכע קאַמפן צווישן פאַרשידענע שיכטן פון דעם „3-דריטן שטאַנד". אין ברוסט פון דער דעמאָלטיקער דעמאָקראַטיע האָבן געבריזט צוויי נשמות—די נשמה פון דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געשטרעבט צו מאַכט און די נשמה-יתירה פון „סאָציאַלער גלייכהייט", וועלכע האָט באַדאַרפט פאַרדעקן די גשמיותדיקע ציל̃ן פון דער קומענדיקער בורזשואַזער רעוואָלוציע. אַלע בורזשואַזע דעמאָקראַטן האָבן צו יענער צייט איבערגענומען די סאָציאַליסטישע פראַזעאָלאָגיע. אין דייטשלאַנד האָבן זיי זיך גערופן די „וואַרע סאָציאַליסטן".

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ „סאָציאַליזם", אַזאַ צושפּאָלטענער און צווייפּנימדיקער אידעאַל האָט באין אופן נישט געקאָנט באַפרידיקן דעם יונגן מאַרקסן, דעם יעניקן דיינקער, וועלכער האָט פון זיינע סטודענטניאָרן שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין צווייידייטיקייט, קיין פראַזע, קיין פשרות מיט זיין פילאָזאָפישן געוויסן. ער האָט זיך גיך פון דערדאָזיקער דעמאָקראַטיע אָפּגעקערט און האָט איר שטעכיק און בייסיק אויסגעלאַכט אין אַ גאַנצער ריי

אַרטיקלען. אַ שאַרפן סך-הכל צו דער טעטיקייט פון דידאָזיקע „וואַרע סאָציאַליסטן" פיהרט ער אונטער אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט": „זיי האָבן שטאָלצירט מיט דעם, וואָס זיי פאַרטיידיקן נישט די אמתע באַדערפענישן, נאָר די באַדערפענישן פון „אמת", נישט די אינטערעסן פון פראָלעטאַריאַט, נאָר די אינטערעסן פון מענטשלאַכן וועזן, פון מענטשן בכלל, פון מענטשן, וועלכער געהערט נישט צו קיין קלאַס און עקזיסטירט בכלל נישט אין דער רעאַלערווירקלאַכקייט, נאָר געפינט זיך אויף דעם נעבלדיקן כסא הכבוד פון דער פילאָזאָפישער פאַנטאַזיע."

שפעטער, האַרט פאַר דעם 48-טן יאָר, ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט די ליבעראַלע באַוועגונג געגן פעאָדאַלן אבסאָלוטיזם, זיינען די „וואַרע סאָציאַליסטן" אַרויסגעטרעטן געגן דערדאָזיקער באַוועגונג. זיי האָבן געפריידיקט פאַר די מאַסן, אַז פון פאָליטישער פרייהייט וועלן זיי גאָרנישט געווינען, נאָר אַלץ פאַרלירן. מאַרקס איז זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן געגן אַזאַ טאַקטיק. ער האָט דערוויזן, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט מיט אירע מאַטעריעלע לעבנסאופנים און פאָליטישער קאָנסטיטוציע זיינען אַ נויטיקער עטאַפּ אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. ער האָט כאַראַקטעריזירט די באַוועגונג פון „וואַרען סאָציאַליזם" אַלס אַן אידעאָלאָגיע פון דער קליינבורזשואַזיע, וועלכע איז פיינטלאַך געשטימט סיי דער אויפקומענדיקער גרויסבורזשואַזיע מיט איר קאַפּיטאַלקאָנצענטראַציע, סיי דעם פּראָלעטאַריאַט.

שוין אין יאָר 1843, אין די „דייטשפראַנצויזישע יאָרביכער", האָט מאַרקס געשריבן: „די רעוואָלוציעס באַדאַרפן האָבן אַ פּאַסיוון עלעמענט, אַ מאַטעריעלע גרונדלאַגע. די טעאָריע ווערט תמיד ביי אַ פאָלק נאָר אַזוי ווייט פאַרווירקלאַכט, אויף וויפיל זי איז די פאַרווירקלאַכונג פון זיינע באַדערפענישן". ער האָט אָבער נישט געהאַלטן, אַז ס'איז מעגלאַך אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און האָט נישט געגלויבט אין איר קאַמפּפעהיקייט. „אין דייטשלאַנד, שרייבט ער אין זעלבן אַרטיקל, וואו דאָס פּראַקטישע לעבן איז אַזוי גייסטלאָז, ווי דאָס גייסטיקע

עבן איז אומפּראַקטיש, האָט נישט קיין קלאַס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט די באַדערפעניש און פעהיקייט פון אַן אַלגעמיינער עמאַנסיפּאַציע, ביז די געזעלשאַפט וועט נישט דורך איר אוממיטלבאַרער לאַגע, דורך דער מאַטעריעלער נויטווענדיקייט, דורך אירע קייטן גופא דערצו געצוואונגען ווערן".

אַ נייע מאַכט האָט ער אָבער געזען אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט געהאַלטן דאָרט איצט אין אויפקומען, פון וועלכער ער האָט געוואַרט די אויסלייזונג. דאָס איז „דעריעניקער קלאַס, האָט ער געשריבן אין אויבנציטירטן אַרטיקל, מיט די ראַדיקאַלע קייטן, דער קלאַס אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס איז גלייכצייטיק נישט קיין קלאַס פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט, אַ שטאַנד, וועלכער לאָזט פאַנאַנדער אַלע שטאַנדן; דעריעניקער שיכט, וועלכער באַזיצט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער צוליב זיינע אוניווערסאַלע ליידן און פאָדערט נישט פאַר זיך קיין באַזונדערע רעכט, ווייל געגן אים ווערט נישט קיין באַזונדער אומרעכט אָנגעווענדט, נאָר דאָס גאַנצע אומרעכט אַליין, וועלכער קען נישט מער פרעטענדירן אויף אַ היסטאָרישן טיטל, נאָר אויף אַ מענטשלאַכן". דער פּראָלעטאַריאַט, מיינט קאַרל מאַרקס, „איז דער שיכט, וועלכער קען זיך נישט באַפרייען, נישט באַפרייענדיק זיך קודם פון אַנדערע שיכטן און במילא וועט ער שוין אויך זיך באַפרייען." מאַרקס איז אַריבער אינגאַנצן, בשלימות, מיט זיין גאַנצן וועזן אויף דער זייט פון פּראָלעטאַריאַט און געשטרעבט אים מיט דער פילאָזאָפיע צו פאַרבינדן. ער האָט נישט געהאַט בדעה צו פאַרשליסן זיינע וויסנשאַפטלאַכע אויספאָרשונגען אין דיקע ביכער, נאָר פאַר דער געלערנטער וועלט אַ סוד איינצורוימען, ער האָט פון זיי געוואָלט שמידן גייסטיק געווער פאַר דער קומענדיקער שלאַכט.

אים האָט באַין אופן נישט געקענט באַפרידיקן דער צושטאַנד פון סאָציאַליזם אין פראַנקרייך און אין איינגלאַנד, וואו אים איז אויסגעקומען גלות אָפּצוריכטן. דער סאָציאַליזם איז געווען דאָרט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער אַרבעטערבאַוועגונג און זיי האָבן אין אַ געוויסן זין אפילו צווישן זיך אַ קאַמף געפירט.

דער דעמאָלטיקער סאָציאַליזם האָט אינגאַנצן נישט גע־שטאַמט פון אַרבעטערקלאַס און האָט אויף אים ווייניק האָפ־נונג געלייגט. ער איז מער נישט געווען אַ ווילנסאויסדרוק פון די־יעניקע געלערנטע און דיינקער (פוריע, סען סימאָן, ראָבערט אָוועז), וועלכע זיינען געווען אויפגעבראַכט פון די טונקעלע זייטן פון דער היינטיקער אָרדנונג און האָבן געטרוימט זי צו פאַר־בייטן מיט אַ סאָציאַליסטישער. זיי האָבן שטאַרק געגלויבט אין יושר און שכל פון די מענטשן און האָבן זיך הויפטזעכלאַך גע־ווענדט צו די הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע באַזיצן דאָך די מאַכט און זיי געמוסרט און גערופן איבערצובויען די וועלט אויף פאַר־נינפטיקע, יושרדיקע יסודות. זיי האָבן באַטראַכט דעם קלאַסנ־קאַמף אַלס אַ שעדלאַכע דערשיינונג און אין אים געזען אַן אויס־ברוך פון אומזיניקע, ווילדע אינסטינקטן, וועלכער איז פעהיק צו שטערן די פאַרווירקלאַכונג פון סאָציאַליזם, ווייל ער שרעקט אָפּ די הערשנדיקע קלאַסן און מאַכט זיי פאַר געגנער פון דעם „יושר". זיי האָבן זיך דערום אַרויסגעזאָגט געגן יעדן פּאָליטישן קאַמף און האָבן נאָר מיט פאַנטאַסטישע מוסטערבילדער געוואָלט די פאַרפירטע מענטשהייט אין אַ נייער וועלט צריינגאַרן, אָבער אויב זיי, אַלס גרינדער פון געוויסע שולן, האָבן געשפּילט אַ פּאָ־זיטיווע ראָלע מיט זייער פייערדיקער און גרינדלאַכער קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, האָבן זיך אָבער זייערע תּלמידים אין די 40־טע יאָרן פאַרוואַנדלט אין איינפאַכע סעקטאַנטן, אָפּ־געריסן פון לעבן און זיינע געשעענישן.

אין איינגלאַנד, דאַגעגן, האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּראַקטישע אַרבעטערבאַוועגונג מיט שטאַרקע, אין דער היינטיקער וועלט, עפּעס שטייענדיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט קליינע צילן, האָבן געקעמפט פאַר בעסערע אַרבעטערבאַדינגונגען, פאַר אַלגעמיינע וואַלרעכט און ענלאַכע פאָדערונגען (די טשאַר־טיסטן). זיי זיינען אָבער נישט אַרויסגעטראָטן געגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און האָבן זי אַלס אַזעלכע נישט באַקעמפט.

אין דערזעלבער צייט פלעגן זיך בילדן קאָמוניסטישע צר־

בעטער-קרייזלעך, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיט׳ן „פילאַנטראָפּישן״ אָדער אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם און האָבן געשטרעבט דורך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע דעם קאָמוניזם צו פאַרווירקלאַכן. זיי האָט אָבער אויסגעפעלט דער צוזאַמענהאַנג פון דעם פּאָליטישן קאַמף פון מאַסנאָרגאַניזאַציעס מיט דער פאַרווירקלאַכונג פון זייער אידעאַל. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען אויך די האַלב-ראַדיקאַלע, האַלב-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פראַנקרייך,—די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע (לואי בלאַן, לעדרו-ראָלען און אַנדערע), וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין פּאָליטישן קאַמף, האָט געוואָלט איבערבויען די מלוכה אויף אַ „סאָציאַליסטישע״, דערביי זייַנען אירע פּרינציפּן און טאַקטיק געווען פאַרדעקט מיט אַ נעבל פון פראַזן און קלייַנבירגערלאַכע אילוזיעס.

„דער סאָציאַליזם, שרייבט ענגעלס אין זיין הקדמה צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, איז געווען אין יאָר 1847 אַ בורזשואַזע באַוועגונג, דער קאָמוניזם אַן אַרבעטערבאַוועגונג. דער סאָציאַליזם איז איינגעשטאַנען אין די סאַלאָנען, דער קאָמוניזם דוקא פאַרקערט״. פאַרשטייט זיך, מאַרקס האָט נישט לאַנג באַדאַרפט קלערן, אום ער זאָל צושטיין צום לעצטן. ער איז אַרייַנגעטראָטן אין „קאָמוניסטישן פאַרבאַנד״, פשוט אַן אַרבעטער-בילדונגסגעזעלשאַפט, „וואו עס ווערט גאַנץ פּאַרלאַמענטאַריש דיסקוטירט און דערביי אויך געפירט גייסטיקע אונטערהאַלטונג, געזאַנג, דעקלאַמאַציע, טעאַטער-שפּיל א. אַ. וו. (מאַרקס בריף צום פּאָעט הערוועג). „אין 29-טן נאָוועמבער פון יאָר 1847 איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען דער 2-טער קאָנגרעס פון „בונד פון די קאָמוניסטן״. מאַרקס איז אַהין געקומען אַלס דעלעגאַט פון דער דעמאָקראַטישער „געזעלשאַפט פאַר פאַרייניקונג פון אַלע פעלקער״. דאָרטן האָט ער פאָרגעלייגט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, וועלכער איז מיט גרויס התלהבות אָנגענומען געוואָרן, און אַזוי־אַרום איז געלייגט געוואָרן דער גרונדשטיין פון דער נייער תורה, ביי וועלכער עס האַלטן זיך איצטער אַרבעטער פון פאַרשידענע וועלטטיילן און לענדער.

דער גרעסטער אומפאַרגעסלאַכער אויפטו פון מאַרקסן פאַרן

פּראָלעטאַריאַט, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט צונויפגעבונדן די אַרבעטערבאַוועגונג מיטן סאָציאַליזם. עס איז נישט קיין יושר-געפיל, וועלכעס שטייט אויסער דער צייט און איז גילטיק פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן. דאָס איז נאָר די העכערע אַנטוויקלונגספאָרם, וועלכע שטאַמט אַרויס נויטווענדיקערהייט פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, און די מענטשן וואָלטן אַזוי, צי אַנדערש, מוזן איבערגיין צו די קאָלעקטיוויסטישע פאָרמען פון אַרבעט. „די פּראָדוקטיווע כוחות, וועלכע ס׳פאַרמאָגט די היינטיקע געזעלשאַפט, העלפן שוין נישט מיט דער אַנטוויקלונג פון בורזשואַזע פאַרהעלטענישן פון אייגנטום, נאָר, פאַרקערט, זיי זיינען שוין געוואָרן צו שטאַרק פאַר דידאָזיקע פאַרהעלטענישן, וועלכע טאַמעווען נאָר זייער כוח״. „די בורזשואַזע אָרדנונג איז געוואָרן צו איינג דערויף, אום זי זאָל קאָנען אין זיך איינ-האַלטן די עשירות, וועלכע זיינען אין איר גופא געשאַפן געוואָרן״.

די היינטיקע געזעלשאַפט טראָגט דעם סאָציאַליזם אין זיך פאַרבאָרגן, און נאָכמער, זי שאַפט אויך דעם קלאַס, וועלכער איז דער טרעגער פון דעמדאָזיקן אידעאַל, איר אייגענער קרבן. דער קלאַסנקאַמף, וועלכער קומט פאַר אינגאַנצן אומאָפּהייניגיק פון ווילן און פאַרלאַנג פון די מענטשן, קאָן און מוז ווערן פאַרוואַנדלט פאַר אַ מיטל דעם סאָציאַליזם צו פאַרווירקלאַכן. ער דאַרף נאָר פון אַ סטיכישן אויסברוך אַ באַוואוסטזיניקער אַקט ווערן, זיך שטעלן צילבאַוואוסטע אויפגאַבן, אונטערוואַרפן די אַרבעטערפּאָליטיק דעם ענדציל, און דעמאָלט שטייען זיי שוין נישט איינע געגן די אַנדערע אין אַ סתירה, נאָר פאַרקערט, זיי דערגענצן איינע די צווייטע. „די באַפרייונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס איז די זאַך פון די אַרבעטער גופא״. דער פּראָלעטאַריאַט באַדאַרף זיך אָרגאַניזירן אין אַ קלאַס און במילא אויך אין אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע שטרעבט צו באַקומען די פּאָליטישע מאַכט אין אירע הענט. די צילן פון פּראָלעטאַריאַט קאָנען זיך שוין נישט באַגנוגענ ן מיט אַ באַגרענצטן שטח, מיט איין מדינה — נאָר זיי פאַרשפּרייטן זיך שוין אויף אַלע לענדער, וואו נאָר ס׳הערשן די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטסאופנים.

„די קאָמוניסטן, זאָגט זיך אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט, קעמפן פאַר די אוממיטלבאַרע אינטערעסן און נאָענטע צילן פון אַרבעטערקלאַס, אָבער אין דערזעלבער צייט טרעטן זיי אין דער היינטיקער באַוועגונג אַרויס אַלס פאָרשטייער פון די צוקונפטיקע אינטערעסן פון דער באַוועגונג".

מאַרקס האָט געמאַכט פון דעם סאָציאַליזם אַ וויסנשאַפט, וועלכע האָט באַדאַרפט נישט נאָר באַפרידיקן די נייגיריקייט און וויסנדורשט, נאָר אויך עקאָנאָמיזירן, איינשפאָרן די כוחות פון קעמפנדיקן פראָלעטאַריאַט, זיין אַ וועגווייזער פאַר אים און געבן אַ ריכטונג פאַר זיין טעטיקייט. ס'איז שוין נישטאָ מער קיין סתירה צווישן קליינע צילן און ענדציל: אויף וויפיל יענע זיינען מיט אים צונויפגעבונדן, האָבן אים אין אויג, אויף אַזויפיל דינען זיי אַלע דער גרויסער זאַך—דער באַפרייונג פון אַרבעטערקלאַס.

אָבער דידאָזיקע באַפרייונג ברייגנט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון קלאַסנקאַמפן די באַפרייונג נישט נאָר פון דעם קעמפנדיקן קלאַס אַליין, נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט.

„אַלע פריערדיקע היסטאָרישע באַוועגונגען זיינען געמאַכט געוואָרן דורך אַ מיעוט און האָבן פאַרפאָלגט די אינטערעסן פונם מיעוט. די פראָלעטאַרישע באַוועגונג אָבער איז אַ באַוועגונג פון אַ באַדייטנדיקן רוב און איז אין די אינטערעסן פון דער באַדייטנדיקער מערהייט". דאָס איז אַ באַוועגונג פאַר פאַרניכטן בכלל די קלאַסנהערשאַפט צווישן מענטשן און במילא שוין אויך יעדע גרופּנפּריווילעגיע און נאַציאָנאַלע הערשאַפט. „פאַרניכטעט, זאָגט מאַרקס, די עקספּלאָאַטאַציע פון מענטשן דורך מענטשן און איר וועט שוין פאַרניכטן די עקספּלאָאַטאַציע פון איין נאַציע דורך דער צווייטער".

אַזוי האָט טיף און געניאַל און אין דערזעלבער צייט גאַנץ פּשוט און קלאָר פאָרמולירט מאַרקס שוין אין יאָר 1847 די צילן און אויפגאַבן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערבאַוועגונג.

„דער סאָציאַליזם, שרייבט ענגעלס, איז שוין פאַר אונז

דערשינען נישט אַלס צופעליקע אַנטדעקונג פון דעם אָדער יענעם געניאַלן פאַרשטאַנד. ער איז געווען אַ נויטווענדיקער פועל-יוצאַ פון דעם קאַמף פון צוויי היסטאָריש-אויפגעקומענע קלאַסן — פון פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע". „ער האָט זיך שוין באַדאַרפט באַשעפטיקן מיטן אויספאָרשן דעם היסטאָרישן גאַנג פון עקאָנאָמישן לעבן, פון וועלכן דידאָזיקע קלאַסן האָבן געמוזט אַרויסקומען אין זייער געגנזייטיקן קאַמף. ער האָט אויך באַדאַרפט געפינען אין דער עקאָנאָמישער לאַגע די מיטלען צו לעזן דעם קאָנפליקט".

און דערצו האָט זיך גענומען מאַרקס מיט זיין גאַנצן אייפער און התמדה, אויף וועלכע נאָר ער איז פעהיק געווען. יאָרנלאַנג האָט זיך מאַרקס אַוועקגעזעצט אין לאָנדאָנער מוזיי, ליידנדיק מיט זיין פאַמיליע דחקות און נויט און האָט גרינדלאַך שטודירט אַלץ, וואָס איז נוגע דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. ער האָט דורכגעלייענט אַלע געשריבענע ווערק פון די פריערדיקע עקאָנאָמיקער, די מליצי-יושר פון דער בורזשואַזער אָרדנונג, האָט דורכגעבלעטערט אַלע פּאַפּירן פון די פאַבריקאינספעקטאָרן, אַלע מלוכהאַקטן, ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין זאַך, וואָס איז נאָר נוגע דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. און נאָך צענדליקער יאָרן פאָרשן האָט ער פאַר אַלעמען קלאָר און דייטלאַך באַוויזן די אָביעקטיווע נויטווענדיקייט פון פּראָלעטאַרישן אידעאַל. ער האָט שאַרף און דייטלאַך פאָרמולירט דעם טויטאורטייל, וואָס די געזעלשאַפטלאַכע אַנטוויקלונג האָט אַרויסגעטראָגן דער היינטיקער אָרדנונג.

דער יאָר 1848.

די רעוואָלוציע פון יאָר 1848, וועלכע האָט דעם 24-טן פעברואַר אויסגעבראָכן אין פראַנקרייך, האָט געטראָפן מאַרקסן אין בריסעל.

די דאָרטיקע בירגער, טיף גערירט פון די ווייכהאַרציקע דרשות פון זייער קעניג לעאָפּאָלד, זיינען אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאָליציי באַפאַלן די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון בעלגישער הויפּטשטאָט און האָבן זיי ברוטאַל באַהאַנדלט. צווישן די געליטענע זיינען געווען אויך מאַרקס און זיין פרוי, וועלכע זיינען

נאָך אַ קורצער צייט זיצן אין תּפיסה אַרויסגעשיקט געוואָרן פון בעלגיע.

מאַרקס האָט זיך געאיילט צו קומען קיין פּאַריז, דעם צענטר פון דער אייראָפּייאישער רעוואָלוציע. דאָרטן האָבן זיך געבילדעט, מיטן הסכּם און שטיצע פון דער פּראָוויזאָרישער רע-גירונג, רעוואָלוציאָנערע לעגיאָנען, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָפּ-פאָהרן קיין דייטשלאַנד, אום אויך דאָרט די רעוואָלוציע אַרויס-צורופן. מאַרקס האָט גלייך מיט זיין שאַרפן בליק פאַרויסגעזען דעם גאַנצן קינדערשן אומזין—אַרויסצורופן אויף אַזאַ אופן רע-וואָלוציעס פון דרויסן, און האָט פאַרנומען צו דערדאָזיקער אונ-טערנעמונג אַ שאַרף נעגאַטיווע שטעלונג. אַנשטאָט לעגיאָנען, האָבן מאַרקס און ענגעלס דאָרט געבילדעט אַ דייטשן קאָמוניס-טישן קלוב, וועמענס מיטגלידער האָבן זיך געדאַרפט צוגרייטן אויף צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, כּדי דאָרט צו ווירקן אַלס „זויער-טייג פון דער באַוועגונג”. זיי האָבן געפּועלט ביי דער רעגירונג, אַז דידאָזיקע אַרבעטער זאָלן פאָרן אויף דיזעלבע רעכט, ווי די לעגיאָנערען, ד. ה. ביז דער גרעניץ האָבן זיי באַקומען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג 50 סענטים אַ טאָג און אומזיסטע אַכסניה. פון 3 ביז 4 הונדערט אַרבעטער זיינען אויף אַזאַ אופן איבער-געפאָרן קיין דייטשלאַנד. זייער הויפּטפּראָגראַם, אויסגעאַרבעט פון מאַרקס, ענגעלס, וואָלף, שאַפּפּער, בויער און מאָל—איז באַ-שטאַנען פון דער פאָדערונג: „איינהייטלאַכע, אומטיילבאַרע רע-פּובליק און אַלגעמיינע פאָלקסבאַוואָפנונג”.

מאַרקס און זיינע פריינט האָבן זיך דאַמאָלס געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די אַרבעטער מוזן העלפן דער בורזשואַזיע, זי זאָל איר רעוואָלוציע מיט נצחון דורכפירן. ביי יענע אומשטענדן האָבן די אַרבעטער געקאָנט אַרבעטן פאַר דער רעוואָלוציע נאָר אַלס אויסערסט-לינקער פליגל פון דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטי-שער פּאַרטיי. שפּעטער האָט ענגעלס דערקלערט די סבּות פון אַזאַ טאַקטיק: „ווען מיר וואָלטן נישט אויפגענומען די באַוועג-גונג אין איר שוין פאַרויס-געפונענער, פאַרגעשריטנסטער, פאַק-טיש פּראָלעטאַרישער ענדע און זי ווייטער פאַרויסגעטריבן, וואָלט

אונז מער נישט פאַרבליבן, ווי צו האַלטן דרשות איבער קאָמוניזם ערגעץ אין אַ קליין בלעטל און, אָנשטאָט אַ גרויסע פּאַרטיי פון מעשים, גרינדן אַ קליינע סעקטע. אויף פריידיקן אָבער אין אַ מדבר האָבן מיר שוין נישט געטויגט. מיר האָבן אויף דעם צו גוט די אוטאָפּיסטן געשטודירט". זיי האָבן דאַרום באַשלאָסן די דעמאָקראַטישע פּאָליטיק צו פירן אין קאָמוניסטישן גייסט.

דעם 18-טן מערץ האָט דער בערלינער פּראָלעטאַריאַט אין אַ גאַסנקאַמף באַזיגט די פּרייסישע גוואַרדיע און די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָט דורכדעם געוואונען אַ פעסטן באָדן אונטער אירע פיס. אָבער די בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפעהיק די רעוואָלוציע ביזן סוף צו דערפירן און איז גאָר גיך אַריין אין אַ קאָמפּראָמיס מיט די שיריים פון פעאָדאַליזם. מאַרקס האָט אין זיינע אַרטיקלען אין דער „נייער ריינישער צייטונג", וועלכע ער האָט מיט זיינע פריינט געגרינדעט אין קעלן, זיך שטאַרק באַטייליקט אין פּאָליטישן לעבן, ער האָט אויפגעדעקט די פאַרבאַהאַלטנסטע זייטן פון דעם קלאַסנקאַמף אין דער רעוואָלוציע און האָט מיט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, אין דערזעלבער צייט לאָגיש, אָביעקטיוו געשילדערט די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע האַנדלונג פון דער דייטשער בורזשואַזיע און האָט אויפגעדעקט דעם סאָציאַלן אונטערשלאַק פון אירע מעשים.

„די רעוואָלוציעס פון די יאָרן 1848 און 1789, האָט מאַרקס געשריבן אין זיין אַרטיקל „סך-הכל פון דער פּרייסישער רעוואָלוציע"—„זענען נישט געווען קיין איינגלישע, אָדער פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, זיי זיינען געווען רעוואָלוציעס פון אייראָפּייאישן סטיל. זיי האָבן נישט אויסגעדריקט נאָר דעם נצחון פון אַ באַשטימטן קלאַס פון דער געזעלשאַפט איבער די אַלטע פּאָליטישע אָרדנונג, זיי האָבן פּראָקלאַמירט די פּאָליטישע אָרדנונג פאַר דער נייער אייראָפּייאישער געזעלשאַפט.

די בורזשואַזיע האָט אין זיי געזיגט. אָבער דער זיג פון דער בורזשואַזיע איז דעמאָלט געווען דער זיג פון אַ נייער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג, דער זיג פון בורזשואַזן אייגנטום איבער פעאָדאַלן, פון דער גאַנצער נאַציע איבער דעם פּראָווינ-

ציאַליזם, פון קאָנקורענץ איבער צעכן, פון אויפקלערונג איבער דעם אָבערגלויבן, פון דער פאַמיליע איבער דעם פאַמיליענאָמען, פון דער אינדוסטריע איבער דער „העלדישער“ פוילקייט, פון בירגערלאַכן רעכט איבער די מיטלאַלטערלאַכע זכיות“.

אַנדערש אָבער האָט זיך די רעוואָלוציע אויסגעדריקט אין דייטשלאַנד.

„די דייטשע בורזשואַזיע האָט זיך אַזוי פויל, לאַנגזאַם און מיט פּחדנות אַנטוויקלט, דאָס אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס אַ געפערלאַכער געגנער געגן פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם, האָט זי געגן זיך גופא דערזען אַ געפאַר מצד דעם פּראָלעטאַריאַט. און נישט נאָר איין קלאַס—הינטער זיך, נאָר גאַנץ אייראָפּע-פיינטלאַך פאַר זיך. די פּרייסישע בורזשואַזיע איז נישט געווען ווי די פראַנצויזישע—אַ קלאַס, וועלכער האָט פאַרטראָטן פאַר די רעפּרעזענטאַנטן פון דער אַלטער געזעלשאַפט—דעם קע-ניגטום און אַדעל—די גאַנצע היינטיקע געזעלשאַפט“.

„די בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד, שרייבט ווייטער מאַרקס, איז אַראָפּגעזונקען צו אַזאַ שטאַנד, וועלכע איז אַזוי בולט אַרויסגעטראָטן סיי געגן דער קרוין, אַזוי אויך געגן פאָלק, אָפּאָ-זיציע-לוסטיק געגןביידן, אומאַנטשלאָסן געגן יעדן איינצלנעם באַזונדער, ווייל זי זעט תמיד ביידע פאַר זיך אָדער הינטער זיך; זי איז שוין פון פאָרויס גענייגט צו בגידה געגן פאָלק און צו פּשרה מיט די געקרוינטע פאַרטרעטער פון דער אַלטער געזעל-שאַפט, ווייל זי גופא געהערט שוין צו דער אַלטער געזעלשאַפט. זי פאַרטרעט נישט די אינטערעסן פון אַ נייער געזעלשאַפט געגן דער אַלטער, נאָר באַנייטע אינטערעסן אין דער פאַרעלטערטער געזעלשאַפט.

די בורזשואַזיע, מיינט מאַרקס, האָט זיך געשטעלט ביים רודער פון דער פּרייסישער מלוכה, „אָן גלויבן אין זיך גופא, אָן גלויבן אין פאָלק, מורמלענדיק געגן אויבן, ציטערנדיק געגן אונטן, עגאָאיסטיש בנוגע ביידע זייטן, רעוואָלוציאָנער געגן די קאָנסערוואַטיוון, קאָנסערוואַטיוו געגן די רעוואָלוציאָנערן, נישט געטרויט אירע אייגענע שלאַגווערטער, פראַזן אַנשטאָט אידייען,

איינגעשראָקן פון וועלטשטורעם און דעם וועלטשטורעם עקספּלאָ-
טירט, ענערגיע נאָך קיין שום ריכטונג, פּלאַגיאַט נאָך אַלע ריכ-
טונגען, אָרדינער, ווייל זי איז נישט געווען אָריגינעל, אָריגינעל
אין איר אָרדינערהייט". אַזוי איז אַרויס דאָס בילד פון דער
בורזשואַזיע פון מאַרקס פעדער.

פאַרשטייט זיך, מאַרקס האָט געהאַט גענוג אויסצושטיין פון
דער רעאַקציע. געגן זיין צייטונג זיינען פאַרפירט געוואָרן פּראָ-
צעסן, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו קעמפן מיט זיין
בייסנדיקער פעדער און אָפּרופן זיך אויף אַלע פּאָליטישע דער-
שיינונגען פון טאָג. אין אַ רעדע פאַר די קעלנער געשוואָרענע
ריכטער האָט מאַרקס פאָרמולירט די פליכטן פון אַ פּאָליטישער
צייטונג: „איך, פאַר מיין פּערזאָן, פאַרזיכער אייך, אַז איך
פּאָרש גערנער נאָך די גרויסע וועלטגעשעענישן, איך אַנאַליזיר
ליבער דעם גאַנג פון דער געשיכטע, איידער איך זאָל זיך אַרום-
שלאָגן מיט לאָקאַלע געצען, מיט זשאַנדאַרמען און הויכע אדונים.
ווי גרויס דידאָזיקע אַדונים דיינקען וועגן זיך אין זייער אייגע-
נער איינבילדונג, זיינען זיי אָבער גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט
אין די ריזנהאַפטע קאַמפן פון דער געגנוואַרט. איך באַטראַכט
עס פאַר אַן אמתן קרבן, ווען מיר אַנטשליסן זיך מיט דידאָזיקע
געגנער דעם שווערד צו ברעכן. אָבער דער חוב פון דער פּרע-
סע איז איינצושטעלן זיך פאַר די אונטערדריקטע אין זייער
נאָענטסטער סביבה". „צוליב וואָס איינגעטלאַך איז די מערץ-רעוואָ-
לוציע דורכגעפאַלן?" פרעגט מאַרקס: „ווייל זי האָט רעפאָרמירט
נאָר דעם העכסטן פּאָליטישן שפּיץ, זי האָט אָבער נישט אָנגע-
רירט די יסודות פון דעמדאָזיקן שפּיץ: די אַלטע ביוראָקראַטיע,
די אַלטע אַרמיי, די אַלטע, אין דינסט פון אַבסאָלוטיזם געבאָ-
רענע, אויסגעבילדעטע און גראָגעוואָרענע ריכטער. די ערשטע
פליכט פון דער פּרעסע איז, די אַלע גרונדלאַגן פון עקזיסטירנ-
דיקן פּאָליטישן צושטאַנד צו אונטערגראָבן."

מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז די בעסטע פּרוכט פון דער
רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יאָר 1848 אין גאַנץ אייראָפּע,
איז געווען נישט דאָס, וואָס די פעלקער האָבן געוואונען, נאָר

דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן—דער פאַרלוסט פון זייערע אילו־זיעס. דער גרויסער קאַמף צווישן דער רעפּובליקאַנער בורזשואַ־זיע און פּראָלעטאַריאַט אין די יוני־טעג אין פּאַריז, די מורא׳־דיקע קלאַסנקאַמפן אין די איבעריקע לענדער, האָבן אַרויסגערופן ביי אים אַ פאָרשטעלונג, אַז ס׳האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען דער פעריאָד פון אַנטשידענע, גרויסע שלאַכטן געגן דער בורזשואַזער וועלט פאַר דעם סאָציאַליזם.

מאַרקס, וואָלף, בעקער און די איבעריקע זייערע פריינט טרעטן אַרויס פון דעמאָקראַטישן קרייזקאָמיטעט מיט אַזאַ דער־קלערונג: „מיר מיינען, אַז די איצטיקע אָרגאַניזאַציע פון דע־מאָקראַטישע פאַריינען שליסט איין אין זיך אַזויפיל פאַרשידנ־אַרטיקע עלעמענטן, אַז ס׳איז אוממעגלאַך אַ טעטיקייט, וועלכע זאָל נוצן דעם צוועק פון אונזער זאַך. מיר האַלטן זיך גיכער ביי דער מיינונג, אַז אַן איינגערע פאַרבינדונג פון די אַרבע־טערפאַריינען, וועלכע באַשטייען פון גלייכע עלעמענטן, האָבן מער מעלות".

גלייכצייטיק איז דער אַרבעטערפאַריין אין קעלן אַרויסגע־טראָטן פון פאַרבאַנד פון די ריינישע דעמאָקראַטן און האָט צו־נויפגערופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אַרבעטערפאַריינען, און אויך פון אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי די יסודות פון דער סאָציאַלער דעמאָקראַטיע. די „נייע ריינישע צייטונג" איז געוואָרן דער אָרגאַן פון דערדאָזיקער נייער דעמאָקראַטיע.

די צייטונג האָט איבערגעלעבט שווערע צייטן. אירע רע־וואָלוציאָנערע אַרטיקלען האָבן פאַרטריבן פון איר אַלע אַקציאָ־נערן. אויך די „דעמאָקראַטישע" יידישע באַנקירן האָבן אין בריף געפאָדערט צוריק זייער ביסל גראָשנס, ווייל די צייטונג האָט, לויט זייער מיינונג, געפרעדיקט „קאָנפעסיאָנעלן האַס". מאַרקס האָט אויף דער צייטונג פאַרוועגדט זיין און זיין פרויס פאַר־מעגן און ער האָט נישט געקאַרגט קיין זאַך, די פּראָלעטאַרישע „פעסטונג" איינצוהאַלטן.

אָבער נישט אויף לאַנג. נאָך אַן אומגעלונגענעם אויפשטאַנד אין דרעזדען און עלבערפעלד האָט די רעאַקציע אָפּגעהאַלטן איר

פולען נצחון אין גאַנץ דייטשלאַנד. זי האָט זיך אויך דערקליבן צו דער פעסטונג פון די קאָמוניסטן—צו דער ריינישער צייטונג. זי האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, אַרויסלאָזנדיק דעם לעצטן רויטן נומער מיט אַן אזהרה צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן נישט אונטערנעמען קיינע האָפנונגסלאָזע בונטן. מאַרקס האָט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד. ער האָט זיך געלאָזן נאָך פאַריז, וואו די דאָרטיקע סאָציאַלדעמאָקראַטיע (אַ געמישטע פאַרטיי פון קליינבירגער און פראָלעטאַריער) האָט זיך געקליבן צו געבן דער „אָרדנונגס-(רעאַקציאָנערער) פאַרטיי" אַ גרויסע שלאַכט. די דעמאָנסטראַציע, וואָס די סאָצ.-דעמאָקראַטיע האָט איינגעאָרדנט דעם 13-טן יוני 1849, האָט זיך נישט איינגעגעבן. ס'האָט זיך באַקומען אַ באַפעל מאַרקסן פאַרשיקן נאָך ברעטאַן. מאַרקס האָט אָבער באַשלאָסן צו לאָזן זיך בעסער ווידעראַמאָל אין גלות און איז אָפּגעפאָרן קיין איינגלאַנד.

די דעמאָקראַטיע האָט זיך געטרייסט נאָכן דורכפאַל פון יאָר 1849 מיט אילוזיעס פון אַ גיכער נייער רעוואָלוציע. „זי האָט זיך גערעכנט, שרייבט ענגעלס, מיט אַ גיכן נצחון פון פאָלק" איבער זיינע אונטערדריקער, וואָס וועט שוין איין מאָל פאַר אַלעמאָל אַנטשיידן די זאַך. מיר אָבער האָבן געדיינקט, אַז נאָך דעם, ווי די אונטערדריקער וועלן באַזייטיקט ווערן, וועט זיך אויפפלאַקערן אַ לאַנגער קאַמף צווישן פאַרשידענע עלעמענטן, וועלכע זיינען פאַרבאַהאַלטן אין שויס פון „פאָלק" גופא. בעת די דעמאָקראַטיע האָט געוואַרט שיער נישט היינט-מאָרגן אויף אַ נייעם אויסברוך, האָבן מיר שוין אין הערבסט פון יאָר 1850 געמאָלדן, אַז לכל-הפחות די ערשטע פאַזע פון רעוואָלוציאָנערן פעריאָד איז שוין פאַרענדיקט, און מען קען דערווייל אויף גאָרנישט האָפן, ביז ס'וועט נישט אָנקומען קיין נייער עקאָנאָמישער וועלטקריזיס".

אַזאַ אפיקורסות פון מאַרקסן און ענגעלסן האָט אַרויסגערופן געגן זיך אַ שטורם פון אָנפאַלן מצד די „פאַרברענטע רעוואָלוציאָנערן". מען האָט זיי פאַררעכנט אַלס אָפּאָרטוניסטן, שיער נישט אַלס פאַררעטער. „אָבער, איז זיך ענגעלס ווייטער מודה,

די געשיכטע האָט אונז אויך גענאַרט, און אונזער דעמאָלטיקער בליק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אילוזיע. די געשיכטע איז אַוועק נאָך ווייטער. זי האָט נישט נאָר דערוויזן אונזער דעמאָלטיקן טעות, נאָר זי האָט אויך פולקום איבערגעבילדעט די תּנאים, ביי וועלכע דעם פּראָלעטאַריאַט איז אויסגעקומען צו קעמפן. די יעניקע פאָרמען פון קאַמף, וועלכע האָבן זיך פּראַקטיצירט אין יאָר 1848, זיינען שוין אין אַלע הינזיכטן פאַרעלטערט געוואָרן".

מאַרקס האָט וויסנשאַפטלאַך געקאָנט זיך פאַנאַנדערקלויבן אין די פּאָליטישע געשעענישן, ער האָט געקענט פאָרויסזאָגן די טענדענצן פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, ער איז אָבער נישט געווען און האָט נישט פּרעטענדירט צו זיין אַ טרעפער. ער האָט געקענט מאַכן, באַזונדערס אין ברען פון די געשעענישן, פיל טעותים בנוגע דעם טעמפּ און גאַנג פון דער פּאָליטיק, און ער האָט געהאַט גענוג מוט, זיך גלייך אין זיי מודה צו זיין: די טענדענץ אָבער, וועלכע ער האָט אָנגעצייכנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק ביז היינטיקן טאָג.

אַ קלאָרן רעזיומע פון זיינע בליקן אויפן גאַנג און אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע האָט מאַרקס געגעבן אין זיין בריף וועגן קאָמוניסטן-פּראָצעס אין קעלן (1852).

„דידאָזיקע פּאַרטיי, שרייבט מאַרקס, האָט באין אופן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז זי קאָן „מאַכן" אַן אַרבעטער-רעוואָלוציע, ווען און ווי אַזוי זי וועט וועלן. זי האָט גרינדלאַך שטודירט די אורזאַכן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די באַוועגונג פון 48 יאָר און אויך די סיבות פון איר דורכפאַל. דערפירנדיק אַלע פּאָליטישע קאַמפן צו קלאַסנקאַמפן, האָבן די קאָמוניסטן פלייסיק געפאָרשט די תּנאים, וועלכע ברייננגן אַ קלאַס, ער זאָל מיט זיך רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק און במילא שוין צו פּאָליטישער מאַכט".

„די פּראַקטישע רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונגען פון די יאָרן 48—49, שרייבט ער ווייטער, האָבן באַשטעטיקט די טעאָרעטישע כללים, וועלכע באַהויפּטן, אַז פריער מוז די קליינבירגערלאַכע דעמאָקראַטיע קומען צו דער מאַכט, איידער דער קאָמור-

ניסטישער אַרבעטערקלאַס וועט אַריינגעמען אין זיינע הענט די ממשלה, כדי מבטל צו מאַכן דעם לוינכיסטעם, וועלכער האַלט דעם פּראָלעטאַריאַט אונטערן יאָך פון דער בורזשואַזיע".

דער אינטערנאַציאָנאַל.

די רעוואָלוציע פון יאָר 1848 האָט איר אַרבעט נישט פאַרענדיקט. זי האָט נאָך געלאָזן אין אייראָפּא די רעשטלאַך פון פעאָדאַליזם. די נאַציעס אינערלאַך האָבן זיך נאָך נישט אינגאַנצן פאַרייניקט און זיך נישט באַפרייט פון פרעמדן דרוק, דער קלאַסנקאַמף צווישן דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט האָט, אויסער איינגלאַנד און פראַנקרייך (נאָר פּאַריז) נישט, געטראָגן קיין שאַרף אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער.

די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אָבער פון נאָכן יאָר 1848 האָט באַוויזן דעמדאָזיקן פּראָצעס צו פאַרענדיקן. גאַנץ אייראָפּע האָט איבערגעלעבט אַ פּעריאָד פון אַ שטאַרקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, דער קאַפּיטאַליזם האָט געמאַכט אויפן גאַנצן קאָנטינענט גרויסע פאָרשריט,ב אַפּאָלעאָנס רעאַקציע האָט אַריינגעשלעפּט פראַנקרייך אין אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק, דורך זיין „נאַציאָנאַלן פּרינציפּ" האָט פראַנקרייך באַקומען נייע טעריטאָריעס און אָבזאַצמערק פאַר אירע סחורות. ביי דערזעלבער פּאָליטיק האָט זיך אויך געהאַלטן ביסמאַרק אין דייטשלאַנד: ער האָט פאַרענדיקט מיט דער דייטשער צובראָקלונג און צוריסנהייט, ער האָט אין לעבן דורכגעזעצט דעם פּרינציפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. די קליינע מלוכהלאַך האָבן זיך פאַרייניקט אין איין גרויסער מאַכט, די אינדוסטריע און קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט בכלל האָט דאָרט געמאַכט גיגאַנטישע פאָרשריט און מיטגעבראַכט מיט זיך אויך איר אַנטאַגאָניסט—דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט.

„די מקברים פון דער רעוואָלוציע פון 1848, שרייבט ענגעלס, זיינען געוואָרן נאָכדעם אירע יורשים, זיי האָבן אין לעבן דורכגעפירט איר צוואה". די רעוואָלוציע פון אויבן האָט פאַרענדיקט מיטן עסטרייכישן אַבסאָלוטיזם, זי האָט כמעט אין גאַנץ אייראָפּא, אויסער פּוילן, דורכגעפירט די פאַרייניקונג און אומאָפּהענגיקייט פון די גרויסע נאַציעס און מיט דעם אַליין האָט

זי דאָרט דעם קלאַסנקאַמף אָפגעריייניקט פון פאַרפלאָנטערטע נאַ-ציאָנאַלע סכסוכים.

נישט אַלע טוער אָבער פון יאָר 1848 האָבן זיך געקענט פאַנאַנדערקלויבן אין דער ניי - געשאַפענער סיטואַציע. אַ טייל פון זיי זיינען געבליבן פאַרגליווערט ביי זייערע אַלטע בליקן, זיי האָבן זיך מיט דער נייערווירקלאַכקייט נישט געוואָלט רע-כענען און האָבן געגן איר פאַרמאָגט נאָר צו פּראָטעסטירן און פון איר מיט צאָרן זיך אָפּווענדן.

אַ 2-טער טייל ווידער האָט פאַרלאָרן יעדע פּאָליטישע און מאָראַלע אָנהאַלטסקראַפט. די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן זיי מיט זיך נאָכגעשלעפט, און פאַרלירנדיק די אַלטע טראַדיציעס, האָבן זיי אַלץ פאַרלאָרן. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די קני פאַר די אויפגעקומענע באַלעבאַטים פון אייראָפּא—נאַפּאָלעאָן און ביסמאַרק, און אייניקע פון זיי זיינען שפּעטער אַפילו אַרויסגע-שוואומען, ווי מנהיגים פון דער „נייער אָרדנונג” (דער פּרייסי-שער מיניסטער מיקעל פון די ניינציקסטע יאָרן, דהיינו, איז גע-ווען אין די יונגע יאָרן מאַרקס אַ פריינט און אַן אָנגעזעענער טוער ביי די קאָמוניסטן).

מאַרקס האָט געהערט צו די-יעניקע יחידים פון אַלטן דור, וועלכע האָבן גלייך איינגעזען די נייע תּנאים פאַר דעם רעוואָ-לוציאָנערן קאַמף. ער האָט זיך גלייך אין זיי אָריענטירט און ער האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער נייער באַוועגונג.

אין לאָנדאָן האָט מאַרקס אין דער ערשטער העלפט פון די 50-ער יאָרן מיט זיין פאַמיליע געליטן גרויס דחקות, צייטנ-ווייז פשוט הונגער. די דייטשע בורזשואַזע פּרעסע האָט אים באָי-קאָטירט, קיין צייטונג האָט נישט געוואָלט אויפנעמען זיינע אַר-טיקלען, זיין נאָמען האָט נישט געטאָרט דערמאָנט ווערן; נאָר צופעליקערווייזע האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג פון אַן אַמע-ריקאַנער צייטונג צו שרייבן פאַר איר רעגלמעסיק קאָרעספּאָדענצן. פון דעמדאָזיקן פאַרדינסט—אומגעפער 40 ר. מאָנאַטלאַך—האָט ער מיט זיין פאַמיליע עקזיסטירט יאָרנלאַנג.

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געווירקט אויף זיין גאונישן טאַלענט: אין יענע יאָרן האָט ער געשריבן זיינע געשיכֿטלאַכע מייסטערווערק: „איבער דעם 18-טן ברומער‟ (נאַפּאָלעאָנס איבערקערעניש) און „די רעוואָלוציע און קאָנטער-רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד‟. דידאָזיקע ווערק זיינען פאַרבליבן פערלען אין דער פּאָליטישער ליטעראַטור און נישטקוקנדיק אויף דעם, וואָס דייעניקע געשעענישן זיינען שוין פון אונז ווייט אַוועק, ליגט איצט נאָך אויף זיינע ווערק אַזאַ פרישקייט און צוציונגסקראַפט, וואָס האָט נישט זייער גלייכֿן ביי אַנדערע. ער האָט זיך אויך ערנסט גענומען פאַר דער אויספאָרשונג פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אין יאָר 1859 האָט ער אַרויסגעלאָזן זיין ווערק: „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע‟. דאָס האָט אים אָבער נישט אינגאַנצן באַפרידיקט. זיינע עקאָנאָמישע גרונדגעדאַנקען זיינען נאָך אין אים נישט געווען גענוג שאַרף אויסגעדריקט. ער האָט זיך ווידער גענומען אויף יאָרנלאַנג פאַר דער אַרבעט און, ענדלאַך, נאָך 30 יאָר אַרבעט, אין יאָר 1867, איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון זיין הויפּטווערק: „דאָס קאַפּיטאַל‟, וועלכֿעס האָט געשאַפן אַן איבערקערעניש אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

אָבער די וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט האָט אים נישט אָפּגעריסן אויך פון פּראַקטישער טעטיקייט. ער האָט דעמאָלט שוין אינגאַנצן נישט געהאַלטן פון די קליינע סעקטעס מיט זייערע „פאַרשווערונגספּלענער‟, מיט זייערע „רעוואָלוציעס-מאַכֿעריי‟, מיט זייערע פראַזן און שאַבלאָנען. ער האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ מעכֿטיקע, שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זאָל זיך קענען אַנטקעגנשטעלן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

אין 1862 האָט דער קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּא געפייערט זיין יום-טוב—אין איינגלאַנד איז פאָרגעקומען די וועלט-אויסשטעלונג, אויף וועלכער מען האָט באַוויזן די וואונדערווערק פון דער נייער טעכניק און פון דער אַנטוויקלטער אינדוסטריע. אַהין זיינען אויך געקומען די קברנים און יורשים פון קאַפּיטאַליזם— באַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריער. ס'זיינען געקומען אַהין אַרבעטער-דעלעגאַציעס פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך. זיי האָבן זיך דאָרט

באַקאַנט נישט נאָר מיט די וואונדער פון קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך מיט די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציעס פון די איינגלישע אַרבעטער, די טרעד-יוניאָנען. די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פון יענע לענדער האָבן געזען די גרויסע באַדייטונג פון דידאָזיקע פאַריינען און די נויטיקייט פון אַן אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער טאַקטיק. צו יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען דער פּוילישער אויפשטאַנד, וועלכער איז מיט בלוטיקער אַכזריות דערשטיקט געוואָרן פון רוסישן צאַריזם. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן צאָרן ביי דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט: זי האָט איינגעאָרדנט פּראָטעסטדעמאָנסטראַציעס, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון פאַרשידענע נאַציעס. דאָס האָט נאָכמער פאַר-שטאַרקט דעם געדאַנק פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג. און דעם 28-טן סעפּטעמבער 1864 האָבן זיך פאַרזאַמלט אין סט. מאַרטין-זאַל, אין לאָנדאָן, 50 פאַרטרעטער פון דייטשן, פראַנצויזן, איטאַליענער און פּאָליאַקן. עס איז דאָרט באַשלאָסן געוואָרן צו בילדן די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-אַסאָציאַציע״ (אינטערנאַ-ציאָנאַל). די פאַרזאַמלונג האָט באַפולמעכטיקט אַ קאָמיטעט אויף אויסצואַרבעטן סטאַטוטן און אַ רעגלאַמענט פון דער פאַראייניקונג. אין דעמדאָזיקן קאָמיטעט איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן קאַרל מאַרקס.

מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז די אַרבעט פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט באַדאַרף זיין: די סאָציאַלע געגנזאַצן אין אַלע לענ-דער צו פאַרטיפן און די סאָציאַלע קאָנפליקטן צו פאַרשאַרפן. זיין ריכ-טונג האָט געזיגט און ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער פּראָיעקט פונם דערעפנונגסאַדרעס, וועלכן מאַרקס האָט פאָרגעשלאָגן. דער גענפער קאָנגרעס 1866 האָט אַנטגילטיק די סטאַטוטן און דעם אַדרעס באַשטעטיקט.

מאַרקס, וועלכער איז געווען אַזוי אומגעדולדיק צו זיינע געגנער און קיינמאָל נישט געוואָלט איינגיין אויף קיינע פּשרות אין טעאָרעטישע מחלוקתן, האָט זיך דאָ, ביי דער פּראַקטישער אָנפירונג פון דער אַרבעטערבאַוועגונג, אַרויסגעוויזן אין העכסטן גראַד טאָלעראַנט און נאָכגיביק. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אין

אינטערנאַציאָנאַל זיינען פאַרטרעטן סאָציאַליסטן פון פאַרשידנאַרטיקסטע שאַטירונגען: אויטאָפּיסטן פון סען-סימאָנס חדר, דייטשע „וואַרע סאָציאַליסטן", לאַסאַלס תּלמידים, איינגלישע טרעד-יוניאָניסטן, האָט ער גלייך נישט פאָרגעלייגט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" אַלס פּראָגראַם פון דער נייגעבילדעטער געזעלשאַפט. ער האָט אין אַ קלאָרער און אַ גלענצנדיקער פאָרם צונויפגענומען די אַלגעמיינע אויפגאַבן פון דער באַוועגונג בכלל, וועלכע זיינען אַ מוז פאַר אַלע אַרבעטער-ריכטונגען און האָט זיי פאָרמולירט מיט אַזויפיל קונסט און פאַרשטאַנד, אַז אַפילו די געגנער פון פאָליטישן קאַמף, באַקונין מיט זיינע אָנהייגער, די שפּעטערדיקע אַנאַרכיסטן, האָבן גאָרנישט געקאָנט געגן אים אָנווענדן.

מאַרקס איז געווען זיכער, אַז די אַרבעטערבאַוועגונג וועט, פריער אָדער שפּעטער, אָנדערקענען די אַלע כּללים פון זיין לערע. ער האָט מיט געדולד און עקשנות דערצויגן אין גייסט פון זיין שיטה די מיטגלידער פון „אינטערנאַציאָנאַל".

אָפּשטעלנדיק זיך אין אַדרעס אויף די געשעענישן פון די לעצטע פופצן יאָר, אויף דער אַרבעט פון דער רעאַקציע, צו לייגן מניעות אויפן וועג פון יונגן אַרבעטערקלאַס, האָט דער אַדרעס קאָנסטאַטירט, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג גופא מאַכט צו שפּאָט אַלע זייערע ברוטאַלע אכזריות, זי שטעלט אויף דאָסניי די אַרבעטערמאַסן אין קאַמף געגן זייערע אונטערדריקער.

אַ גרויסע באַדייטונג גיט דאָרט מאַרקס צו דעם קאַמף פון די אַרבעטער פאַר אַ סאָציאַלער געזעצגעבונג.

נאָך אַ דרייסיק-יאָריקן קאַמף, וועלכן די איינגלישע אַרבעטער האָבן געפירט מיט אַזאַ וואונדערבאַרער עקשנות, האָבן זיי זיך, ענדלאַך, דערשלאָגן צו אַ געזעץ פון אַ צענשעהדיקן אַרבעטסטאָג, זיך באַנוצט מיט דער מחלוקת, וועלכע האָט זיך צעברענט צווישן דער אַריסטאָקראַטיע פון גרונטבאַזיץ און דער אַריסטאָקראַטיע פון געלד. „אַלע, שרייבט מאַרקס, אָנדערקענען שוין די באַדייטנדיקע פיזישע, מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע מעלות, וועלכע זיינען צוליב דעם פאַר די פאַבריקאַרבעטער אויסגעוואַקסן און זיינען

כראָנאָלאָגיש אין די האַלבּיערלעכע באַריכטן פון די פאַבריק-אינספּעקטאָרן באַצייכנט געוואָרן. און דער וואונדערבאַרער ער-פאָלג פון דעמדאָזיקן געזעץ האָט נישט נאָר בלויז אַ פּראַקטישע באַדייטונג". „ער איז אַ נצחון, מיינט מאַרקס, פון אַ פּרינציפּ: צום ערשטן מאָל, אין אַ העל ליכטיקן טאָג, האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון דער בורזשואַזיע (זיך נישט אַריינמישן אין די אינערלעכע באַציונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. ב. מ.) זיך אונטערגעוואָרפן די פּרינציפּן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון אַרבעטערקלאַס".

מאַרקס קוקט פּאָזיטיוו אויף דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, וועלכע די ראָטשילדער פּיאָנערן האָבן אין איינגלאַנד אַנטוויקלט. „זי האָט באַוויזן, שרייבט מאַרקס, אַז די פּראָדוקציע קען עק-זיסטירן אָן אַרבעטגעבער, דאָס אַרבעטמיטל באַדאַרף נישט זיין אַ מיטל פון הערשאַפט, אַז די לוינאַרבעט איז, צוגלייך ווי די שקלאַפעריי, נאָר אַ פאָראיבערגייענדיקע פאָרם און מוז פאַרשווינדן לגבי דער אַסאָציאירטער אַרבעט".

מאַרקס האָט שטאַרק געהאַלטן פון די גרויסע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, פון די טרעד-יוניאָנען, ער האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען זיי אַריינציען אין דער באַוועגונג און האָט זייער פיל געוויכט געלייגט אויף דעם אָנטיילנעמען אין „אינטערנאַציאָנאַל" פון איייניקע סעקרעטאַרן פון די-יעניקע געווערקשאַפטן; „אָבער די גרויסע פליכט פון אַרבעטערקלאַס, שרייבט ער אין אַדרעס, איז צו באַקומען די פּאָליטישע מאַכט". די מאַסנאָרגאַניזאַציעס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג, אָבער „די צאָל וועגט נאָר דעמאָלט שווער אויפן וואָג, ווען זי איז פאַראייניקט דורך אַ פאַרבינדונג און צוזאַמענגעפירט מיט איין באַוואוסטזיניקן ציל".

דער אַדרעס שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער אויסערער פּאָ-ליטיק. ער האָט כאַראַקטעריזירט די ראָל פון צאַריזם אין דער אייראָפּייאישער פּאָליטיק, „וועמענס קאָפּ געפינט זיך אין פּע-טערבורג און די הענט אין אַלע קאַבינעטן פון אייראָפּע". ער האָט גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט „צו וואַכן איבער דער דיפּלאָ-מאַטיע פון זייערע רעגירונגען", און אויב יענע וועס מיט אירע

אינטריגעס דערפירן די וועלט צו אַ מלחמה, באַדאַרף ער איבער־נעמען די ממשלה אין זיינע הענט און „פּראָקלאַמירן די איינ־פאַכע געזעצן פון מאָראַל און רעכט; דיזעלבע געזעצן, וועלכע רעגולירן די באַציונגען צווישן יחידים, באַדאַרפן אויך ווערן די העכסטע געזעצן פון פאַרקער צווישן די פעלקער". דער קאַמף פאַר אַזאַ אויסערלאַנדער פּאָליטיק, מיינט מאַרקס, בילדעט אַ טייל פון אַלגעמיינעם קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע פון אַרבעטערקלאַס.

„דער קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטערקלאַס", זאָגט זיך דאָרט ווייטער, איז נישט קיין קאַמף פאַר קלאַסנפּרי־ווילעגיעס און מאָנאָפּאָל, נאָר פאַר גלייכע רעכט און פליכט און פאַר פאַרניכטונג פון יעדער קלאַסנהערשאַפט." די באַפרייונג פון אַרבעטערקלאַס איז נישט קיין לאָקאַלע, נישט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ סאָציאַלע אויפגאַבע, וועלכע שטייט פאַר אַלע לענדער, אין וועלכע ס'עקזיסטירט די מאָדערנע געזעלשאַפט".

די סטאַטוטן פון אינטערנאַציאָנאַל האָבן פאַרפליכטעט אַלע געזעלשאַפטן און פערזאָנען, וועלכע האָבן זיך אין אים אָנגע־שלאָסן, צו אָנדערקענען: „אמת, גערעכטיקייט און זיטלאַכקייט, אַלס כללים פון זייערע באַציונגען צווישן זיך און צו אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון פאַרב, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט".

דער אַדרעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם פאַראָל: קיי־נע פליכטן אָן רעכט, קיין רעכט אָן פליכטן, שוץ, פאָרשריט און פולשטענדיקע באַפרייונג פון אַרבעטערקלאַס".

אויף דעם גענפער קאָנגרעס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז די סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל באַדאַרפן צושטעלן דעם גענעראַלראַט סטאַטיסטישן מאַטעריאַל פון דער אַרבעטערלאַגע אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. „אום ערפאָלגרייך צו ווירקן, זאָגט זיך דאָרט אין דער רעזאָלוציע, מוז מען קענען דעם מאַטעריאַל, אויף וועלכן מען וויל ווירקן. דורך דער איני־ציאַטיוו פון אַזאַ גרויסן אויפטו באַווייזן די אַרבעטער זייער פע־היקייט—דעם אייגענעם גורל אין זייער אייגענער האַנט צו נע־מען".

דערזעלבער קאָנגרעס האָט זיך אויך געווענדט צו דער אינ־

טעליגענץ, זי זאָל אַריינטרעטן אין אינטערנאַציאָנאַל: „די בור־זשואַזיע, זאָגט זיך דאָרט, האָט אויך דעם דאָקטאָר, דעם גייסט־לאַכן. דעם פּאָעט, דעם מאַן פון וויסנשאַפט אין באַצאָלטע לוין־אַרבעטער פאַרוואַנדלט", און דעריבער האָבן זיי גלייכע אינטע־רעסן מיט די האַנטאַרבעטער.

מאַרקס האָט אויך געהאַלטן פון דער נויטיקייט צו רע־פאָרמירן די שולן, באַשעפטיקן זיך מיט דער דערציונג פון יונגן דור. ער האָט געמיינט, אַז די אויסבילדונג פון פאַרשטאַנד, קער־פּער און טעכניק באַדאַרפן גיין צוזאַמען האַרמאָניש שוין פון קינדוויייז אָן. מאַרקס איז געוואָרן פאַקטיש דער ראש און די נשמה פונם גענעראַלראַט. פילנדיק דעם לעבעדיקן גייסט פון דער אַרבעטערבאַוועגונג אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל", האָט זיך מאַרקס אַריינגעמישט אין אַלע זיינע ענינים. ער האָט געהאַט צו פירן אַ שטאַרקן קאַמף מיט די אָנהייגער פון באַקונין און פּרו־דאָן, וועלכע האָבן נישט געהאַלטן פון פּאָליטישן קאַמף, און זע־ענדיק פאַר זיך די צרהדיקע בורזשואַזע קלאַסנמלוכה, האָבן זיי זיך אויסגעשפּראָכן געגן יעדער מלוכה. מאַרקס האָט דעם „אינ־טערנאַציאָנאַל" אָנגעפירט אין דער ריכטונג פון ברייטן פּאָליטישן קאַמף, ער האָט אַדורכגעפירט אויפן ליאָנער קאָנגרעס פון יאָר 1867 אַ רעזאָלוציע וועגן דער נויטווענדיקייט פון פּאָליטישער פרייהייט, אַלס מיטל פאַרן סאָציאַליזם. זיין אויטאָריטעט אין אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך פאַרשטאַרקט, און ער האָט זיך אָפּ־געגעבן דערדאָזיקער אַרבעט מיט לייב און זעל.

בעת ס'האָט אויסגעבראָכן דער קריג צווישן פריינקרייך און דייטשלאַנד, האָט זיך דער „אינטערנאַציאָנאַל" אַרויסגעזאָגט שאַרף געגן די אימפּעריאַליסטישע אַוואַנטורעס פון נאַפּאָלעאָנס פּאָליטיק, אָבער ווען דער לעצטער איז געפאַלן און אין פראַנק־רייך האָט זיך געבילדעט אַ רעפּובליק, האָט מאַרקס שוין פאַרנו־מען גאָר אַ ראַדיקאַל אַנדערע פּאָזיציע.

ביים אויסברוך פון דער „קאָמונע" האָט זיך מאַרקס מיט פייער און ברען געשטעלט אויף די זייט פון די קאָמונאַרן. ער האָט זיי פאַרטיידיקט געגן אַלע שמוציקע רכילות פון דער גאַנ־

צער בורזשואַזער פּרעסע. „פון 18 מערץ ביז צום אַריינדרינגען פון די ווערסאַלער סאָלדאַטן אין פּאַריז, איז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע געבליבן ריין פון די אַלע געוואַלדאַקטן, מיט וועלכע ס'צייכענען זיך אויס אַלע רעוואָלוציעס און נאָכמער די קאָנטררעוואָלוציעס פון די העכערע קלאַסן". און ער פאַרענדיקט דעם מאַניפעסט מיט די ווערטער: „פּאַריז פון אַרבעט, מיט זיין קאָמונע וועט אייביק געפייערט ווערן אַלס דער גערימטסטער שליח פון אַ נייער געזעלשאַפט; זיינע מערטירער וועלן זיין טיף איינגעגראָבן אין גרויסן האַרץ פון אַרבעטערקלאַס".

מאַרקס סימפּאַטיע פאַר דער קאָמונע האָט געגן אים אַרויסגערופן צאָרן ביי דער גאַנצער בורזשואַזיע. איצט האָט שוין די פּרעסע פון אים גערעדט, אָבער ווי וועגן אַן אונטערהעצער, אַ רויטן טייוול, וועלכער איז געפערלאַך פאַר גאַנץ אייראָפּע. זשול פאַוור, דער פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעפּובליק, האָט אַרויסגעשיקט אַ צירקוליאַר צו אַלע אייראָפּייאישע מלוכות, אין וועלכע ער פאָדערט זיי אויף צו באַקעמפן מיט געמיינזאַמע כוחות דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אין דעם 53-יאָריקן מאַרקסן האָט אויפגעלעבט דער יונגער קעמפער, ער האָט אויף דאָסניי אָנגעהויבן צו ברענען, ווי אין די יונגע יאָרן. ער האָט געשריבן שטעכעדיקע אַרטיקלען, האָט פּאָלעמיזירט מיט זיינע געגנער און האָט אויך זייער פיל געאַרבעט פאַר די עמיגראַנטן-קאָמונאַרן, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. „אפילו ווען דער טאָג וואָלט געהאַט 48 שעה, וואָלט איך אויך נישט באַוויזן מיין טאָגאַרבעט צו פאַרענדיקן", שרייבט ער אין אַ בריף צו זיינעם אַ פריינט.

די רדיפות פון דער רעאַקציע, און, דער עיקר, די שטאַרקע אָפּאָזיציע פון די אַנאַרכיסטישע עלעמענטן אינוויייניק, האָבן געמאַכט די ווייטערדיקע אַרבעט פון אינטערנאַציאָנאַל אוממעגלאַך. אויפן קאָנגרעס אין האַאַג, אין יאָר 1872, האָט ענגעלס אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, איבערצוטראָגן דעם זיץ פון גענעראַלראַט פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק. מיט דעמדאָזיקן באַשלוס האָט דער ערשטער „אינטערנאַציאָנאַל" אויפגעהערט פאַקטיש צו עקזיסטירן.

ס׳איז כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז מאַרקס איז געווען אַ הייסער אָנהייגער פון אַן אומאָפּהייגיקן פוילן און זעלבשטענ־דיקן אירלאַנד.

די מפּלה פון דער קאָמונע האָט אויף מאַרקסן שטאַרק גע־ווירקט און ער האָט געהאַט דעם מוט, שוין אין יאָר 1872 (אין זיין הקדמה צו אַ נייער אויפלאַגע פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״) צו שרייבען: „צוליב דער פראַקטישער דערפאַרונג, פריער ווי אַלץ פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע און נאָך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס—פון דער פּאַריזער קאָמונע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט צום ערשטן מאָל אין משך פון 2 חדשים געהאַט אין זיינע הענט די פּאָליטישע מאַכט—איז דידאָזיקע פּראָגראַם אין איצטיקער צייט אין אייניקע פונקטן פאַרעלטערט. די קאָמונע באַזונדערס האָט דערוויזן: „אַז דער אַרבעטערקלאַס קען נישט פשוט נעמען אין זיינע הענט די מלוכהמאַשין פאַרטיקערהייט און מיט איר זיך באַנוצן אויף צו דערגרייכן זיינע צילן״. „ער דאַרף נאָך, מיינט ענגעלס אין זיין הקדמה צו דער בראָשור „דער קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך״, דורך אַ שווערן און עקשנותדיקן קאַמף אָפּנעמען ביים שונא איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער״.

און דערדאָזיקער „פּאָזיציאָנער״ קאַמף דויערט נאָך עד היום.

גרויס זיינען די טעאָרעטישע אַרבעטן פון קאַרל מאַרקס אויפן געביט פון טעאָריע, פון וויסנשאַפט.

פון זיינע ווערק וועלן די אַרבעטער נאָך יאָרנלאַנג שעפּן די קענטניש און פאַרשטענדניש פאַר דער סאָציאַלער ווירק־לאַכקייט. אָבער אויך זיין פּערזענלאַך לעבן און קאַמף וועלן נאָך דורותלאַנג זיין אַ מוסטער און אידעאַל פאַר אַ גרויסן אינהאַלטס־רייכן און רעוואָלוציאָנערן לעבן.

בלאַנקיזם און מאַרקסיזם.

געגנוואַרט און פאַרגאַנגענהייט.

דער בלוטיקער קאַמף, וועלכער קומט איצט פאָר אין רוסלאַנד, דער בירגערקריג מיט זיינע אַלע גרוילשרעק, די קאָנפליקטן צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, די אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע — דאָס אַלץ איז אונז שוין באַקאַנט פון דער געשיכטע מיט 70 יאָר צוריק. אויך דעמאָלט זיינען אַלע אויגן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט געווען געווענדט אויף דער בלוטיקער טראַגעדיע, וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פראַנקרייך, אויך דעמאָלט האָבן די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער אויפגעפּאַסט די פראַנצויזישע דראַמע ווי זייער אייגן זאַך. אין דעם גורל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן זיי געזען געחתמט זייער אייגן גורל און אין איר מפּלה — די מפּלה פון זייערע אייגענע רעוואָלוציעס.

די געשיכטע לערנט. זי האָט פאַר אונז דאָס פּראָבלעם געשטעלט און זי האָט אונז אויך, נאָך אַ לאַנגער דערפאַרונג, דעם ענטפער געגעבן. אַן ענטפער גלענצענדיק און געניאַל פאָרמולירט

דורך מאַרקס און ענגעלס. די מפּלה פון פראַנצויזישן פּראָלעטאַ-ריאַט אין די יוניטעג 1848, דאָס איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דער מאַרקסיסטישער לערע, דער פונדאַמענט פונם נייעם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. ער, דער סאָציאַליזם, האָט זיך אויס-געריניקט פון אַלע פאַרשווערונגסאילוזיעס, האָט זיך באַפרייט פון די אויפשטאַנדסהיפּנאָזען. אָרגאַניש האָט ער זיך צונויפגעבונדן מיט דער געזעלשאַפטלאַכער באַוועגונג, ער האָט אויסגעפאָרשט און שטודירט אירע געזעצן, זיי זיך אונטערגעוואָרפן און אויף זייער פונדאַמענט זיינע מעטאָדן און טאַקטיק געבויט.

די געשיכטע לערנט. אָבער זי לערנט אונז אויך, אַז אין גרעסטן טייל, באַזונדערס אין היץ פון רעוואָלוציאָנערע געשעע-נישן, איז דאָס רוב מענטשן נישט מסוגל צו לערנען זיך פון דער געשיכטע. זיי מוזן נאָכאַמאָל דורכמאַכן די פריערדיקע דערפאַרונג, וועלכע ס'האָבן שוין באַקומען דורות פאַר זיי. אויך דעם רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט איז באַשערט נאָכאַמאָל דורכצו-גיין די פריערדיקע אַנטוויקלונגספּאַזן פון אייראָפּייאישן פּראָלע-טאַריאַט, צו צאָלן מיט זיין גוט און בלוט רבי-געלט פאַר דער אויפ-קלערונג פון זיינע אויפגאַבן, בלאָנדזיען און וואַנדלען אויף די פאַרפּלאָנטערטע און געדרייטע שטעגלאַך פון דער געזעלשאַפט-לאַכער אַנטוויקלונג, ביז ער וועט אַרויסטרעטן צוריק אויף דעם ברייטן וועג, וועלכן דער מאַרקסיזם עפנט פאַר דעם פּראָלעטאַ-ריאַט אין קאַמף פאַר זיין באַפרייונג.

„אַלע גרויסע וועלטהיסטאָרישע געשעענישן און פּערזאָנען, ציטירט מאַרקס אין „אַכטצענטן בריומער" העגעלן, באַווייזן זיך אין דער געשיכטע, אַזוי צו זאָגן, צוויי מאָל". און מאַרקס גיט צו פון זיך: דאָס ערשטע מאָל—ווי אַ טראַגעדיע, דאָס צווייטע מאָל שוין ווי אַ טראַגיקאָמעדיע, ווי אַ פאַרס. די טראַדיציעס פון די געשטאָרבענע דורות, מיינט מאַרקס, היינגען איבער דעם מאַרך פון די לעבעדיקע. און דערפאַר, בעת די מענטשן שאַפן איבער זיך און דאָס אַרומיקע ראַדיקאַל, זוכן זיי אַלטע נעמען, געווע-זענע פאַראָלן, אַמאָליקע קאָסטיומען, כּדי אין אַן אַלטער באַקאַנ-טער סביבה אויפפירן אַ נייע שטיק געשיכטע.

ס׳געשיט אָבער אַמאָל פאַרקערט אויך. מענטשן מיינען אויסצושפּילן דאָס נייסטע און דאָס אָריגינעלסטע, קליידן זיך אין ניי-מאָדנע קאָסטיומען, ריידן מיטן לשון פון דער צוקונפט, אָבער די פאַרגאַנגנהייט שטיקט און דריקט אויף זייער מאַרך מיט אַ שווערער משא, זיי קענען זיך נישט באַפרייען פון די היסטאָרי-שע גלגולים, זייערע קאָסטיומען זיינען איבערגעניצעוועטע מלבושים פון אַמאָליקע היסטאָרישע פּערסאָנאַזשען און זייער פּאַטאָס און התלהבות פאַרוואַנדלען נאָר די אויסגעשפּילטע טראַגעדיע אין אַ טראַגיקאָמעדיע.

דאָס פּראָבלעם, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע האָט גע-שטעלט פאַרן רוסלענדער און אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט איז נישט ניי. ס׳האָט שוין הינטער זיך אַ שטיק געשיכטע, איבער אים האָבן זיך דעם קאָפּ געבראָכן די בעסטע סאָציאַליסטישע דיינקער, אויף אים האָבן געגעבן ענטפערס פאַרשידענע סאָציאַ-ליסטישע פירער, פאַרשידענע וועגן און מעטאָדן זיינען שוין אויסגעפּרובט געוואָרן, גראַנדיעזע פּלענער און איינפאַלן זיינען וועגן אים געשאַפן געוואָרן. אויסגעפּרובטער אָבער, זיכערסטער פון זיי אַלע האָט זיך אַרויסגעוויזן דער מאַרקסיסטישער ענטפער, אויסגעפּרובט ווי אַ וויסנשאַפטלאַכער עקספּערימענט, פּעלזען-זיכער ווי דיווירקלאַכקייט אַליין.

דער מאַרקסיזם—דאָס איז דאָך נישט קיין לערע פון און פאַר אַ מאָמענט. ער איז נישט דער אויסדרוק פון איין פאַזע אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם גאַנצן סכום צילן און אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט פאַר דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. אויפגאַבן און צילן ווי אין פרידנסצייט, אַזוי אויך אין דער צייט פון אַ מלחמה און רעוואָלוציע. מיט זיין טיפן בליק קוקט ער אַריין אין דעם קאַפּיטאַליסטישן תהום און טאַפּט אָן זיין אָבגרונד, מיט זיין ווייטער ראיה כאַפּט ער אַרום דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן מרחק און צייכנט אָן אויך זיין סוף. דערום זיינען זיינע מעטאָדעס און טאַקטיק גילטיק פאַר אַלע פּעריאָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, זיינע כללים און געזעצן באַציען זיך אויף אַלע מאָמענטן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף.

בלאַנקיזם.

דער סאָציאַליזם—דאָס איז אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פו די אופנים פון אַרבעט און פאַרטיילונג, פון די סאָציאַלע געגנזייטיקע באַציונגען צווישן מענטשן. ער איז דער היפוך פון קאַפיטאַליזם—זיין פולקומע הכחשה. צווישן זיי ביידע קאָן זיך נישט געפינען קיין שום באַרירונגספנקטן און זיי שליסן זיך איינע די צווייטע אויס. דער לעצטער איז געבויט אויף געדונגענער אַרבעט, אויף נישט באַצאָלטער פראַצע, אויף פריוואַטאייגנטום, אויף קלאַסנצוטיילונג; דער ערשטער—אויף געזעלשאַפטלאַכער פראָדוקציע, אויף אַן איינהייטלאַכער געזעלשאַפט, אויף אָפשאַפן די קלאַסן און פאַרניכטן די מענטשלאַכע עקספלאָטאַציע.

קאַפיטאַליזם—דאָס איז די ווירקלאַכקייט, סאָציאַליזם—דאָס איז דער אידעאַל. די ווירקלאַכקייט גייט זיך אָבער דיאַמעטראַל פאַנאַנדער מיטן אידעאַל. ער מוז די ווירקלאַכקייט באַזייטיקן און אַליין פאַרנעמען איר אָרט. ווי אַזוי קאָן דאָס געשען? ווער קאָן די היינטיקע ווירקלאַכקייט באַזייטיקן?—די באַוואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערן—איז געווען דער ענטפער פון בלאַנקי, באַרבעס און די איבעריקע רעוואָלוציאָנערן פון די 40-טע יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט. די גרויסע מאַסן אַרבעטער און פויערים זיינען אין פינסטערניש און ס'איז לאַנג צו וואַרטן ביז, זיי וועלן פאַרשטיין די נויטיקייט פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. דערום מוז די באַוואוסטזיניקע מינדערהייט, אַ קליין, אָבער באַגייסטערט הייפעל געניטע רעוואָלוציאָנערן אַריינכאַפן די פאָליטישע מאַכט צו זיך אין האַנט און אויפן רעוואָלוציאָנער-דיקטאַטאָרישן אופן דעם סאָציאַליזם פאַרווירקלאַכן. מען מוז דערצו זיך גוט אָרגאַניזירן, גענוי אויסאַרבעטן אַ פלאַן פון אַן אויפשטאַנד, באַזיצן אַ ביסל געווער, און דאָס איבעריקע וועט שוין פון זיך אַליין קומען. די אינסטינקטן וועלן שוין די אָרעמע און עקספלאָאַטירטע אונטערזאָגן, ווער זיינען זייערע באַפרייער און זיי וועלן זיך אַלע שטעלן אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט.

ביי דערדאָזיקער בלאַנקיסטישער טאַקטיק, נאָכן נאָמען פון דעם ענערגישסטן און אומדערמידלאַכסטן רעוואָלוציאָנער

בלאַנקי *), האָט זיך געהאַלטן די מערהייט פון די אויפגע־ קלערטע פראַנצויזישע אַרבעטער און קאָמוניסטן אין פראַנקרייך יאָרגלאַנג. פרידריך ענגעלס פאָרמולירט דידאָזיקע שטעלונג אַזוי: אַלע פריערדיקע רעוואָלוציעס האָבן דערפירט צו דעם, אַז די הערשאַפט פון איין באַשטימטן קלאַס איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער הערשאַפט פון אַ צווייטן. אָבער די הערשנדיקע קלאַסן ביז אַהער האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אומבאַדייטנדיקן מיעוט אין פאַרגלייך מיט דער אונטערגעדריקטער פאָלקסמאַסע. איין הערשנדיקע מינדערהייט איז, אויף אַזאַ אופן, געוואָרן אַראָפּ־ געוואָרפן און אַן אַנדער מינדערהייט האָט פאַרנומען דעם מלוכה־ רודער און האָט איבערגעבויט די מלוכהאינסטיטוציעס לויט אירע אינטערעסן. עס האָט זיך דאַרום אויסגעדוכט, אַז אויך דער פּראָלעטאַריאַט וועט אין זיין באַפרייונגסקאַמף דורכמאַכן דעם־ זעלבן וועג. פאַרוואָס זאָל די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, גע־ מאַכט אויך דורך אַ מינדערהייט, אָבער שוין נישט אין די אינ־ טערעסן פון אַ מינדערהייט, נאָר אין די ריכטיקסטע אינטערעסן פון דעם גרעסטן רוב, נישט האָבן דיזעלבע הצלחה?

„אויב אין אַלע וויפיל נישט איז דויערנדיקע רעוואָלו־ ציאָנערע פעריאָדן האָבן די ברייטע פאָלקסמאַסן זיך אַזוי גרינג געלאָזן אויף די פוסטע, אָבער וואַרשיינלאַכע הבטחות פון דער־יעניקער מינדערהייט, וועלכע האָט זיך געשטויסן צום אויבן־אָן, פאַרוואָס זאָלן די מאַסן זיין וויניקער צוגיינג־ לאַך צו די־יעניקע אידייען, וועלכע שפיגלען אָפּ זייער עקאָ־ נאָמישע לאַגע, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך נישט אַנדערש,

---

*) געבאָרן געוואָרן דעם 7־טן פעברואַר 1805. אין יאָר 1840 האָט מען אים פאַרמשפּט צום טויט פאַר זיין אָנטיילנעמען אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון 12 מאַי 1839, נאָר מען האָט דאָס אים פאַרביטן מיט אייביקער געפיינגניש. די רעוואָ־ לוציע פון יאָר 1848 האָט אים באַפרייט. אין יאָר 1851 אָרגאַניזירט ער אַן אויפ־ שטאַנד, יענער איז נישט געלונגען און בלאַנקי ווערט ווידער פאַרמשפּט אויף 10 יאָר געפיינגניש. אין יאָר 1859 ווערט ער באַפרייט צוליב אַמנעסטיע. אין יאָר 1861 ווערט ער ווידער אַרעסטירט און מען פאַרמשפּט אים אויף 4 יאָר געפיינגניש. גע־

ווי אַ קלאָרן, באַוואוסטזיניקן אויסדרוק פון די באַדערפנישן, וואָס זיי אַליין האָבן נאָך נישט באַגריפן, אָבער וועלכע זיי שפירן שוין אומבאַשטימט (פאָררעדע צו דעם „קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך״).

אין די 60-סטע יאָרן האָט באַקונין*) דידאָזיקע מעטאָדן ווייטער אַנטוויקלט און דערפירט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע טאַק־טיק נאָר צו אָרגאַניזירן אויפשטאַנדן, בונטן, צו דעזאָרגאַניזירן און צוקלאַפּן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכהמאַשין. דערביי איז דער געדאַנק וועגן אַן איניציאַטיווער מינדערהייט ביי אים אַוועק גאָר ווייטער און ער האָט זי דערפירט ביז דער דיסציפּלין פון אַן איין און איינציקער מעכטיקער פּערזאָן, וועלכע האַלט אַלץ אין אירע הענט, פירט אָן מיט די אַלע בונטאַרישע גרופּן, גיט אַרויס דירעקטיוון און באַשטימט צו דער פּאַסנדיקער צייט די אויפ־שטאַנדן און רעוואָלוציעס. נאָך גרעסער זיינען ביי באַקונינען די האָפנונגען אויף די אינסטינקטן פון די אונטערגעדריקטע מאַסן, אין יעדן פאַרברעכער אָנפאַל, אין יעדער רויבערבאַנדע זעט ער אַ פּראָטעסט געגן דעם קאַפּיטאַליזם. דער אויפרייספּולווער איז שוין אָנגעזאַמלט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, דער „באַוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנער״ באַדאַרף נאָר צולייגן דאָס שוועבעלע און די אַלטע וועלט וועט אונטערגיין אין פייער און אין רויך.

מאַרקסיזם.

דער מאַרקסיזם האָט מיט דידאָזיקע שפּינוועבספּאַנ־טאַזיעס פאַרענדיקט און דעם סאָציאַליזם פון זיי אָפּגערייניקט. דער סאָציאַליזם איז אַן אידעאַל. ער איז אָבער

שטאָרבן איז ער אין יאָר 1881. 37 יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין געפענגנישן.

*) מיכאַאיל באַקונין, געבוירן אין יאָר 1814 אין רוסלאַנד אין טווערער גוב. אַ געוועזענער רוסישער אָפיציר. אין יאָר 1849 נעמט ער אָן אַנטייל אין דרעזדענער אויפשטאַנד און ווערט אַ מיטגליד פון דער רעוואָל. רעגירונג. אין כעמניץ ווערט ער אַרעסטירט, איבערגעגעבן עסטרייך און פאַרמשפּט צום טויט, וועלכער ווערט אים פאַרביטן אויף אייביקע תפיסה. די רוסישע רעגירונג פאָדערט, מען זאָל אים איר אַרויסגעבן, ער זיצט אַ לאַנגע צייט אין פעסטונג און ווערט נאָכדעם פאַרשיקט

זויך אַ געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג, אַ העכערע סאָציאַלע פאָרם, וועלכע קאָן נישט ווערן איינגעשטעלט און „פּראָקלאַמירט" פון אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן. ער קאָן קומען נאָר אַלס פועל-יוצא פון אַן אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, ער מוז ווערן אויסגעטראָגן און פאַרפאַרטיקט אין שויס פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. נאָר נאָכדעם, ווי דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וועט זיך שוין אַליין איבערלעבן, ווען ס'וועט נישט זיין אימשטאַנד, צוליב דער קאַפּיטאַלקאָנצענטראַציע און גרויסקאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע, ווייטער צו ציען זיין קיום, וועט עס מוזן אָפּטרעטן דעם אָרט דער העכערער מענטשלאַכער לעבנספאָרם—דעם סאָציאַליזם.

מאַרקס מיט זיינע חברים האָבן גרינדלאַך אויסגעפאָרשט די באַדינגונגען, „ביי וועלכע אַ געזעלשאַפטלאַכער קלאַס קאָן און באַדאַרף ווערן ראוי פאַר דעם, אום ער זאָל מיט זיך פאָרשטעלן דעם סכום אינטערעסן פון פאָלק און, אַזוי־ערנאָך, פאַרנעמען פּאָליטיש אַ הערשנדיקע לאַגע".

הייסט, עס אַז די סאָציאַלע איבערקערעניש קאָן קומען נישט דורך „אָרגאַניזירטע" אויפשטאַנדן, נישט דורך אינסצעניזירטע פאַרשווערונגען, נאָר דעמאָלט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט מיט זיך פאָרשטעלן די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק, פון זיין באַדייטנדיקער מערהייט.

נישט די באַוואוסטזיניקע מינדערהייט וועט באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט, דורך אַן אויפשטאַנד, פון זיין עקספּלאָאַטאַציע, נאָר דער פּראָלעטאַריאַט גופא, די גרויסע אַרבעטערמאַסע מוז אַליין קעמפן פאַר איר באַפרייונג. דער קאַפּיטאַליזם אַליין מיט זיין אַנטוויקלונג שאַפט דעם קלאַס, וועלכער וועט ווערן זיין באַגרעבער, און ביז וואַנען דערדאָזיקער קלאַס איז נישט געקו-

---

קיין מזרח־סיביר. פון דאָרטן אַנטלויפט ער דורך יאַפּאַן, באַזעצט זיך אין לאָנדאָן און ווערט אַ מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַל. צווישן אים און מאַרקסן זיינען אויסגעבראָכן גרויסע קאָנפליקטן איבער פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פראַגן, אין יאָר 1872, אויפן האַאַגער קאָנגרעס, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון אינטערנאַצי, געשטאָרבן אין יאָר 1876.

מען צו דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין, קאָנען די אַלע געמאַכטע רעוואָלוציעס קיין ממשות נישט האָבן.

„די אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט", האָט שוין מאַרקס געשריבן גלייך נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848, איז אַ פּועל-יוצא פון דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. אונטער איר ממשלה דערווערבט ער אַ ברייטע נאַציאָנאַלעקזיסטענץ, וועלכע נאָר דאָס קאָן מאַכן זיין רעוואָלוציע פאַר אַ נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע".

די סאָציאַלע רעוואָלוציע—דאָס באַדייט שוין אַ גרינדלאַכע איבערקערעניש אין די אופנים פון פּראָדוקציע און אויסטויש און דאַרום גייט די סאָציאַלע רעוואָלוציע אַרויס פון די גרעניצען פון איין לאַנד, פון איין מלוכה און מוז אָננעמען און קאָן נישט אָננעמען אַן אינטערנאַציאָנאַלן, צווישן מלוכהשן כאַראַקטער. „זי (די סאָציאַלע רעוואָלוציע) קאָן אין ערגעץ נישט געלעזט ווערן אין די ראַמען פון די נאַציאָנאַלע גרענעצן"—שרייבט מאַרקס אין זיין ווערק „דער קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך": „די קלאַסנמלחמה אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וועלטמלחמה, אין וועלכער די נאַציעס טרעטן אַרויס איינע געגן די צווייטע. די לעזונג הויבט זיך אָן ערשט נאָר פון דעם מאָמענט, ווען דער וועלטקריג וועט שטעלן דעם פּראָלעטאַריאַט אין שפּיץ פון פאָלק, וועלכע הערשט איבערן וועלטמאַרק—אין שפּיץ פון איינגלאַנד".

בכלל האָט מאַרקס גערעכנט, אַז איינגלאַנד, אַלס אַ לאַנד מיט אַן אַנטוויקלסטער פּראָדוקציע, וועט האָבן די גרעסטע באַדייטונג ביי דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. „הגם די קריזיסן רופן אַרויס רעוואָלוציעס פריער פאַר אַלץ אויפן קאָנטינענט, נאָר זייער כיבה ליגט תמיד אין איינגלאַנד. נאַטירלאַך, געוואַלטאויסברוכן קומען פאַר פריער אויף די ראַנדן פון דעם בורזשואַזן אָרגאַניזם, איידער אין זיין האַרץ, ווייל דאָ איז גיכער מעגלאַך דאָס איינרעגולירן, איידער דאָרטן. פון דער צווייטער זייט, דינט אָבער יענע ווירקונגסשטופע, וועלכע די קאָנטינענטאַלע רעוואָלוציעס האָבן אויף איינגלאַנד. פאַר אַ ראיה, אויף וויפיל דידאָזיקע רע-

וואָלוציעס רירןווירקלאַך אָן די לעבנסאינטערעסן פון דער בור-זשואַזער געזעלשאַפט אָדער זיי זיינען נוגע נאָר זייערע פּאָליטי-שע פאָרמען״ (דאָרטן).

די סאָציאַלע רעוואָלוציע—דאָס איז שוין נישט קיין זאַך פון אַ הייפל „באַוואוסטזיניקע״, דאָס איז שוין נישט קיין גע-פּלאַנטער אויפשטאַנד, אָרגאַניזירט און צוגעגרייט פון פריער, נאָר דער לעצטער אויסדרוק פון קלאַסנקאַמף, דער פאַרענדיקטער פּראָצעס פון די פּראָלעטאַרישע עראָבערונגען, דער רעזולטאַט פון אַ העכערער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. „די פּלענער, וועלכע ווערן אויסגעזעצט אין קאָפּ אויף צו ראַטעווען די געזעלשאַפט״, באַצייכנט מאַרקס „אַלס שפּילעריי, אָדער טרוימעריי״! די טעאָ-רעטיקער פון אַרבעטערקלאַס, מיינט מאַרקס, דאַרפן נישט קיינע סיסטעמען אויסצוטראַכטן, וועלכע מוזן תּמיד פאַרבלייבן, אַלס אוטאָפּיעס. זיי דאַרפן זיך נאָר אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם, וואָס פאַר זייערע אויגן קומט פאָר און זיך מאַכן פאַר אָרגאַנען פון דערדאָזיקער באַוועגונג״. ווער ס׳רעכנט זיך נישט מיט דער אָב-יעקטיווער ווירקלאַכקייט, ווער ס׳נעמט נישט אין אַכט די פּאַק-טישע לאַגע—דער בויט לופטשלעסער אין דער פּאָליטיק און די ווירקלאַכקייט מאַכט אים סוף-כּל-סוף צו שאַנד און שפּאָט און איז זיך אומבאַרחמנותדיק נוקם אָן אַלע זיינע פּלענער.

דער באַוואוסטזיין.

מאַרקס האָט אויך נישט געבויט אויף די אינ-סטינקטן פון די מאַסן. דער בלינדער האַס און סטיכישע מאַסנאויסברוכן זיינען אַ שוואַכע שטיצע פאַרן סאָציאַ-ליזם. זיי קענען, אמת, אַרויסרופן ביי די מאַסן די שענסטע גע-פילן, זיי קאָנען פירן צו די העלדישסטע מעשים, אָבער דאָס איז נישט אויף לאַנג, נישט אויף זיכער. דיזעלבע אומאַנטוויקל-טע מאַסן קאָנען זיך וואַרפן אין די אָרעמס פון פאַרשידענע אַוואַנטוריסטן און פּאָליטישע שאַרלאַטאַנען. נאָך דעם העלדישן, מסירת-נפשדיקן קאַמף ווערן די מאַסן מיד, אַנטוישט, זיי פאַר-שרייען און פאַרשעלטן די פירער, פאַר וועלכע זיי זיינען פריער אין פייער געגאַנגען און ווערן שוין געשטימט גלייכגילטיק און אַפילו פיינטלאַך צו יעדער פּאָליטיק. דידאָזיקע שטימונג ווערט

בעלונגען אויסגענוצט פון די עקספלאָאַטאַרישע גרופּן, וועלכע וואַרטן נאָר אויף דעמדאָזיקן מאָמענט און שטעלן צוריק יענע אָרדנונג, אין קאַמף מיט וועלכער די מאַסן האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט. אַזוי איז געווען אין פראַנקרייך נאָך די בלוטיקע יוני-טעג פון 1848, וועלכע האָבן אָפּגעשוואַכט דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט אויף יאָרנלאַנג און האָבן מעגלאַך געמאַכט, אין 3 יאָר אַרום נאָך „דער סאָציאַלער רעפּובליק", די הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָן דעם 3-טן, אַזוי איז אויך געווען נאָך דער קאָמונע פון יאָר 1871, ווען די אַרבעטערמאַסן זיינען געוואָרן פיינטלאַך געשטימט געגן יעדער פּאָליטיק און האָבן אין די יאָרן 1876–1878 נישט דערלאָזן ריידן אויף די אַרבעטערצוזאַמענפאָרן וועגן סאָציאַליזם און סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

דערפאַר האָט מאַרקס פון ערשטן מאָמענט אָן געהאַלטן פאַר נויטיק אויפהויבן דעם פּראָלעטאַרישן אינסטינקט צו דער מדרגה פון באַוואוסטזיין, צו אַקלאָרן פאַרשטאַנד איבער זיינע אויפגאַבן, צו דער טעאָריע.

„ווי די פילאָזאָפיע האָט אין פּראָלעטאַריאַט געפונען זייר מאַטעריאַל, אַזוי האָט דער פּראָלעטאַריאַט אין דער פילאָזאָפיע זיין גייסטיקע וואָפן געפונען, שרייבט מאַרקס אין זיין ווערק „עלנט פון דער פילאָזאָפיע". נאָר דעמאָלט, מיינט מאַרקס, ווען דער געדאַנק וועט ווי אַ בליץ דעם פּראָלעטאַריאַט דורכדרינגען, וועט ער זיין עמאַנסיפּאַציע דערגרייכן. די פילאָזאָפיע—דאָס איז דאָס האַרץ פון דער רעוואָלוציע און זיי ביידע צוזאַמען שטעלן ערשט פאָר מיט זיך אַ גרויסע, וויכטיקע מאַכט. „די וואָפן פון קריטיק קאָן באַין אופן נישט פאַרבייטן די קריטיק פון וואָפן", שרייבט מאַרקס אין אויבנציטירטן בוך. „מאַטעריעלע געוואַלט מוז געשטירצט ווערן דורך מאַטעריעלער געוואַלט. אָבער אויך די טעאָריע ווערט אַ מאַטעריעלע געוואַלט, ווי נאָר זי דרינגט אַריין אין די מאַסן".

דער באַוואוסטזיין איז שוין נויטיק פאַרן פּראָלעטאַריאַט, אום ער זאָל זיך קענען פאַנאַנדערקלייבן אין דער פאַרפלאָנטערטער, העכסט קאָמפּליצירטער אומגעבונג, אין וועלכער אים

קומט אויס צו קעמפן. „די פּראַקטישע רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג פון די יאָרן 1849—1848, שרייבט מאַרקס, האָט באַשטעטיקט די טעאָרעטישע השערות, וועלכע זיינען געקומען צו דעם כּלל, אַז די דעמאָקראַטישע קליינבורזשואַזיע מוז פריער דערגרייכן די ממשלה, איידער ס׳וועט זיך עפענען פאַר דעם קאָמוניסטישן אַרבעטערקלאַס אַ האָפנונג פּעסט צו דערוווערבן די מאַכט און פאַרניכטן דאָס סיסטעם פון לוינשקלאַפעריי, וועלכעס בויגט אים אונטערן יאָך פון דער בורזשואַזיע"*).

די קאָמפּליצירטע טאַקטיק.

נישט שטענדיק ביי אַלע באַדינגונגען קאָן דער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט איינהאַלטן די מאַכט, דורכפירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. זיין טאַקטיק מוז שוין זיין אַן אויסגערעכנטע, אַ קאָמפּליצירטע. ער מוז גוט אויסרעכנען דאָס געוויכט פון די פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע כּוחות, ער טאָר נישט איבערשאַצן זיינע אייגענע קרעפטן און צייטנווייז מוז ער זיך אַליין באַשריינקען, באַגרענצן זיינע אַרויסטרעטן, כּדי צו פאַרשפּאָרן זיך מפּלות, כּדי אויסצומיידן דעם שטאַרקן פאַל פון אַ צו הויכן און פריצייטיקן הויב.

אין אויבנציטירטן בוך שרייבט מאַרקס וועגן פּראָלעטאַריאַט אין דייטשלאַנד:

„ער האָט פאַרפאָלגט די איינציק פאַר אים ריכטיקע טאַקטיק: ער האָט נישט געוואָלט דערלויבן קיין איין קלאַס, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן אויף זיינע פּלייצעס (ווי ס׳איז געווען מיט דער בורזשואַזיע אין יאָר 1848) צו פאַרשטאַרקן זיין קלאַסנהערשאַפט, אויב יענער האָט נישט אויפגעעפנט פאַרן אַרבעטערקלאַס, לכל־הפּחות, אַ פריי פעלד צום קאַמף פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן. אין יעדן פאַל האָט דער אַרבעטערקלאַס געשטרעבט צו דערפירן די זאַך צו אַ קריזיס, וועלכער האָט באַדאַרפט אָדער אַרויספירן אַנטשיידן די נאַציע אויף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג, אָדער, לויט דער מעגלאַכקייט, אַוועקשטעלן די פאָררעוואָלוציאָנערע אָרדנונג (סטאַטוס קוואָ) און מאַכן אַזויער-

*) „רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד".

נאָך אומפאַרמיידלאַך אַ נייע רעוואָלוציע".

ווי מיר זעען, איז שוין די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק פון מאַרקסיזם נישט אַזוי פשוט און איינפאַך—אַ סאָציאַלע רעוואָלו-ציע און אַ סוף. דער פראָלעטאַריאַט מוז דורכמאַכן, ווי די יידן אויף זייער וועג קיין ארץ-ישראל, דעם לאַנגן קאַפּיטאַליסטישן מדבר, מוז אויך אין דעם מדבר זיך רעכענען און פאָרשן די פּאָליטישע פאָרמען. געגן איינע מוז ער קעמפן צוזאַמען מיט אַנ-דערע קלאַסן, אַנדערע פאָרמען מוז ער אונטערהאַלטן, ווייל זיי זיינען פאַר אים נויטיקע עטאַפּן אויף זיין אַנטוויקלונגסוועג און נאָר אין לעצטן רעזולטאַט פון דעמדאָזיקן קאַמף וועט ער ווערן דער קלאַס, וועלכער איז ראוי און מסוגל צו פאָרשטעלן מיט זיך די פּאָליטישע הערשאַפט פון לאַנד—ער וועט דעראָבערן די מאַכט אין זיינע הענט.

„די פראַנצויזישע אַרבעטער", שרייבט מאַרקס אין שוין ציטירטן ווערק „דער קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך", האָבן נישט געקאָנט מאַכן איין טריט פאָרויס, האָבן נישט געקאָנט רירן איין האָר פון דער בורזשואַזער אָרדנונג, כל-זמן דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט נישט אַרויסגעשטעלט געגן דער ממשלה פון קאַפּיטאַל די פויערים און די קליינבירגער, ד. ה. די מאַסע פון דער נאַציע, וועלכע שטייט צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, כל-זמן ער האָט זי (די נאַציע) נישט געצוואונגען צוצושטיין צום פּראָלעטאַריאַט, ווי צום פאָרויסגייענדיקן קעמפער".

אין אָנפאַנג פון די 50-סטע יאָרן האָט נאָך מאַרקס גע-גלויבט, אַז ביי אַ צווייטן קריזיס, וועלכער וועט גיך אויסברעכן ווייטער אין אייראָפּע, וועט שוין דער פּראָלעטאַריאַט זיין פעהיק צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָבער די גרינדלאַכע שטודירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט אים איבערצייגט, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך אין זיך גענוג לעבנספעהיקייט און צופאַסונגסמעגלאַכקייט און דעריבער מוז שוין אויך דער פּראָלעטאַריאַט זיך צופאַסן צו די נייע באַדינגונגען, מוז אָנפירן זיין קלאַסנקאַמף אויף גאַנץ אַנדערע יסודות. אין דער שוין צי-

טירטער פאָררעדע צום „קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך" שרייבט ענגעלס:

„אויב ס'האָבן זיך געענדערט די באַדינגונגען פון אינ-טערנאַציאָנאַלן קריג, האָבן זיי זיך נישט ווייניקער פאַרענ-דערט אויך פאַר דעם קלאַסנקאַמף. ס'איז שוין פאַרביי די צייט פון פלוצלונגע אָנפאַלן, פון רעוואָלוציעס דורך אַן אומ-באַדייטנדיקער באַוואוסטזיניקער מינדערהייט, וועלכע שטייט אין שפּיץ פון אומבאַוואוסטזיניקע מאַסן. דאָרט, וואו ס'האַנדלט זיך וועגן פולקומענעם איבערבוי פון דער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג, דאָרט באַדאַרפן די מאַסן אַליין זיך באַטייליקן אין דעמדאָזיקן איבערבוי, זיי דאַרפן אַליין פאַרשטיין, אין וואָס ס'גייט און פאַרוואָס זיי דאַרפן זיך אָננעמען. דאָס האָט אונז געלערנט די געשיכטע פון די לעצטע 50 יאָר. אָבער אום די מאַסן זאָלן פאַרשטיין, וואָס זיי דאַרפן טאָן, פאָדערט זיך אַ לאַנגע עקשנותדיקע אַרבעט."

דער סאָציאַליזם הערט אויף צו שוועבן אין דער לופטן איבער דער קאַפּיטאַליסטישערווירקלאַכקייט, ער פאַרייניקט זיך מיט דער אַרבעטערבאַוועגונג, וועלכע קעמפט פאַר מאָמענטאַלע פאַרלייכטערונגען נאָך אויפן באָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. ער ווערט די נשמה פון דער באַוועגונג, וועלכע לאָזט זי נישט בלייבן זינקען אין קאַפּיטאַליסטישן זומפּ און הויבט זי אַלץ העכער, פון דעראָבערונגען צו נייע דעראָבערונגען, פון שטורמס צו נייע אָנפאַלן און זיי אַלע ווערן דורך אים באַ-לויכטן, דינען נאָר אַלס מיטל צו זיין צוועק. ער נוצט שוין אויך געלונגען אויס די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון קאַפּיטאַ-ליסטישער געגנוואַרט, זיי ווערן פאַר אים אי אַ טריבונע, אי אַ מיטל אויפצוהויבן די פּאָליטישע ממשות פון אַרבעטערקלאַס,— אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן זיין דרוק אויף דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה און דורכדעם זיך אויפהויבן צו אַ מדרגה פון אַ קלאַס, וועלכער וועט, ענדלאַך, דעם מלוכהאַפּאַראַט אַריינגעמען אין זיינע הענט מיט דעם איין און איינציקן ציל—צו פאַרניכטן די קלאַסנ-הערשאַפט.

דער אידעאַל ווערט מיט דער ווירקלאַכקייט אָרגאַניש צונויפגעגאָסן, סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע באַהעפטן זיך און זיי ביידע צוזאַמען שטעלן פאָר מיט זיך איין גאַנצעס—די סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

מיט זיין פאַרייניקן די דעמאָקראַטיע מיטן סאָציאַליזם האָט דער מאַרקסיזם נישט אויפגעהערט צוליב דעם צו זיין רעוואָלוציאָנער, האָט נישט פאַרוואָרפן די מעטאָדן פון קאַמף. פאַרקערט, זיין רעוואָלוציאָניזם איז דאַדורך נאָר פאַרטיפט געוואָרן, זיינע קאַמפסמעטאָדן—מער קאָמפּליצירט. אָנשטאָט צו וואַרפן זיך מיט די גאַנצע מאַסן גלייך אין לעצטן שטורם אויף דער קאַפּיטאַליסטישער פעסטונג און דערביי צוועק און נוצלאָז נאָר אָפּגיין מיט בלוט, האָט דער מאַרקסיזם אויסגעאַרבעט אַ נייע סטראַטעגיק: אַרומגיין אַרום דער פעסטונג, פאַרשאַנצן זיך אין די דעראָבערטע פּאָזיציעס, פון דאָרטן אונטערנעמען נייע אַטאַקעס, אַריינציען אַלץ גרעסערע מחנות־אַרבעטערמאַסן אין קאַמף פאַר די נאָענטע באַדערפענישן, מושטירן זיי צו נייע קאַמפן און דורך די געוואונענע דעראָבערונגען פירן זיי צו נייע שטורמס. די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט זיינען אין איין און דערזעלבער צייט דעראָבערטע פּאָזיציעס פאַרן ווייטערדיקן קאַמף און טיכטיקע שולן פאַר דער מאַסנאויפקלערונג און בכלל לערנען זיך דאָרט אויס די נישט פאַרמעגלאַכע שיכטן צו זען אין דער סאָצ. דעמאָקראַטיע די איינציקע פאַרטרעטערין און אויפריכטיקסטע פאַרשטייערין פון זייערע אינטערעסן, אינם סאָציאַליזם—דעם איינציקן דערלייזער פון זייער נויט און פיין.

די בורזשואַזע פאַרלאַמענטן ווערן אויסגענוצט דורך דער סאָצ. דעמאָקראַטיע געגן דער בורזשואַזיע גופא, זיי גיבן דעם פאָלק **פּראַקטישע** לעקציעס וועגן דער האַנדלונג פון די פאַרשידענע פּאָליטישע פאַרטייען. **די מערהייט** פון פאָלק, וואָס פאַלט אָביעקטיוו אַריין אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, ווערט אַריבערגעצויגן אויף דער זייט פון דער סאָצ. דעמאָקראַטיע און ס'ווערט צוגעגרייט די מעגלאַכקייט פון דער פּראָלעטאַרישער הערשאַפט—אַ הערשאַפט פון **דער גרעסטער מערהייט** פון

לאַנד, וועלכע וועט נאָר האָבן צו געבן אַ יורידישן אויסדרוק פון דעם, וואָס די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן האָבן שוין אין דער ווירקלאַכקייט איינגעשטעלט,—אַרויסצולאָזן אויף דער פרייהייט די עלעמענטן פון דער העכערער ווירטשאַפטפאָרם—די סאָציאַליסטישע פראָדוקציע.

דער רויער בירגערקריג מיט זיינע אַלע גרוילן און הורבנות ווערט דורך דער נייער טאַקטיק פאַרטוישט אויפן קולטורעלן און שאַפנדיקן קלאַסנקאַמף, אויף צילבאַוואוסטע, אויסגערעכנטע, לויט דעם מצב און כוחותפאַרהעלטנישן, פּאָליטישע אַקטן, אַלע צווישן זיך צונויפגעקניפט, פאַריייניקט און באַלויכטן דורך דעם איין און איינציקן ענדציל—די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

דידאָזיקע ריכטונג האָט, ענדלאַך, געזיגט אין דעם אינטערנאַצ. סאָציאַליזם. די מאַרקסיסטישע פרינציפּן זיינען געלייגט געוואָרן אַלס יסוד פון די סאָצ. דעמאָקראַטישע פראָגראַמען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די מאַרקסיסטישע טאַקטיק האָט אַנטגילטיק באַקומען די אויבערהאַנט ביי די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. זיי האָבן דורכדעם אויפגעהערט צו זיין קליינע, אומבאַדייטנדיקע סעקטן, אָפּגעריסן פון די מאַסן און זייערע רעאַלע באַדערפנישן; אָרגאַניש האָט זי זיי צונויפגעבונדן מיט דער אַרבעטערבאַוועגונג און זיי זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער און מעכטיקער פּאָליטישער כוח אין אַלע לענדער.

אמת, נאָך שטייט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג אויף אירע יסודות, נאָך איז דער סיסטעם פון פּריוואַטאייגנטום נישט אָפּגעשאַפט. אָבער דער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט פאַרשטייט שוין, אַז די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן זיינען נישט אַזאַ מעכאַניזם, וועלכער זאָל קאָנען ווערן באַזייטיקט בלויז דורך אַן אויפשטאַנד, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט אַלס אַ געזעלשאַפטלאַכע פאָרמאַציע קאָן נישט נאָר דורך געוואַלטמאַכט אָפּגעשאַפט ווערן. דידאָזיקע ווירטשאַפט מוז דערגיין ביז איר העכסטן אויסדרוק און מיט דעם גופא מאַכן מעגלאַך דעם איבערגאַנג צו העכערע געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטנישן—צום סאָציאַליזם.

דערוויל פאַרמאָגט נאָך דער קאַפּיטאַליזם גענוג ווידערשטאַנדס-
קראַפט. אָנשטאָט צו פאַרלירן זיין גוט און בלוט אין אַ פּרי-
צייטיקן גאַסנקאַמף, באַמיט זיך דער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַ-
ריאַט, דורך זיין צילבאַוואוסטן קלאַסנקאַמף, אין די ראַמען פון
דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, אויסצונוצן די גינציקע לאַגע,
פאַרדאָפּלען זיינע כוחות, פאַרפעסטיקן זיינע קלאַסנפּאָזיציעס און
אָפּצושוואַכן די ווידערשטאַנדסקרעפטן פון דער אַלטער וועלט.
מיט דער הילף פון דער מאַרקסיסטישער טאַקטיק האָט זיך דער
פּראָלעטאַריאַט אויפגעהויבן פאַר די לעצטע 50 יאָר אויף אַ גרוי-
סער הויך פון אַ באַדייטנדיקן מלוכהפאַקטאָר און דיזעלבע אויס-
געפּרובטע טאַקטיק וועט אים אויך דערפירן, ביי דער ווייטער-
דיקער אַנטוויקלונג פון די אָביעקטיווע אומשטענדן, צו דעמיע-
ניקן מאָמענט, ווען ער וועט זיין אימשטאַנד, מיטן הסכם און
ווילן פון פאָלקסמערהייט, איבערצונעמען די ממשלה אין זיינע הענט
און לגמרי פאַרענדיקן מיט דער קלאַסנהערשאַפט אין דער מענטש-
לאַכער געזעלשאַפט.

די רוסישע פאַרהעלטנישן.

די מערץ-רעוואָלוציע פון יאָר 1917 אין רוסלאַנד
האָט אויף דאָסניי אַקטועל געמאַכט די פראַגע
וועגן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און סאָציאַליס-
טישער רעוואָלוציע, האָט ווייטער באַנייט די אַלטע וכוחים וועגן
דער טאַקטיק פון פּראָלעטאַריאַט און זיין צוועקמעסיקער פּאָלי-
טישער האַנדלונג. די גרויסע געשעענישן פון יענעם יאָר האָבן
געמאַכט אין די מחות פון פיל סאָץ. דעמאָקראַטן אַן איבערקע-
רעניש. דער בענגאַלישער פייער פון די רעוואָלוציאָנערע דער-
שיינונגען האָט זיי די אויגן פאַרבלענדט און פאַרשטעלט פאַר זיי
די אמתע ווירקלאַכקייט. דער לייכטער זיג פון די פאָלקסמאַסן
מיטן פּראָלעטאַריאַט בראש איבערן צופוילטן און פון אַלעמען
פאַרלאָזענעם צאַריזם האָט זיי געלאָקט צו נייע נצחונות, און זיי
האָבן שוין געוואָלט מיט איין קלאַפּ, צוזאַמען מיט דעם אָפּגע-
לעבטן רוסישן פעאָדאַליזם, פאַרענדיקן אויך מיט דער גאַנצער
קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט. דידאָזיקע באָלשעוויסטישע ריכטונג
האָט ראַדיקאַל איבערגעריסן מיט דער מאַרקסיסטישער טאַקטיק,

האָט פאַרוואָרפן די קאָמפּליצירטע מעטאָדן פון פּראָלעטאַרישן
קלאַסנקאַמף אַרום און פאַר די דעמאָקראַטישע מלוכהאינסטיטו-
ציעס, האָט פּראָקלאַמירט אַ באַלדיקע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע
און האָט געמאַכט מיט דערדאָזיקער נייער טאַקטיק אַ גרויסן שפּרונג
צוריק, צוריק צו די אַלטע בלאַנקיסטישע און באַקוניסטישע בליקן
און קאַמפּסמעטאָדן.

דוקא רוסלאַנד שטעלט פאָר מיט זיך אין אינדוסטריעלער
הינזיכט אַן אָפּגעשטאַנענע, קאַפּיטאַליסטיש אַמקנאַפּסטן אַנטוויקל-
טע לאַנד אין אייראָפּע. דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט איז
נאָך דאָרט זייער קליין אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער נישט
פּראָלעטאַריזירטער פּויערים־מאַסע און שטאָטישער קליינבירגערלאַ-
כער באַפעלקערונג. אָ ב י ע ק ט י ו, הייסט דאָס, איז רוסלאַנד
לחלוטין נישט פעהיק דירעקט איבערצוגיין צו די העכסטע אינ-
דוסטריעלע פאָרמען פון סאָציאַליזם. זי איז דורך און דורך אַ
קליינבירגערלאַך לאַנד און איז באין אופן נישט מסוגל אַריבער-
צושפּרינגען די נויטיקע אַנטוויקלונגסשטופן און ווערן גלייך אי-
בערגעבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. דער רוסלענדער פּראָ-
לעטאַריאַט און די איבעריקע פאָלקסמאַסן האָבן זייער אַנטוויק-
לונג דורכגעמאַכט נאָר אונטער דעם באַרבאַרישן צאַריסטישן רע-
זשים פון פאַרקנעכטונג און אונטערדריקונג, און האָבן נאָך נישט
באַוויזן דורכצוגיין די שול פון אָפענעם קלאַסנקאַמף אין די ראַ-
מען פון די ריינע בורזשואַזע מלוכהפאָרמען; ס ו ב י ע ק ט י ו,
הייסט דאָס, האָט נאָך דער רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט נישט גע-
קאָנט ווערן ראוי שוין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל צו פאַרקער-
פּערן אין פלייש און בלוט. די פּויערים און גרויסע פאָלקסמאַסן,
וועלכע זיינען געגאַנגען נאָך די באָלשעוויסטישע לאָזונגען, האָבן
גאַנץ ווייניק געטראַכט און געזאָרגט וועגן סאָציאַליסטישן אידעאַל;
זיי האָבן אונטערגעהאַלטן די באָלשעוויקעס נאָר אויף אַזויפיל,
אויף וויפיל יענע האָבן זיי פאַרשפּראָכן פרידן און ערד. דאָס
זיינען איצט מודה אויך די באָלשעוויסטישע טוער. קאַרל ראַדעק,
איינער פון די באָלשעוויסטישע גדולים, שרייבט אין „קאָמוניסט":
„די פּויערימאַסן, פון וועלכע ס'רעקרוטירט זיך הויפּט-

זעכלאַך די רוסישע אַרמיי, האָבן גאַנץ גערן געקלונגען מיט זייערע שווערדן אויף פאַרזאַמלונגען געגן אַלע רויבער פון דער וועלט, אָבער אין אמתן אינטערעסירט זיי דאָך גאָרנישט דער אימפעריאַליזם. זיי האָבן נאָר געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט זייערע אייגענע פריצים, מיט זייערע וואוכערער, כדי זיי זאָלן באַלד זיך קאָנען אומקערן צו זייערע אייגענע פאַמיליעס, אין זייערע דערפער, וואו זיי וועלן קענען באַאַרבעטן די באַפרייטע ערד פון די פריצים און דער בורזשואַזיע. פאַר דידאָזיקע פויערים און סאָלדאַטנמאַסן זיינען די באָלשעוויקעס מער נישט געווען ווי אַ פּאַרטיי פון פרידן און ערדפאַרטיילונג. נישט ווייטער! נאָר דערפאַר האָבן דידאָזיקע מאַסן אויפגעהויבן די פּאַרטיי אויפן טראָן און איר אָנגעטרויט די מלוכהמאַכט".

אַלזאָ, די פויעריממאַסן, לויט זייער סאָציאַלער לאַגע, האָבן נישט געוואָלט דעם סאָציאַליזם און זיינען גאָרנישט געווען פעהיק פאַר אים צו קעמפן. אויך אין די רייען פון פאַבריקס-פּראָלעטאַריאַט איז נישט אַלץ אין בעסטער אָרדנונג. לענין גופא, דער קאָפּ און האַרץ פון דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג, האָט כאַראַקטעריזירט די לאַגע אויף אַ זיצונג פון מאָסקווער ראַט דעם 20-טן אַפּריל אַזוי:

„דער קליינבירגער—דאָס איז אונזער שׂונא. ער איז דער געגנער פון דער פּראָלעטאַרישער דיסציפּלין, און דערדאָזיקער שונא שטעלט אונז אַנטקעגן אַן אומגעהויערע אַרמיי אָן אַ צאָל. ער גייט אין די פאַבריקן און אייזנבאַנען נאָר אום צו רויבן, וואָס ער קאָן נאָר רויבן. ער זאָגט: מיר האָבן געשטירצט די-יעניקע, וועלכע האָבן אונז עקספּלאָאַטירט, אונטערגעדריקט, אויסגעזויגט, פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס איצט נישט אויסנוצן? מיר האָבן געקענט, זאָגט לענין ווייטער, אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע, דאָס איז געווען לייכט, אָבער פיל געפערלאַכער איז דערדאָזיקער קליינבירגער. אין יעדן קליינבירגער וואַקסט אַ קאָרנילאָוו, דער איינציקער, וועלכער איז פעהיק אין דער געשיכטע צו שטיצן די דיקטאַטור פון שוין אַ באַזיגטן קלאַס. דאָס איז אַ פיינט, וועלכער שטייט אויף

דער וואַך, וועלכן יעדערער זעט און פילט, נאָר נישט יע-דערער פאַרשטייט".

ווי מיר זעען פון די געבראַכטע ציטאַטן, שאַצן די באָל-שעוויסטישע טוער נישט איבער די קאַמפּספּעהיקייטן פון די רו-סישע מאַסן פאַרן סאָציאַליזם. פאַרקערט, זיי זיינען גאַנץ אָפן מודה, אַז יענע זיינען נאָך צו אים נישט דערוואַקסן. וועלכע כוחות וועלן פאָרט אויפבויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט?—די באַוואוסטזיניקע מינדערהייט, די ציל-באַוואוסטע קאָמוניסטן, וועל-כע שטייען אין שפּיץ פון די אומאַנטוויקלטע מאַסן—זיי וועלן דאָס באַווייזן דורך זייער אייזערנעם ווילן און אַנטשיידענע מעשים דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל צו פאַרווירקלאַכן. מעג די אָביעק-טיווע אַנטוויקלונג נאָך נישט דערגיין צו דער נויטיקער קאַפּי-טאַל־קאָנצענטראַציע, מעגן די פּויערים נאָך חלומען וועגן זייער אייגן שטיקל נחלה און פּריוואַטער ווירטשאַפט, מעגן די גרויסע מאַסן שטאָטישע אַרבעטער אפילו נאָך זיין קליינבירגערלאַך גע-שטימט, דאָס קאָן נישט שטערן דער ענערגישער איניציאַטיווער מינדערהייט דורכצופירן דעם סאָציאַליזם דורך דעקרעטן און באַ-פעלן. „דער וועג צום סאָציאַליזם", האָט געזאָגט לענין אין דער דערמאָנטער רעדע, איז נישט נאָר דער וועג פון איבערצייגונג, נאָר אויך דער וועג פון אַן אומגעהויערן ריזיקן קאַמף, פון אַן אייזערנער דיסציפּלין און אייזערנער מאַכט".

די בלויזע פּאָליטישע הערשאַפט, די אייזערנע דיקטאַטור פון אַ פיזישער מאַכט, ווערט ביי די באָלשעוויסטישע טוער, ווי אַמאָל ביי די בלאַנקיסטן, באַטראַכט, אַלס העכסטער און מעכ-טיקסטער פאַקטאָר אין סאָציאַלן לעבן, וועלכער שטייט העכער איבער די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן פון די קלאַסן; און ווער ס'האָט ביי זיך אין האַנט די פּאָליטישע מאַכט, דער קאָן שוין באַפעלן אויך מיט די עקאָנאָמישע געזעצן און זיי קערעווען לויט זיין ווילן. פון דעמדאָזיקן ריין בלאַנקיסטישן קוק אויף דעם ווען פון פּאָליטישער מאַכט שטאַמען אויך די עקספּערימענטן אָן אַ צאָל, וועלכע די באָלשעוויסטישע מאַכטהאָבער מאַכן מיט דער פּראָדוקציע,—דער אומבאַגרענצטער גלויבן זייערער אין די טויזנטער פאַראָרדנונגען און דעקרעטן,—„דער דעקרעטיזם", ווי

מ׳האָט אים גאַנץ טרעפנד באַצייכנט.

אומגעקערט זיך צו דעם בלאַנקיסטישן גלויבן אין דער מאַכט
פון אַ באַוואוסטזיניקער מינדערהייט, האָבן שוין די באָלשעוויס-
טישע פּאָליטיקער אויך איבערגעריסן דעם פאַרבאַנד פונם סאָ-
ציאַליזם מיט דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה. די דע-
מאָקראַטיע—דאָס איז דער ריינער פּאָליטישער אויסדרוק פון די
סאָציאַלע כוחות-פאַרהעלטנישן אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה,
די פרייע פאָרמען פון אָרגאַניזירטן קלאַסנקאַמף. זי עפנט דאַ-
רום אַ מעגלאַכקייט און גאַראַנטירט יעדן קלאַס, יעדער פּאָליטי-
שער פאַרטיי פריי זיך צו אָרגאַניזירן און אַגיטירן, זי גיט אַ
גלייכע פאַרטרעטונג אַלע קלאַסן לויט זייער פּאָליטישן צוזאַמענ-
שטעל. די־דאָזיקע דעמאָקראַטיע שטייט נישט אין קיין שום ווי-
דערשפּרוך מיט דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג פון פּראָלעטאַ-
רישער דיקטאַטור, ווייל די-יעניקע דיקטאַטור וועט זיין אַ רעגי-
רונגספאָרם פון אַ באַדייטנדיקער מערהייט. אדרבא, די-יעניקע
דיקטאַטור געפינט זיך גראָד אויף דער ליניע פון דעמאָקראַטיע
און זי וועט קומען נאָר אין אַנטוויקלונגספּראָצעס פון דער לעצ-
טער. אַנדערש איז אָבער די בלאַנקיסטישע דיקטאַטור פון אַ מינדער-
הייט. צוליב איר אייגענער עקזיסטענצרעכט מוז זי באַזייטיקן די
פרייהייט פון אַלע פאַר איר פיינטלאַכע כוחות, זי מוז מיט איר
„אייזערנער דיסציפּלין” דערשטיקן, פשוט פיזיש אומברייינגען אַלע
געגנערישע פאַרטייען, זי מוז אָפּשאַפן אַלע דעמאָקראַטישע פריי-
הייטן, פאַרניכטן דעם אויסדרוק פון פרייען ווילן פון אַנדערע
פאַרטייען, ווייל זי פאַרלייקנט דעם ווילן פון דער מערהייט,
ווייל זי איז די הערשאַפט נאָר פון פיזישער געוואַלט. דער
תוך פון בלאַנקיסטישער דיקטאַטור איז שוין אייגנטלאַך אַן אָר-
גאַניזירטער טעראָר, אומברחמנותדיקער טעראָר, געווענדט געגן אַלע
געגנער, געגן אַלע אַנדערש-דיינקענדיקע און האַנדלענדיקע פאַר-
טייען און גרופּן. די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג, די דע-
מאָקראַטישע פרייהייטן, דאָס אומגעשטערטע רעכט זיך צו אָרגאַ-
ניזירן און שטרייקן, דאָס אַלץ וואָלט דאָך זיין אַ שרייענדיקער
פּראָטעסט געגן דער ממשלה פון דעם קליינעם הייפל „קאָמוניסטן”.

די לעצטע האָבן דערפאַר אויסגעגראָבן אַ טיפן גראָבן צווישן זיך און דער דעמאָקראַטיע, האָבן זי דערקלערט אַלס אַ ריין בור־זשואַזע דערפינדונג, וועלכע די וועלט האָט שוין לאַנג דורכגע־מאַכט און האָבן אָנשטאָט איר איינגעפירט די דיסציפלין פון באַ־קונינס „מעכטיקער פערזאָן", אָדער די פעטערס, די דערזשינסקיס און ווי נאָך דאָרט די „דיקטאַטאָרס" הייסן.

די דיקטאַטור אָבער פון אַ מינדערהייט קאָן זיין מעגלאַך נאָר דאַן, ווען זי פאַרמאָגט אַ שטאַרקע פיזישע מאַכט, וועלכע איז איר געהאָרכזאַם און פירט אויס אַלע אירע באַפעלן. דערצו איז נויטיק אַ גוט אָרגאַניזירטע, דיסציפלינירטע און רייך באַצאָל־טע אַרמיי. און דאָס פירן טאַקי די באָלשעוויסטישע פּאָליטיקער דורך מיט דער גרעסטער ענערגיע. אָנשטאָט דער פאַרניכטונג פון מיליטאַריזם, ווערט איצט אין „סאָציאַליסטישן" רוסלאַנד פאַר־ווענדעט אַלע כוחות אויף צו שאַפן אַ פעסטע, שטענדיקע אַר־מיי. די אַרבעטער אויף די פאַבריקן טויגן נישט און זיינען ווייניק באַגלויביק פאַר אַזאַ עובדא. בילדעט מען דאָרט דאַרום אויס אַ ספּעציעלע אַרמיי פון דעקלאַסירטע פּראָלעטאַריער, אַן אַרמיי, וועלכע מען ספּעציאַליזירט און מען באַאַרבעט אין דער תורה פון שיסן און מענטשנמאָרד נישט ערגער, ווי אין די אימפּעריאַ־ליסטישע מלוכות. ס'ליגט אַ שטיק געשיכטלאַכע איראָניע אין דעם פאַקט, אַז אויך אין „סאָציאַליסטישן" רוסלאַנד האָט זיך אויס־געבילדעט אַ „פּאַראַזיטישער פּראָלעטאַריאַט", וועלכער לעבט אויפן חשבון פון דער מלוכה ווי אין די צייטן פון דער רוימישער אימפּעריע.

די באָלשעוויסטישע פּאָליטיקער האָבן פאַרוואָרפן דעם קאָמ־פּליצירטן און קולטורעלן קלאַסנקאַמף און האָבן אים פאַרביטן אויף אַ רויען, פאַרווילדעוועטן בירגערקריג. זיי האָבן דערקלערט אַלע דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן, אַלס אָפּגעלעבטע זאַכן, מיט וועלכע זיי מאַכן נישט קיין מחזקות. זיי האָבן אונטערגעכאַפּט אַלע בונטן און נאָכגעגאַנגען נאָך די סטיכיש אויפגערייצטע זעל־נערמאַסן, זיי האָבן, ענדלאַך, זיך דערשלאָגן צו דער „פולער מאַכט", צו וועלכער זיי האָבן אַזוי געגאַרט. וואָס איז דער פּועל־

יוצא פון זייער 10-מאָנאַטיקער ממשלה? וואָס האָבן זיי מיט זייער דיקטאַטור דערגרייכט? אומברחמנות האָט דאָס לעבן אויס-געלאַכט אַלע זייערע פּלענער און עקספּערימענטן: מיט קיין איין טריט איז רוסלאַנד נישט אַוועק ווייטער, צו העכערעווירטשאַפטס-פאָרמען. פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך אַ קער געטאָן אַ היבש שטיק צוריק. די ערד—פאַרכאַפּט און צובראָקלט צווישן די גוט-איינגע-פונדעוועטע דאָרפישע „קולאַקעס", די גרויספּראָדוקציע רואינירט און די פאַבריקן געשלאָסן; די אינדוסטריעלע אַנשטאַלטן ווערן איבערגעטראָגן אין אַנדערע לענדער, מען רעדט שוין וועגן דער נויטווענדיקייט צו מאַכן פּשרות מיטן אויסלענדישן קאַפּיטאַל און אים געבן אַלערליי קאָנצעסיעס.

די באָלשעוויסטישע נביאות וועגן דעם טאָג און שעה פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע האָט זיי אויך פאַרפירט. און שוין אין די פאָרוואורפען און פּרעטענזיעס צום אינטערנאַ-ציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, פאַרוואָס ער „מאַכט נישט" די סאָציאַ-לע רעוואָלוציע, פאַרוואָס ער טוט נישט נאָך רוסלאַנדס ביישפּיל, הערט זיך דער בת-קול פון אַ בלאַנקיסטישן גלויבן אין „רעוואָ-לוציעמאַכעריי".

נאָך אין יאָר 1855 האָט מאַרקס געשריבן: „לאָמיר מיר האָפן, אַז די צייט פון אימפּראָוויזירטע רעוואָלוציעס, ווי די פראַנצויזן רופן דאָס, האָט זיך שוין פאַרענדיקט. האָט דען ווער געהערט, אַז גרויסע אימפּראָוויזאַטאָרן זיינען אויך גרויסע דיכטער? און ווי אין דער פּאָעזיע, אַזוי אויך אין פּאָליטיק. רעוואָלוציעס ווערן נישט געמאַכט לויט אַ באַפעל. צייט די שרעקלאַכע דערפאַרונגען פון די יאָרן 1848 און 1849—איז אויף אַרויסצורופן אַ נאַציאָנאַ-לע אויפהויבונג עפּיס מער נויטיק, ווי פאַפירענע באַפעלן פון ווייט-שטייענדיקע פירער". די באָלשעוויסטישע טוער האָבן אָבער געמיינט מיט זייערע עקספּערימענטן צו געבן דעם סיגנאַל פאַר גאַנץ אייראָפּע און אַז דער סיגנאַל איז פאַרבליבן אָן אַ ווירקונג, באַ-שולדיקן זיי נישט זיך, פאַרוואָס זיי האָבן נישט געטראָפן די צייט און דעם מאָמענט, נאָר דעם אייראָפּייאישן פּראָלעטאַריאַט, פאַרוואָס ער האָט זיי נישט געפאָלגט. עכט בלאַנקיסטיש.

דער פּוילישער קאָמוניזם.

די בלאַנקיסטישע פּרינציפּן אין דער פאָרם פון דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק האָבן נאָכאַמאָל אין דער געשיכטע אַרויסגעוויזן זייער אומטויגלאַכקייט, זייער שעדלאַכקייט פאַר דער פּראָלעטאַרישער טאַקטיק. נאָך אַ דערפאַרונג האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט באַקומען פאַר זיין ווייטערדיקן קאַמף,—אַ דערפאַרונג, געקויפט אַזוי טייער, באַצאָלט מיט אַזויפיל בלוט פון רוסלענדער און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. דידאָזיקע דערפאַרונג טאָר נישט גיין פאַר אונז פאַרלאָרן, די פעלערן, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן אין איין אָרט, מוזן ווערן אויפגעדעקט און זייערע סבות אויפגעקלערט פאַר דעם גאַנצן אינטערנאַצ. פּראָלעטאַריאַט, כדי אַ צווייט מאָל זיי אויסצומיידן, כדי צו פאַרשפּאָרן נייע פאַלשע טריט.

דערום זעט אויס מער ווי קאָמיש די פּאָזיציע, וועלכע ס'האָבן פאַרנומען צום רוסישן באָלשעוויזם אונזערע היימישע בלאַנקיסטן—ווי טרייע וועכטער שטייען זיי אויף דער וואַך פון דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק, לויבן און דעקלאַמירן אַלץ, וואס יענע האָבן אָפּגעטאָן, אָן אַ שום קריטישער באַהאַנדלונג, אָן שום פּראָבע אַפילו צו באַגרינדן טעאָרעטיש זייער פּאָזיציע.

יעדע פּראָבע אונטערצוואַרפן אונטער אַ מאַרקסיסטישע קריטיק די באָלשעוויסטישע מעשים, אַפילו יעדע געַנוי קאָנטראָלירטע, פּאַקטישע ידיעה איבער די רוסישע געשעענישן ווערט פון די היגע באָלשעוויסטישע משוררים פאַרשריען אַלס „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער”, אַלס „פאַרראַט געגן דעם רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט”, אַלס אַ „רעאַקציאָנערע אַרבעט”. מעכאַניש טראָגן זיי פּשוט איבער די רוסישע באַדינגונגען אויך אויף פּוילן, אויף גאַנץ אייראָפּע און האַלטן אין איין שפּרינגען: קדוש, קדוש, קדוש. זיי פאַרשפּאָרן זיך אַפילו די מי צו אַנאַליזירן די געגנזייטיקע כוחות־פאַרהעלטנישן, וועלכע ווירקן אין פּוילן, זיי קערן אָפּ דעם קאָפּ פון דער טרויעריקער ווירקלאַכקייט, אַז דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך נאָך דערווייל, אין זיין גרויסער מערהייט, אונטער דער השפּעה פון רעאַקציאָנער־שאָוויניסטישע פּאַרטייען; זיי איגנאָרירן אינגאַנצן די נייע געזעלשאַפטלאַכע גרו-

פירונגען און שטרעמונגען אין פוילישן פאָלק—דאָס אַלץ האָ-
נישט פאַר זיי קיין פּאָליטישן ווערט. זיי לעבן נאָר מיט דעם
אָפּגלאַנץ פון דער רוסישער רעוואָלוציע און האַלטן פאַר מעג-
לאַך איבערצופירן זי מיטן צוג פון מאָסקווע קיין וואַרשע, זי קאָ-
פּירן און „נאָכמאַכן" מיט אַלע פּינטעלאַך און פּיטשעווקעס.

דאָסדאָזיקע מעכאַנישע איבערטראָגן די רעוואָלוציעס
כאַראַקטעריזירט זייער יענע לייט, וועלכע האָבן זייער מאַרק-
סיזם פאַרגעסן, האָבן זיך איבערגעקליבן אין אַ וועלט פון פאַנ-
טאָמען, און, אָנשטאָט צו אָפּערירן מיט רעאַלע פאַקטן אוןווירק-
לאַכע קרעפטן, זוכן זיי הילף ביי דער פראַזע, פאַרטויבן זיך
אַליין מיט הויכע ווערטער און מיינען מיט דעם צו טאָן זייער
פליכט געגן דער רעוואָלוציע און געגן פּראָלעטאַריאַט.

אויך דערדאָזיקער טיפּ „רעוואָלוציאָנער" איז נישט ניי.
זיין גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק געפינען מיר שוין ביי מאַרקסן.
די מינדערהייט פון „קאָמוניסטנבונט" ווערט דורך דעם לעצטן
אַזוי געשילדערט:

„אָנשטאָט דער קריטישער אָנשויונג, שטעלט די מינ-
דערהייט אַוועק אַ דאָגמאַטישע, אָנשטאָט דער מאַטעריאַליסטי-
שער—אַן אידעאַליסטישע, אָנשטאָט די ווירקלאַכע פאַרהעלט-
נישן, ווערט ביי איר דער בלויזער ווילן אַ טרייבראָד פון
דער רעוואָלוציע. בעת מיר זאָגן די אַרבעטער: איר האָט
נאָך 15, 20, 50 יאָר בירגערקריגן און פעלקערקאַמפן דורכ-
צומאַכן, נישט נאָר כדי די פאַרהעלטנישן צו ענדערן, נאָר
כדי אייך גופא צו ענדערן און מאַכן אייך פעהיק צו פּאָלי-
טישער הערשאַפט, זאָגט איר אין געגנטייל: „מיר מוזן גלייך
צו דער הערשאַפט קומען, אָדער מיר קאָנען זיך לייגן שלאָפן".
בעת מיר ווייזן-אָן ספּעציעל די דייטשע אַרבעטער אויף דער
אומאַנטוויקלטער געשטאַלט פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט, חנפהט
איר אויפן נאַרישסטן אופן דעם נאַציאָנאַלן געפיל פון דייטשן
האַנדווערקער, וואָס מאַכט אייך, על-כל-פנים, פּאָפּולער. אַזוי
ווי דאָס פאָלק ווערט דורך די דעמאָקראַטן געמאַכט פאַר אַ
הייליק וועזן, אַזוי מאַכט איר פונם וואָרט פּראָלעטאַריאַט.

אַזוי ווי די דעמאָקראַטן, וואַרפט איר אונטער די רעוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג אונטער דער פראַזע פון דער רעוואָלוציע".

דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער ג. פּלעכאַנאָוו האָט מכּוח די רעוואָלוציע-שרייער גאַנץ טרעפנד זיך אויסגעדריקט: די „קרייצצוגן" האָבן דערגרייכט זייער ציל נישט צוליב די-יעניקע, וועלכע האָבן ביי יעדן דערפל, ביי יעדן שטעטל געשריען: „ירושלים!" נאָר אַ דאַנק די-יעניקע, וועלכע האָבן געלערנט געאָגראַפיע".

אָט די סאָציאַליסטישע געאָגראַפיע מוזן מיר דורכשטודירן, כּדי אַריינצוקומען, ענדלאַך, אין דעם סאָציאַליסטישן ירושלים. און די ערשטע כּללים פון דערדאָזיקער געאָגראַפיע איז—אײַנג צונויפבינדן זיך מיט די אַרבעטערמאַסן אויף אַלע געביטן פון זייער לעבן, זייערע באַדערפנישן, זייערע פאָדערונגען.

דאָס אָבער איגנאָרירן אַממערסטן די-יעניקע לייט, וועלכע לעבן מיטן אָפּגלאַנץ פון פרעמדע דערשיינונגען.

„עס ליגט שוין אין דער נאַטור, שרייבט מאַרקס, פון די-דאָזיקע סעקטן, געבילדעט דורך דער איניציאַטיוו פון יחידים, אַז זיי פאַרהאַלטן זיך צו יעדער ווירקלאַכער טעטיקייט, פּאָליטיק, שטרייקן, געווערקגענאָסנשאַפטן, מיט איין וואָרט, צו יעדער מאַסנבאַוועגונג—פרעמד און אָפּגעזונדערט. די מאַסע פון פּראָלעטאַריאַט בלייבט תּמיד צו איר פּראָפּאַגאַנדע גלייכגילטיק, אַפילו אויך פיינטלאַך".

דערוואַרטנדיק דעם באַלדיקן אָנקומען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, באַציען זיך שוין אונזערע היימישע בלאַנקיסטן מיט גרויס פאַראַכטונג צו דער ווירקלאַך רעוואָלוציאָנערער אַרבעט פון מאַסנאָרגאַניזאַציעס אויפן געביט פון די פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע באַדערפנישן. אין בעסטן פאַל באַטראַכטן זיי די-דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס נאָר ווי „פלאַצובקעס" פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע און, אויסערדעם, אַז און פאַר זיך, האָבן זיי פאַר אונזערע בלאַנקיסטן קיין שום ווערט נישט. פאַרוואַרפנדיק די מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פון דעם סאָציאַלן קאַמף, שעצן זיי שוין אויך לייכט דעם פּראָצעס פון קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, באַ-

טראַכטן דעם קאַמף פאַר מאָמענטאַלע דעראָבערונגען אַלס אָפּאָרטוניסטיש און רופן די אַרבעטער נאָר צו רעוואָלוציאָנערע אַקציעס. „אַ רעוואָלוציאָנערע אַקציע אָבער, מיינט מאַרקס, דאָס איז אַן אַקציע, וועלכע גייט אַרויס פון קלאַסנקאַמף גופא—יעדע קאָנצענטרירטע געזעלשאַפטלאַכע, אַלזאָ, אויך יעדע דורך פּאָליטישע מיטלען (דהיינו, געזעלשאַפטלאַכע פאַרקירצונג פון אַרבעטסטאָג) דורכגעפירטע באַוועגונג”.

דורכגעדרונגען מיט בלאַנקיסטישע מעטאָדן פון קאַמף, האָבן זיי שוין אויך באַקומען אַ שטאַרקע אָפּנייגונג צו דעם „בורזשואַזן פאַרלאַמענטאַריזם”; זיי קייען איצט איבער די אַלטע אַנאַרכיסטיש-סינדיקאַליסטישע טענות געגן באַטייליקן זיך פון די אַרבעטער אין די פאַרלאַמענטאַריסטישע אינסטיטוציעס און מאַכן דערמיט גופא אַ גרויסן שפּרונג צוריק, צו די פּאָרמאַרקסיסטישע צייטן פון הוילער פראַזע און באָדנלאָזער סעקטנפּאָליטיק.

און ווען זיי האָבן טענות, אַז מען באַשולדיקט זיי אין צופיל רעוואָלוציאָניזם, קאָנען מיר ענטפערן מיט די ווערטער, וועלכע מאַרקס האָט געשריבן אין יאָר 1879 וועגן מאָסטן און זייגע חברים—די „רעוואָלוציאָנערע” ראַדיקאַלן פון מאַרקס צייט: „מיר וואַרפן נישט פאָר מאָסטן, אַז זיין „פרייהייט” איז צו רעוואָלוציאָנער, מיר וואַרפן אים פאָר, אַז זי האָט נישט קיין רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, זי מאַכט נאָר אָבער רעוואָלוציעפראַזן.”

צו באַקעמפן דידאָזיקע רעוואָלוציעפראַזע, באַפּוצט אין סאָציאַליסטישע בגדים—דאָס איז דער רעוואָלוציאָנערער חוב פון יעדן מאַרקסיסט.

דאָס פּראָגראַמ־מיניִמום.

די געגנוואַרטס־ אַרבעט.

די וועלט־מלחמה האָט צעטרייסלט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט און זי אָראָפּגע־שטויסן פון אירע רעלסן. די מלחמה האָט אויך געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ דעם רעגולערן מלוכה־אַפּאַראַט און אין אייניקע לענדער אים אַפילו אויף שטיקער צעבראָכן. דאָס גופא האָט שוין מיט זיך אַריינגעטראָגן אַ באַדייטנדיקע ענדערונג אין דער פּראָפּאָרציע פון די כּוחות־פאַרהעלטנישן צווישן די קלאַסן, האָט אַרויסגערופן און געוואַלטיק פאַרשטאַרקט די אויפרעגונג און אומצופרידנהייט פון די אונטערגעדריקטע מאַסן און אונטער־געצונדן דעם באָדן אונטער זייערע פיס. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ נייע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע סיטואַציע אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַס־שטאַב, האָט באַדייטנדיק געענדערט די שאַנסן און פּערספּעקטיוון פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

אונזער פּראָגראַם און טאַקטישע פּרינציפּן זיינען געווען אויסגעאַרבעט ביי אַנדערע באַדינגונגען, האָבן זיך געשטיצט אויף אַ גאַנץ אַנדערער געגעבענער סביבה. ס׳איז דערום קיין חידוש

נישט, וואָס מיר לעבן איצט איבער אַ פּעריאָד פון איבערשאַצן
אונזערע אַלטע ווערטן, וואָס אַ סך סאָציאַליסטישע טוער פאַרנע-
מען אַ קריטישע שטעלונג צו די ביז אַהעריקע פּאָסטולאַטן
און פּראָגראַם-פּונקטן. ס׳איז קיין וואונדער נישט, וואָס ס׳האָט זיך
פאַר אונז אַזוי שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע, צי פאָדערט
נישט די ראַדיקאַלגעענדערטע סיטואַציע אויך אַ ראַדיקאַלע ענדע-
רונג פון דעם פּראָגראַם? צי האָט אפשר נישט דאָס פּראָ-
גראַם איינגאַנצן אָפּגעלעבט און צי פאָרמולירט נישט די נייע
צייט נייע פאָדערונגען, צי זי דיקטירט אונז נישט נייע פּרינציפּן.

ווירקלעך, די נייע צייטן האָבן טאַקי געבראַכט מיט זיך
אין פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל נייע פייגל, וועלכע האָבן
זיך צוזונגען מיט גאָר נייע לידער; וועלכע ווירקן אַזוי
שטאַרק אויף די געפילן און האַרצן פון די ברייטע אַרבעטער-
מאַסן. „אונזער גאַנץ פּראָגראַם, זינגען אונז ערשט די ניי-אויס-
געפּיקטע קאָמוניסטן—איז געווען צוגעפּאַסט צום „פרידלעכן פּע-
ריאָד״ פון אונזער סאָציאַליסטישער אַרבעט. מיר האָבן זיך טאַ-
קי דעמאָלט געמוזט רעכענען מיט דער מעגלעכקייט פון דער
קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און אויסנוצן אירע פּאַרלאַמענטאַ-
רישפּאָליטישע אינסטיטוציעס. מיר האָבן דעמאָלט געמוזט אַרויס-
שטעלן צייטווייליק אונזער פּראָגראַם-מינימום, וועלכעס האָט פאַר-
געשטעלט מיט זיך דאָס מאַקסימאַלע, וואָס מען האָט זיך גע-
קאָנט דערשלאָגן ביי יענע אומשטענדן. אַנדערש אָבער איצט.
די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע פאָדערט שוין פון אונז אָנצו-
שטריינגען אַלע אונזערע כּוחות נאָר אויף איין פּונקט, שיסן נאָר
אין איין ציל—אין דער מלוכה-מאַכט, זי אַריינכאַפּן אין אונזערע
הענט און מיטן כּוח פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור פאַר-
ווירקלעכן אונזער מאַקסימאַלן ציל, וועלכער ס׳איז אין איצטיקן
מאָמענט שוין געוואָרן אַ מינימאַלע פאָדערונג.

בלויז שוין דאָס אַוועקשטעלן אַזוי די פראַגע דעקט-אויף
דעם גאַנצן דואַליסטישן, צווייאַרטיקן מעטאָד פון דיינקען ביי
דידאָזיקע סאָציאַליסטן. פאַר זיי באַשטייט דאָס פּראָגראַם פון
צוויי גאַנץ באַזונדערע טיילן, מעכאַניש נאָר צווישן זיך צונויפּ-

געשטיקעוועט. איין טייל—פאר דער קאפיטאליסטישער וואך, דאס איז אונזער קליינגעלט, ספעציעל פאר די קליינלאכע געברויכן פון אונזער טעגלאכן לעבן. דאס איז אונזער פראגראם-מינימום. דער צווייטער זעלבשטענדיקער טייל—פאר דעם רעוואלוציאנערן יום-טוב, פאר די גרויסע מאמענטן פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע. דאס איז אונזער סאציאליסטיש שאפן. און דעם גרויסן סאציאליסטישן יום-טוב פארשוועכט שוין יעדע וואכנדיקע ארבעט, אין אים האבן נישט קיין האפט און ממשות די אלע פליטקע סגולות פון קאפיטאליסטישן פעריאד. אדרבא, יענע ווערן שוין איצט פארוואנדלט אין שעדלאכע מעשים פארן פראלעטאריאט, דער פארלאמענטאריזם איז שוין מער נישט ווי א פשרות-מאכעריי מיט דער בורזשואזיע און די ארבעט ארום אונזער פראגראם-מינימום—א „קאנטער־רעוואלוציאנערע".

דערדאזיקער דואליזם, דאסדאזיקע פאנאנדערטיילן די באוועגונג און ציל, דאס פאנאנדערגלידערן דאס פראגראם אויף קליינלאכע „רעפארמען" און „רעוואלוציאנערע" צילן—דערדאזיקער גאנצער געדאנקענגאנג פון אונזערע „אמתע" עכט-רעוואלוציאנערע קאמוניסטן איז דאך דוקא אזוי כאראקטעריסטיש, אזוי טיפיש אויך פאר די „רעפארמיסטן" פון קליינבירגערלאכן הדר. אויך זיי פירן דורך א שארפן שטריך צווישן רעפארמען און רעוואלוציע, אויך זיי שאצן-אפ פארשידן „די באוועגונג" און „ענדציל" און צוטיילן די סאציאל-דעמאקראטישע ארבעט אויף „היינט" און „מארגן".

דאסדאזיקע צונויפפאלן פון איין און דערזעלבער אויפפאסונג פון אונזער פראגראם ביי די צוויי עקסטרעמען פון סאציאליזם איז נישט קיין פשוטער צופאל, קיין בלויז אויסערלאכע ענלאכקייט. זיי ביידע, ווי דער רעפארמיזם, אזוי אויך דער ניי-געבאקענער „קאמוניזם" שטעלן אייגנטלאך פאר מיט זיך צוויי דערשיינונגען פון איין און דעמזעלבן מין, זיי ביידע זיינען געקנעטן פון איין און דעמזעלבן טייג, זייער ביידנס פרימיטיווער פארשטיין דעם מארקסיזם שטאמט פון איין און דעמזעלבן מקור—זיי ביידע זיינען בלויז א פארשידנארטיקער אויסדרוק פון די

עלעמענטאַרע פּראָלעטאַרישע אינסטינקטן, פון דעם נאָך נישט רייפען, קינדערשן, אַזוי צו זאָגן, פאָרמאַרקסיסטישן באַגרייפן דעם סאָציאַליזם.

פריער, פאַר מאַרקסן און ענגעלסן, איז דער סאָציאַליזם ווירקלאַך געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער אַרבעטערבאַוועגונג. זיי פלעגן איינע געגן די צווייטע אָפּטמאָל אַפילו אַרויסטרעטן ווי פיינטלאַכע כּוחות. די טשאַרטיסטן אין איינגלאַנד האָבן אָרגאַניזירט די מאַסן נאָר פאַר דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, אָן אַ שום צוזאַמענבונד מיטן קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישע וועלט. די געווערקשאַפטן האָבן זיך געבויט זייערע אָרגאַניזאַציעס מיט דעם איינציקן ציל דעם פּראָלעטאַריאַט אַוועקצושטעלן אויף אַ פעסטן עקאָנאָמישן יסוד.

די דעמאָלטיקע „קאָמוניסטן” האָבן בלויז צוגעגרייט די „באַוואוסטזיניקע” צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און די בלאַנקיסטן האָבן רק אינסצעניזירט אויפשטאַנדן און „רעוואָלוציעס” פון די העלדן, בכדי די מאַכט צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט.

דער גרויסער פאַרדינסט פון מאַרקס און ענגעלס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן פאַרבונדן דעם סאָציאַליזם מיט דער אַרבעטערבאַוועגונג, דאָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו זען אין סטיכישן, עלעמענטאַרן מאַסן־קאַמף אַ וויכטיקן פאַקטאָר פאַר דערגרייכונג פון סאָציאַליזם, אין דעם קלאַסנקאַמף — דעם רויטן פאָדעם, וועלכער גייט דורך און פאַרקניפּט די באַוועגונג פון היינט מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. נישט ווי באַזונדערע זעלבשטענדיקע כּוחות טרעטן זיי אַרויס איינע געגן די צווייטע, נאָר איינס האַלט זיך אויף אין דער צווייטער, איינס איז דאָס צווייטע ממלא, און זיי ביידע גיסן זיך סינטעטיש צוזאַמען ווי איין גרויסער באַפרייונגסקאַמף פון דער אַרבעט, פון די עקספּלאָאַטירטע, פון דער גאַנצער צעשפּאָלטענער און געקוועלטער מענטשהייט.

יעדער קאַמף פון די אַרבייטער פאַר זייער מאָמענטאַלער אויסבעסערונג באַקומט אַ כאַראַקטער פון אַ דירעקטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, אויף וויפיל די אויסבעסערונג הויבט אים אויף צו

אַ העכערער מדרגה, אויף וויפיל זי באַפעסטיקט זיין פּאָזיציע אין לעבן, זיין מאַכטשטעלונג אין דער מלוכה—אויף וויפיל זי דער-נענטערט אים צו דער מעגלאַכקייט פון סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. די באַוועגונג און ציל זיינען נישט געטרענט און אָפּגעריסן, ווער רעדט, אַז זיי געפינען זיך נישט אין אַ סתירה איינס צום צווייטן, נאָר זיינען צוויי זייטן פון איין און דער-זעלבער דערשיינונג, זיי לאָזן זיך נישט טיילן און פונאַנדער-שיידן. אין די קאַמפּסמיטלען גופא איז שוין דער ציל געגעבן געוואָרן און אָן זיי וועט ער קיינמאָל נישט דערגרייכט ווערן.

און אַזוי ווי דאָס סאָציאַליסטישע פּראָגראַם איז אויסגע-רעכנט נישט נאָר אויף איין געוויסן פּעריאָד פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער וועלט, נאָר כאַפּט אַרום מיט זיין אומפאַנג אַלע מעג-לאַכע קאַפּיטאַליסטישע סטאַדיעס ביז דעם איבערגאַנג פון דער מאַכט צום פּראָלעטאַריאַט, קאָן דערום דערווייל קיין רייד נישט זיין וועגן פּאַרעלטערטקייט פון דעמדאָזיקן פּראָגראַם, וועגן זיין אָפּגעלעבטער צייט. קוים זיינען נאָך די מיטלען, וועלכע פירן צו אונזער ציל, נישט דערגרייכט געוואָרן, קוים זיינען נאָך די שטופן, וועלכע מיר מוזן דורכמאַכן, נישט דורכגעגאַנגען, האָבן זיי נאָך זייער נויטווענדיקייט און נוצלאַכקייט נישט פאַרלאָרן, קאָן זיי נישט דער פּראָלעטאַריאַט און טאָר זיי נישט אויסמיידן. יעדער שפּרונג זיינער פון זיי וועט, אויך מיט אַן אָביעקטיווער נויטווענדיקייט זיין אַ שפּרונג פון סאָציאַליזם, אַ קער אין אַ זייט פון דעם וועג, וועלכער פירט אים צו מאַכט און באַפרייונג.

אין יעדן מאָמענט פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, אין די פאַר-שאַרפסטע פּאָליטישע סיטואַציעס, קאָנען נישט די פאָדערונגען, וועלכע זיינען נויטיק תּנאים פאַר דעם סאָציאַליזם אויסגעמיטן ווערן, טאָרן נישט גרינגגעשעצט ווערן אָדער גאָר פאַרוואָרפן ווערן. דאָס וואָלט הייסן אַרויסרייסן פון אונטער די אייגענע פיס די טרעפּ, וועלכע פירן צום שפּיץ בנין, דאָס וואָלט הייסן בלייבן הייגגען אין דער מיטן און דראַפּען זיך מיט די הענט אין דער לופט, אום צו מאַכן דעם לעצטן פאַראַנטוואָרטלאַכסטן שריט.

נאָכמער, די הויפּטפאָדערונגען גופא:—אַרבעטערשוץ, סאָ-

ציאַל-פּאָליטיק און דעמאָקראַטישע פרייהייטן—זיינען בלויז באַשטאַנדטיילן פון דעם גרויסן ציל און אָפּזאָגן זיך פון זיי, הייסט, פשוט אָפּזאָגן זיך פונם סאָציאַליזם גופא אין זיין קאָמפּליצירטער און העכסטער פאָרם.

מיטל און ציל.

מיט וואָס האָט דער סאָציאַליזם פאַר אונז אַזאַ צוציונגסקראַפט? וואָס מאַכט אים, אייגנטלאַך, פאַר דעם העכסטן מענטשלאַכן אידעאַל? דאָס איז דאָך נישט בלויז דערפאַר, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פירט זיך אויף פּריוואַטע יסודות און דער סאָציאַליזם וועט זי אָרגאַניזירן קאָלעקטיוו. דער קאָלעקטיוויזם אַליין, אַן און פאַר זיך, זאָגט דאָך אונז גאָר נישט, רעדט נישט צו אונזער פאַרשטאַנד און האַרץ.

דער ציל איז—פאַרניכטן די עקספּלאָאַטאַציע פון מענטשן דורך מענטשן, אומברייננגען די קלאַסנרייסעניש פון דער וועלט, איינשטעלן אַ פולע גלייכהייט צווישן די מענטשן. אַ זעלבסטפאַרוואַלטנדיקע, אַרבייטנדיקע געזעלשאַפט—דאָס איז אייגנטלאַך דער אידעאַל. און נאָר ווייל אַזאַ אידעאַל קאָן דערגרייכט ווערן ביי קאָלעקטיוויסטישע פאָרמען פון פּראָדוקציע, ווען די אינטערעסן פון יחיד וועלן צונויפפאַלן מיטן כלל, נאָר ווייל בלויז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט בטל ווערן יעדע אַרבעטסעקספּלאָאַטאַציע, דינט דאָס דערום אַלס מיטל פאַרן ציל (אגב אורחא באַמערקט, נישט יעדע קאָמוניסטישע פאָרם קאָן אונזער אידעאַל באַפרידיקן. די אַלטפּריינקישע דאָרפישע „קאָמונע", דהיינו, האָט אין זיך גאָר ווייניק צוציענדיקס. זי פאַרטעמפּט נאָר די אינדיווידואַליטעט און באַשריינקט בלויז די אַרבעטסמעגלאַכקייטן. דער סאָציאַליזם אַלס באַפרייענדיקער אידעאַל איז באַגרייפלאַך נאָר אַלס יורש פון דער גרויסאינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע).

אויף דריי גרונדזיילן בויט אויס דער סאָציאַליזם זיין פּרעכטיקן בנין: אויף אָרגאַניזירטער מלוכהאַרבעט, אויף אַ סאָציאַלער פּאָליטיק לויט די אינטערעסן פון גאַנצן כלל און אויף פולקומער פאָלקסהערשאַפט, אויף דער דעמאָקראַטיע סיי אויפן עקאָנאָמישן, סיי אויפן פּאָליטישן געביט. וואַרפט אַרויס איינעם פון די

זיילן און דער גאַנצער סאָציאַליסטישער בנין צופאַלט זיך אויף שטיקער. אין אמתן, ס׳קאָן דאָך קיין רייד נישט זיין פון קיין סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט דאָרט, וואו, לאָמיר זאָגן, דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק זאָל ווערן דעספּאָטיש פאַרוואַלטעט פון איינצלנע פערזאָנען, אָדער וואו די פּאָליטיק רעכנט זיך נאָר מיט איין גרופּע פון דער געזעלשאַפט געגן די אינטערעסן פון גאַנצן כּלל. נאָר פון די אַלע דריי באַשטאַנדטייל צוזאַמען שטעלט זיך צונויף דאָס גאַנצע—דער סאָציאַליזם.

און אין דעם ליגט פאַרבאַהאַלטן דער כּוח פון דער פּראָגראַם-מינימום, וואָס שוין אין אים, שוין אין זיינע הויפּט-פאָדערונגען ליגן אָנגעצייכנט די דריי עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. שוין נאָך ביי דעם עקזיסטירנדיקן רעכט אויף פּריוואַטאייגנטום, נאָך ביי דער צעשפּאַלטונג פון מענטשן אויף קלאַסן, קעמפט דער פּראָלעטאַריאַט פאַר דעם, אַז די מלוכה זאָל נעמען אונטער איר שוץ די אַרבעט, אַז זי זאָל פירן אַ סאָציאַלע פּאָליטיק אין די אינטערעסן פונם כּלל און אַז די פאָלקסהערשאַפט זאָל איינגעשטעלט ווערן אין לאַנד.

אמת, מיר ווייסן, אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין ריכטיקע שוץ פון דער אַרבעט ביי דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, ס׳קאָן נישט זיין קיין קאַטעגאָרישע פּאָליטיק אין די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן כּלל ביי דער אויבערהערשאַפט פון אַן עקספּלאָאַטירנדיקער מינדערהייט, ס׳קאָן נישט זיין קיין פולקומע פאָלקסהערשאַפט מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן ביי דער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט פון קלאַסן. דאָס האָבן מיר די גאַנצע צייט געוואוסט, נאָך איידער די טיפּזיניקע נעאָ-קאָמוניסטן זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייער „שאַרפן” אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט.

לאַנג נאָך פאַר זייער קריטיק פון דער היינטיקער געזעלשאַפט האָט אַן אַנדער סאָציאַל-פּאָליטיקער—קאַרל מאַרקס—דורכגעמאַכט דיזעלבע אָפּעראַציע איבער דעם קאַפּיטאַליזם און ביי אים איז די זאַך אַרויס דיאַלעקטישער, קאָמפּליצירטער ווי ביי אונזערע איצטיקע אויספאָרשער. און טאַקי פון זיינע אויספאָרשונגען האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן די סתירות, וועלכע רייסן

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט גופא, וועגן די אינערלאַכע ווידערשפּרוכן, וועלכע צעטרייסלען דעם קאַפּיטאַליסטישן מעכאַניזם און האַלטן אים אין שטענדיקן צושטאַנד פון גערונג און רעוואָ-
לוציע.

אין דער גאַנצער צייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט קומט-פאָר אַ קאַמף פאַר מאַכט פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע גרופּן. פאַרשידענע סאָציאַלע אינטערעסן, בליקן און פאַרלאַנגען טרעטן אַריין אין אַ שטענדיקן געראַנגל צווישן זיך. יעדע סאָציאַלע גרופּע רייסט די מאַכט פאַר זיך. און דעמדאָזיקן קאַמף נוצט-אויס דער פּראָלעטאַריאַט פאַר די פאַרשטאַרקונג פון זיין מאַכט. „דער פּראָלעטאַריאַט פרעגט נישט, האָט מאַרקס אַמאָל געשריבן, וואָס די בורזשואַזיע וויל, נאָר וואָס די בורזשואַזיע מוז", און וואָס פאַרשאַרפטער איז דער קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, אַלץ ברענענדיקער איז דער מוז פאַר דער בורזשואַזיע זיך אָפּצוזאָגן פון אירע פּרינציפּיעלע אָפּאָזיציעס; זי מוז געגן איר ווילן געבן קאָנצעסיעס די סאָציאַליסטישע בליקן אויף אַרבעט און געזעלשאַפט. אין דעם זינען האָט אַמאָל געזאָגט אַן איינגלישער מיניסטער: „היינט זיינען מיר אַלע סאָציאַליסטן".

אין דעם געזעץ וועגן אַ צענשעהדיקן אַרבעטסטאָג אין איינגלאַנד האָט מאַרקס איינגעזען אַ זיג פון פּראָלעטאַרישן פּרינציפּ— באַשיצן די אַרבעט דורך דער מלוכה—געגן דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע (דער אינדיווידועלער אָפּמאַך צווישן פּערזאָנען).

די בורזשואַזיע גייט-איין אויף רעפאָרמען נאָר מיטן כיון אָפּצוציהען די מאַסן פון סאָציאַליזם, שטעלן זיי צופרידן מיט קלייניקייטן, דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט אָבער זעט אין זיינע מינימאַלע פאָדערונגען די גרויסע רעוואָלוציאָנערע צילן, און רוקט אַרויס זיינע פּאָזיציעס אַלץ ווייטער, טריט ביי טריט נאָך דעם אָפּטרעטן פונם שונא און נוצט-אויס די דעראָבערטע פּאָזיציעס אויף צו פאַרפעסטיקן זיין סטראַטעגישן מצב—שפּרייט-אויס, אַלץ ברייטער זיין פראָנט און מאַרשירט מיט קאָמבינירטע אָפּטיילונגען אויף זיין שונא—די אַלטע וועלט.

פון דעם אַלעם געזאָגטן איז קלאָר, אַז דאָס פּראָגראַם-מינימום קאָן נישט, ביי קיין שום מאָמענט פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, ווערן געגנגעשטעלט געגן סאָציאַליזם, קאָן נישט ווערן באַטראַכט, ווי אָפּגעלייזטע שעדלאַכֿע זאַכן פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין קיין שום מאָמענט פון זיין רעוואָלוציע. אָפּזאָגן זיך צו קעמפן פאַר איינע פון די דערמאָנטע גרונד-עיקרים, נאָך מער באַטראַכֿן זיי, אַלס ווידערשפּרעכֿנדיק די פּראָלעטאַרישע צילן, הייסט פּשוט—ריידן בלויז וועגן סאָציאַליזם און נישט באַגרייפן זיין אינערלאַכֿן מהות, הייסט—איבעררייסן מיט דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג פון סאָציאַליסטישן אינהאַלט און אָפּפרישן די פאַרעלטערטע אַנאַרכֿיסטיש-קאָמוניסטישע תורה.

פאַקטיש זיינען אויך אונזערע היימישע קאָמוניסטן געצוואונגען, אויף וויפיל זיי ווילן זיך נישט אָפּרייסן פון די אַרבעטערמאַסן, אַקצעפּטירן דעם קאַמף פאַר דעם פּראָגראַם-מינימום. זיי האָבן נאָך דערווייל נישט געשלאָסן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע פירן דאָך נאָר אַ קאַמף פאַר מינימאַלע פאָדערונגען פון די אַרבעטער נאָך אין היינטיקער געזעלשאַפט. זיי האָבן אין וואַרשעווער אַרבעטערראַט צוזאַמען מיט די איבעריקע סאָציאַליסטישע פראַקציעס געשטימט פאַר דעם, אַז די היינטיקע בורזשואַזע מלוכה זאָל אָננעמען עקסטרע-מיטלען אין קאַמף מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט; זיי האָבן אויך מסכּים געווען צו דער רעזאָלוציע (אָה, אַ גרויל!) וועגן דעמאָקראַטיזאַציע פון פוילן, (פרעסעפרייהייט, אומבאַרירלאַכֿקייט און ענלאַכֿעס).

און פאַרשטענדלאַך. די ברייטע מאַסן קאָנען זיך נישט לאָזן שפּייזן מיטן מאָרגן, ווי שיין און פיל פאַרשפּרעכֿנדיק ער זאָל נישט זיין. די אַרבעטערבאַוועגונג איז אַ סטיכישנויטווענדיקע דערשיינונג פון דער היינטיקער געזעלשאַפט און מען קאָן איר נישט פאַרענטפערן מיטן קאָמוניסטישן תּיקו—ס'וועט קומען די דיקטאַטור און וועט פאַרענטפערן אַלע קשיות. אַ פּאָליטישע פאַרטיי מוז זיין טאָג-טעגלאַך אַקטיוו, מוז געבן אויך אַ טאָג־תּשובה אויף די אָנגעווייטאָגטע טאָגפראַגן. און קוים האָבן נישט די קאָמוניסטן די דרייסטקייט, ביי זייער גאַנצער אוטאָפּיסטישער לייכט-

זיניקייט, שוין תיכּף אין פּוילן דעם קאָמוניזם צו פּראָקלאַמירן, קוים זיינען זיי אויך מודה, אַז מיר לעבן נאָך דערווייל איבער אַ פּעריאָד פון אַ שוואַרצער רעאַקציע, מוזן זיי געגן זייער ווילן זיך ווענדן צו דיזעלבע מיטלען, צו די אייגענע פּונקטן פון פּראָגראַם־מינימום, וועלכע זיי האָבן פריצייטיק אַרויסגעוואָרפן פון זייער טעאָרעטישן באַגאַזש.

אָבער באַליידיקן זיך אונזערע מאַקסימאַליסטן, מיר גייען דאָך נישט־איין אויף פּשרות מיט דער בורזשואַזיע, מיר זיינען דאָך נישט מסכּים צו זיצן צוזאַמען מיט די עקספּלאָאַטאַטאָרן און פּאַסקאַזשעס אין געמיינזאַמע אַנשטאַלטן און רופן נאָר די מאַסן צו דערשלאָגן זיך דידאָזיקע פּאָדערונגען אויפן וועג פון דירעקטן קאַמף.

דירעקטער קאַמף, דירעקטע אַקציעס—דאָס זיינען אַלטע באַקאַנטע שלאָגווערטער גענומען אויף פּראָקאַט ביי די אַנאַרכיסטן־סינדיקאַליסטן פון סאָרעל און לאַבריאָלאַס חדר. אויך דאָס איז נישט קיין נייער קאָמוניסטישער אויפטו. יאָרנלאַנג האָבן די סינדיקאַליסטישע טוער קריטיקירט די מאַרקסיסטישע טאַקטיק פון קלאַסנקאַמף און איר געגנגעשטעלט זייער אַרבעט פון דירעקטן קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

די מאַרקסיסטן האָבן אַזאַ צוטיילונג פון קאַמף נישט אָנגענומען. פאַר זיי זיינען נישט די פּאַרלאַמענטן, די רעפּרעזענטאַנץ־אַנשטאַלטן, אַלע פּאָליטישע אינסטיטוציעס—קערפּערשאַפטן, וועלכע שטייען אָפּגעריסן, אָפּגעזונדערט פון רעאַלן לעבן מיט זיינע פּאָליטישע קאַמפן. די ערשטע זיינען מער נישט די ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון די וויכטיקע לעבנסגעראַנגלען, די יורידישע פּאָרמולירונג פון די קראַפטסרעזולטאַטן. און קוים האַלטן מיר פאַר נויטיק צו פירן די מאַסן צום קאַמף פאַר זייערע מאָמענטאַלע פּאָדערונגען, מוזן מיר זיי שוין אויך דורך אונזערע פּאַרלאַמענטאַרן אויסדריקן און פאָרמולירן אין די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון דער היינטיקער וועלט.

דאָס איז אַן אַלט מאַרקסיסטישע אַקסיאָמע. און ווייל די קאָמוניסטן האָבן בכלל איבערגעריסן מיט דעם מאַרקסיסטישן פאַרבאַנד פון סאָציאַליזם און אַרבעטערבאַוועגונג און האָבן דאָס

אויפגעפאַסט ריין אַנאַרכיסטיש, מוזן זיי שוין אויך בנוגע דער לעצטער איבערנעמען ביי די אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטן זייערע מע-טאָדן פון קאַמף.

דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור.

אָבער—פרעגן אונז אונזערע קריטיקער—צי געפינט זיך דען נישט אייער פאָדערונג פון דעמאָקראַטיע—פון הערשאַפט פון גאַנצן פאָלק—אין אַ שרייענדיקער סתירה מיט דעם פונקט וועגן דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט? ענטוועדער-אָדער. אָדער דעמאָקראַטיע, הייסט עס אַז מיר וואַרפן זיך אין אַלץ אונטער דעם ווילן פון דער מערהייט, און דעמאָלט איז שוין נישטאָ וואָס צו ריידן אַפילו פון קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע. מען מוז אָפּוואַרטן די צייט, ווען עס וועט זיך אין די פאַרלאַמענטן באַשאַפן אַ פּראָלעטאַרישע מערהייט, וועלכע וועט אויפן פרידלאַכן פאַרלאַמענטאַרישן אופן איינפירן די סאָציאַליזירונג פון דער ווירטשאַפט בשלום-ושלוה. אָדער—אויב דיקטאַטור, הייסט עס, אַז לכל-הפחות אויף אַ צייט מוזן אָפּגעשאַפט ווערן די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך אַלע קלאַסן. און די פראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס מוזן אויסאיבן זייער אייזערנע מאַכט געגן דער בורזשואַזיע.

אויך דאָ, ביים געגנשטעלן צוויי פונקטן פון פראָגראַם, איינעם געגן דעם צווייטן, ווייזן אונזערע קריטיקער אַרויס, ווי ווייט פרעמד ס'איז זיי די דיאַלעקטיק פון מאַרקסיסטישן אַרט דיינקען, ווי ווייט זייער לאָגיק איז געבונדן מיט דער באַקאַנטער מעטאַפיזישער פאָרמול פון „אָדער—אָדער".

וואָס הייסט דאָס אייגנטלאַך דיקטאַטור פון אַ קלאַס? מען קאָן דאָך דאָס נישט פאַרשטיין בוכשטעבלאַך, ווי מען ווענדט דאָס אָן בנוגע דער דיקטאַטור פון אַ פערזאָן. מיט דער „דיקטאַטור" פון דער בורזשואַזיע, למשל, ווערן דאָך נישט אָפּגענומען אַלע פּאָליטישע רעכט ביי די איבעריקע קלאַסן. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז דאָך נישט אַליין דער זעלבסטהערשער אין לאַנד. ס'האַנדלט זיך דאָ נאָר אין דעם, וואָס די פרינציפּן פון דעם קלאַס באַקומען די אויבערהערשאַפט אין לעבן. דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלאַך-רעכטלאַכע מלוכה-וועזן ווערט געריכטעט

קויט זיינע גרונד-עיקרים.

דער פראָלעטאַריאַט קאָן זיך דערשלאָגן אַפילו צו די מאַקסימאַלסטע רעכט אין דער היינטיקער בורזשואַזער מלוכה. זיי וועלן אָבער מוזן זיין באַשריינקט מיט די איינגע גרעניצן פון פריוואַטאייגנטום, זיי וועלן מוזן זיין אַרומגעשניטן מיטן שאַרפן מעסער פון רעכטלאַכער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע. און ביי יעדן פאַרלאַנג—לגמרי זיך באַפרייען פון די קייטן פון לוינשקלאַפעריי, מוז זיך דער פּראָלעטאַריאַט באַגעגענען מיט דער דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, אין וועמענס דינסט עס געפינט זיך דער גאַנצער היינטיקער כלוכה־אַפּאַראַט.

דער פּראָלעטאַריאַט זעט דערום זיין פולע באַפרייונג נאָר אין אַזאַ איבערקערעניש, וועלכע וועט אָפּשאַפן דעם פּרינציפּ פון פריוואַטאייגנטום און וועט מאַכן פאַר אַ הערשנדיקן פּרינציפּ—דעם אידעאַל פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער די גאַנצע סאָציאַלע רעוואָלוציע, איר מעגלאַכער זיג קאָן קומען נאָר אַלס רעזולטאַט פונם נצחון פון דער מערהייט פונם פאָלק איבער זיין הייפּל עקספּלאָאַטאַטאָרן.

דער גאַנצער טעאָרעטישער טייל פון סאָציאַליסטישן פּראָגראַם באַשעפטיקט זיך טאַקי מיט די אָביעקטיווע מעגלאַכקייטן, וועלכע שאַפן אַ מאַטעריעלן יסוד פאַר דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, שטעלט-פעסט די באַדינגונגען, וועלכע זיינען גורם, אַז די מערהייט פון פאָלק זאָל איבערגיין אויף זיין שטאַנדפּונקט, וועלכע מאַכן פונם סאָציאַליזם—פון דער באַוועגונג פון איין קלאַס—אַ באַוועגונג פון דער פאָלקסמערהייט.

און אויב אַזוי, אויב די סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן קומען נאָר אין רעזולטאַט פון איבערגיין פון דער גוואַלדיקער מערהייט אויפן צד פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט, קאָן דאָך נישט זיין קיין רייד, אַז נאָכן זיג פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע זאָל דער פּראָלעטאַריאַט—ד. ה. די פאָלקסמערהייט—מורא-האָבן „פאַר דער דעמאָקראַטיע, פאַר דער פאָלקסהערשאַפט. דאָס וואָלט באַדייט—שרעקן־זיך פאַר זיך אַליין, פאַר די פאָלגן פון אייגענער הערשאַפט. ווי בעת דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַזוי אויך אויף

מאָרגן נאָך איר, אין דער איבערגאַנגס־עפּאָכע פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט צו דער סאָציאַליסטישער, קאָן דער פּראָלעטאַריאַט זיין זיגרייך נאָר ווען מיט אים גייט-נאָך די מערהייט פונם פאָלק, האַלט-אונטער און פילט-מיט מיט אַלע זיינע האַנדלונגען און פאַראָרדנונגען. דער פּראָלעטאַריאַט האָט דערום נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר דער פאָלקסהערשאַפט, פאַר זיין אייגענער הערשאַפט, און גלייך שוין אויף מאָרגן, נאָך זיין זיג איבער דער בורזשואַזער מלוכה, קאָן שוין די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה אַוועקגעשטעלט ווערן אויף פעסטע און גרינדלאַכע יסודות. דוקא דעמאָלט קאָן זי זיך ערשט אומגעשטערט פונאַנדערבליהען אין איר גאַנצער פּראַכט און ערלאַכקייט, ווייל די מערהייט פון פאָלק שטייט פאַקטיש ביים רודער, דער גאַנצער מלוכה-אַפּאַראַט געפינט זיך אין אירע הענט.

מיר ווייסן אָבער, אַז קיין קלאַס, ווי קליין און נישטיק ער זאָל נישט זיין, טרעט נישט אָפּ אַליין מיטן גוטן ווילן פונם מלוכה-בענקל, און אויך דאָס באַזיגטע הייפל גרויס - אינדוסטריעלער וועט זיך נישט אונטערוואַרפן פרייוויליק, אָן ווידערשטאַנד, דעם באַשלוס פונם פאָלק, און אין דעם פאַל, רעדט זיך אין פּראָגראַם: „איז נויטיק אויסקעמפן אַזאַ מין פּאָליטישע מאַכט, וואָס וועט אים געבן די מעגלאַכקייט צו דערשטיקן יעדן פּרוב פון די עקספּלאָאַטאַטאָרן צו שטעלן זיך אַנטקעגן".

אַלזאָ, נישט קעגן דער מערהייט קאָן געווענדט זיין די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, נישט געגן דעם ווילן פון דער באַפעלערונג בכלל נאָר „געגן דעם פּרוב פון די עקספּלאָאַטאַטאָרן". פאַרשטעלן זיך אַ מעגלאַכקייט, אַז זיי זאָלן קאָנען האָבן אַ מערהייט פאַר זיך אין די געזעצגעבערישע און אויספירנדיקע מלוכה-אָרגאַנען—הייסט פשוט מודה-זיין, אַז די רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן פאַר דער צייט, הייסט, אַז נישט די דעמאָקראַטיע איז דערין שולדיק, נאָר די טאַקטיק פון יענע פאַרטייען, וועלכע האָבן נישט אויסגערעכנט די צייט און כוחות און האָבן מפּילגעווען מיטן סאָציאַליזם פאַר דער צייט...

אַזוי ווי ס'איז פאַלש אַנטקעגנצושטעלן דעם ענדציל געגן

פּראָגראַם-מינימום. אַזוי ווי אַלע זיינע פּונקטן האַרמאָניזירן און זיינען איינגעשלאָסן אין באַגריף פון סאָציאַליזם—אַזוי שטייען אויך נישט אין קיין שום סתירה די דעמאָקראַטישע בליקן מיט דעם פּונקט פון פּראָגראַם, וועלכער רעדט וועגן „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט”. אדרבא, איינס שליסט אין זיך איין דאָס צווייטע. דידאָזיקע דיקטאַטור וועט קאָנען קומען נאָר אַ דאַנק דער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער מלוכה, וואָס וועט שטעלן פּאָליטיש די גרויסע מאַסן אויף דער זייט פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט, און פאַרקערט: די עכטע דעמאָקראַטיע וועט זיך קאָנען איצט אַרויסווייזן נאָר נאָכן גרויסן נצחון פון פּראָלעטאַרישן פּרינציפּ.

ווענן טאַקטיק.

צווישן צוויי עקסטרעמען.

די אַרבעטערבאַוועגונג בכלל און בפרט אין די באַזיגטע לענדער ווערט איצט געריסן, געשפּאָלטן און געוואָרפן צווישן צוויי געגנגעזעצטע פּאָלן: פונם סאָציאַלרעפאָרמיזם פון איין זייט און פון דעם ראַדיקאַל-קאָמוניזם פון צווייטן.

ביידע, סיי דער רעפאָרמיזם, סיי דער קאָמוניזם, שטיצן זיך אויף די עלעמענטאַרסטע חושים פון די אַרבעטערמאַסן, בויען זייער טאַקטיק אויף די פּרימיטיווסטע אינסטינקטן פון די ליידנדיקע און נויטבאַדערפטיקע. מער נישט, וואָס יעדערער פון זיי גייט-צו צו דער זאַך נאָר פון איין זייט.

דער רעפאָרמיסט נעמט די איצטיקע געשאַפענע מלוכה, די איצטיקע צווישנפעלקערלאַכע באַציונגען, די קליינלאַכע רעפאָרם, וואָס ער דערשלאָגט זיך ביי די הערשנדיקע קלאַסן, דעם פּאָזיטיוון ערפאָלג פון דעם היינטיקן טאָג — פאַר אַן אויסגאַנגספּונקט פון זיין אויפפירונגסליניע, אַלס אַן איבערצייגנדיקן מאָטיוו פאַר די אַרבעטערמאַסן. דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר, מען מוז אַרויסטרעטן געמיינזאַם געגן שונא, מען קאָן זיך נישט פאַרגעבן מיט פאַנטאַזיעס, מען מוז זאָרגן וועגן חיי-שעה — אָט דאָס איז די פּאָליטישע חכמה פונם רעפאָרמיסט, פון אָפּאָרטוניסט. דאָס איז אַזוי פאַרשטענדלאַך, באַגרייפלאַך און אָנטאַפּענדיק פאַר די אַרבעטערמאַסן. דאָס זעט מען אין טאָג-טעגלאַכן לעבן. אַזוי דיינקען טאַקי די ברייטסטע מאַסן. דאָס ברעכט

נישט די טראַדיציע, דאָס בויט נישט קיין נייס: ס'איז פראַקטיש, פלאַך און איינפאַך, ווי די גאַנצע לעבנסאויפאַסונג פון דורכשניטלאַכן פשוטן אַרבעטערמאַן.

דער קאָמוניזם, ווידער, בויט זיין גאַנצע טאַקטיק אויף די נעגאַטיווע זייטן פונם היינט, אויף דער אָרעמקייט און הונגער פון די מאַסן, אויף זייער אומצופרידנקייט און אויפגערייצטקייט געגן זייערע באַדריקער. דעם אידעאַלן צושטאַנד פון דער צוקונפט באַטראַכט ער אַלס אַ פראַקטישע מעגלאַכקייט פאַר דער געגנוואַרט. דעם גרויסן פראָצעס פון די געזעלשאַפטלאַכע אומענדערונגען באַטראַכט ער אַלס אַ געשאַפענעם, פאַרענדיקטן עפיזאָד. דעם בלינדן צאָרן פון די הונגעריקע מאַסן נעמט ער אָן פאַר דעם באַוואוסטזיניקן ווילן פון קעמפנדיקן פראָלעטאַריאַט, דעם ענדע-פונקט פון דער באַוועגונג מאַכט ער פאַר דעם נאָנטסטן לאָזונג און פאַר אים עקזיסטירט שוין נישט קיין אומעגלאַכס, קיין נישט־דערגרייכבאַרס. פאַר אים זיינען שוין אַלע סטאַדיעס דורכגעמאַכט: ער נעמט יעדע זאַך שטענדיק ביי איר סוף, ער וויל אַלץ, אָדער גאָרנישט, ער גייט תמיד „צום לעצטן נצחון".

דאָס איז אויך גאַנץ „פראַקטיש" אין פרימיטיוון זין פונם וואָרט.—„די נשמה פון די בורזשויען", „מיר אָדער זיי", „זיך איין אויג, אַבי יענעם צוויי אויגן" „דערלעבן כאָטש אַ נקמה אין שונא"—דאָס איז דאָך אַלץ אַזוי פאַרשטענדלאַך און נאָנט פאַר די ברייטסטע מאַסן. זיי האַלטן נישט פון „פאָליטיק", זיי ווילן נישט וויסן פון די אַלע דריידלאַך און קונצן פון די „פאָליטיקאַנטן", „פון די אינטעליגענטן"—מען דאַרף לעבן מיטן פשוטן שכל, מען דאַרף נעמען, וואָס ס'לאָזט זיך נעמען.

און ווייל זיי בידע, אי דער רעפאָרמיזם, אי דער קאָמוניזם, זיינען פאָליטישע סחורה מיט איין און דעמזעלבן אונטערשלאַק, ווייל זיי בידע זיינען לייבלאַכע שוועסטער פון איין און דעמזעלבן פראַקטישן חוש, געפינען זיי גאַנץ אָפט בידע אַזויפיל חן אין די אויגן פון איין און דיזעלבע מאַסן, געפעלן זיי אַזוי שטאַרק דעם פראַקטישן מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכער זעט נישט ווייטער פון זיין נאָז, וועלכער קוקט אויף דער פאָליטיק מיט

די אויגן פון זיין אייגענער „פּראַקטיק״ און לאַכט אויס אַלע „דאָק-טריניערן״ און איבערגעשפּיצטע „אינטעליגענטן״.

דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם אָבער איז די העכערע פאָרם פון די ביידע פּרימיטיווע זייטן פון דער באַוועגונג. ער דערזעט אין דער באַוועגונג דעם ציל, אין דער רעפאָרם — דעם מיטל; ער דערהויבט דעם אינסטינקט צום באַוואוסטזיין, דעם בלינדן צאָרן צו אַ ציל אָדער קלאַסנאַקציע; ער פירט אַ קאָמ-בינירטע פּאָליטיק פון היינט, וועלכע ברייינגט דעם זיגרייכן מאָרגן; ער באַשריינקט זיך גופא מיט זיינע לאָזונגען, כדי דערנענטערן זיך צו זיינע גרויסע צילן; ער מעסט און וועגט זיינע כחות, בכדי וואָס זיכערער ס׳זאָל זיין דער קלאַפּ, ער קוקט מיט אָפענע אויגן אויף דער זינדיקער ערד, בכדי זיך אויפ-צוהויבן וואָס העכער צום הימל.

דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם זאָגט זיך נישט אָפּ פונם קלאַסנקאַמף, צוליב זומפּיקע קלאַסנפשרות און נישט צוליבן בלוטיקן בירגערקריג; ער פאַרקויפט נישט זיין קלאַסנזעלבסט-שטענדיקייט נישט צוליב אַ טאָפּ לינזן פון דער בורזשואַזער רע-פאָרם און זאָגט זיך נישט אָפּ פון דער ריינקייט פון זיינע פּרינ-ציפּן צוליב אַ קאָמוניסטיש-טעלערל אין הימעל. ער איז לאָגיש-ניכטער און רעוואָלוציאָנער-פלאַמענד. ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון דעם ענדציל צוליב דער באַוועגונג, ווי ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון דער באַוועגונג צוליב דעם ענדציל — ער איז דער סינ-טעז פון אידעאַל און פּראַקטיק, פון רעפאָרם און רעוואָלוציע.

און ווייל ער איז אַ העכערע קאָמבינירטע פאָרם פון דער באַוועגונג, און ווייל ער איז אַ געמיש פון טעאָריע און פּראַקטיק, פון באַוואוסטזיין און אינסטינקט, איז ער נישט גלייך פאַרשטענד-לאַך פאַר די מאַסן, פאָדערט זיך צו אים אַ געוויסע צוגרייטונגס-אַרבעט, אַ נויטיקע אינטעליגענץ, אַ העכערע אַנטוויקלונגסשטופע. ווייל ער פאַרלייקנט די פלאַכקייט, באַזייטיקט די שמאָלקייט און איינזייטיקייט, ווייל ער איז העכער פון דער אַלטעגלאַכקייט, קאָן ער נישט אויסנעמען ביי די פלאַכע קעפּ. ס׳איז נויטיק, אַז די מאַסן זאָלן דורכמאַכן, דורכלעבן די פּרימיטיווע סטאַדיעס פון

דער באַוועגונג, ביז וואַנען זיי ווערן מסוגל צו באַגרייפן דעם
סאָציאַליזם אין זיין העכערער, סינטעטישער פאָרם.

דאָס איז די גרויסע טראַגעדיע פון אונזער צייט, וואָס
די כאַאָטישע ווירקלאַכקייט, וועלכע האָט זיך געשאַפן בעת און
נאָך דער מלחמה האָט זיך אויפגעהויבן העכער פונם באַוואוסט-
זיין, האָט אין אים גופא אַ כאַאָס אַריינגעטראָגן און דער מאַרק-
סיסטישער סאָציאַליזם איז זיך צופאַלן צוריק אויף זיינע צוויי
באַזונדערע, אָפגעריסענע טיילן: אויפן רעפאָרמיזם—אויף דער באַ-
וועגונג און אויפן קאָמוניזם—אויף דעם אַבסטראַקטן ציל. ביז וואַ-
נען דיביידע באַזונדערע טיילן וועלן נישט צוריק צונויפגע-
קניפט ווערן אין איין אייגהייטלאַך-גאַנצעס, ביז וואַנען די אַר-
בעטערמאַסן וועלן זיך נישט אויסלערנען צו דיינקען אין דער פאָ-
ליטיק דיאַלעקטיש, כל-זמן מען וועט נישט אויפהערן צו אָפע-
רירן אויפן מעטאַפיזישן שטייגער פון „אָדער—אָדער“ און מען
וועט זיך נישט אויסלערנען צו באַנעמען יעדע סאָציאַל-פּאָליטי-
שע דערשיינונג אין איר אַנטוויקלונגס-פּראָצעס,—וועט די אַר-
בעטערבאַוועגונג ווערן געריסן פון דידאָזיקע צוויי עקסטרעמע
זייטן, וועט דער ערפאָלג איבערגיין פון צייט צו צייט דאָ צו
איינעם, באַלד צום צווייטן עקסטרעם, וועט דער אַרבעטערקלאַס
נישט זיין בכוח צו אָנפירן אַ ציל־באַוואוסטע, פאַראייניקטע און
דורכגעטראַכטע קלאַסנפּאָליטיק.

אַזוי איז דאָס אין גאַנץ מערב-אייראָפּע. פון דערזעלבער
חולאת קריינקט אויך די אַרבעטערבאַוועגונג אין פּוילן.

איינער פון די גרונד-חטאים פון דעם היינטיקן

פאַרלאַמענט.

„קאָמוניזם“ איז, אָן ספק, זיין „אַלוועלטלאַכקייט“,
זיין איין און דיזעלבע אינטערנאַציאָנאַלע טאַקטיק, וועלכע ער
ווענדט-אָן בנוגע אַלע לענדער און מדינות—פון דער קאַפּיטאַליס-
טיש-אַנטוויקלטער ענגלאַנד, ביז דער אָפּגעשטאַנענסטער כינע-
זישער מלוכה. פאַר די היינטיקע „קאָמוניסטן“ שטעלט זיך די
גאַנצע וועלט פאָר, ווי איין ווייס ברעטל, אויף וועלכן עס לאָזט
זיך, דורך דיקטאַטור, אָנשרייבן אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.
די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע אומשטענדן—אַ ווייך ליים, פון

וועלכן מען קאָן אויסקנעטן, וואָס פאַר אַ סאָציאַלע פאָרמען מען וויל נאָר. זיי איגנאָרירן, זיי זיינען פּשוט מבטל די געגעבענע קאָנקרעטעווירקלאַכקייט, וועלכע שטעלט-פאָר מיט זיך דעם סכום פון באַזונדערע פאַזן פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און געשיכטלאַך-קולטורעלער אַנטוויקלונג, וואָס די פאַרשידענע לענדער האָבן דורכגעמאַכט.

דערביי באַגייען די „קאָמוניסטען" נאָך אַ גרויסן, אומפאַרציילאַכן פעלער. די פּאָליטישע געגנשטאַנדן ווערן דורך זיי באַהאַנדלט נאָר לויט זייער אויסערלאַכער, פאַר אַלע לענדער ענלאַכער פאָרם, און מאַכן פון דעם שוין אַ פאַלשן אויספיר אויך בנוגע דעם פאַרשידנאַרטיקן פיל-געצווייקטן און אינדיווידועל-טיפישן אינהאַלט פון די באַטראַכטע דערשיינונגען.

אַלס ביישפּיל וועלן מיר נעמען דעם פּאַרלאַמענטאַריזם. יעדער קאָמוניסטישער חדר-יונגל אַפילו ווייסט שוין היינט, אַז דער „פּאַרלאַמענטאַריזם" איז אַן אָפּגעלעבטע זאַך, איז מער נישט ווי אַ גינסטיק מיטל פאַר דער בורזשואַזיע צו פאַרשטאַרקן איר ממשלה, אַז די אַרבעטער קאָנען פון אים גאָרנישט דערוואַרטן און דאַרפן אים דערום אָן מחוקות אינגאַנצן פאַרוואַרפן. און דאָס ווערט געזאָגט און געפּריידיקט, נישט אין די לענדער, וואָס האָבן שוין דעם פּאַרלאַמענטאַריזם דורכגעמאַכט, וואו די פּאָליטישע דערפאַרונג האָט געבראַכט די באַאָבאַכטער צו די איבנדערמאָנטע באַשלוסן. דווקא דאָרטן, וואו עס האָט נאָך אַפילו מיטן פּאַרלאַמענטאַריזם נישט געשמעקט, דווקא אין די לענדער, וואו די מאַסן האָבן גאַנצע דורות געשמאַכט אונטערן יאָך פון אַבסאָלוטיסטישן דעספּאָטיזם, זיינען זיי געוועזן געבונדן דורך די אייזערנע צוואַנגען פון מיליטאַריסטישער דיקטאַטור,—דווקא דאָרטן פאַרוואַרפן די קאָמוניסטן אַמשאַרפסטן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, באַקעמפן אים אַמפיינטלאַכסטן.

און ראיות פאַר זיין שעדלאַכקייט און דעמאָראַליזאַציע שעפּן זיי פון דער פּראַקטיק פון די קאַפּיטאַליסטיש-אַנטוויקלטע מדינות, וואו דער פּאַרלאַמענטאַריזם האָט געבליט צענדליקער יאָרן, האָט נאָר כלומרשט די אַרבעטער דעמאָראַליזירט און זיי

האָבן פון אים גאָרנישט געגנ‌ב‌ן. אַלס מוסטער פון זיין שעדלאַכ־
קייט, ברייגנען זיי אין די דיסקוסיעס איינגלאַנד—דאָס קלאַסישע
לאַנד פון עכטן פאַרלאַמענטאַריזם. דאָרטן, טענהן זיי, באַנוצן זיך
די אַרבעטער שוין צענדליקער יאָרן מיט דעם פאַרלאַמענטאַריזם,
האָבן געהאַט פולע פּאָליטישע רעכט. און וואָס האָט ער זיי גע־
געבן? צי איז דאָרט די בורזשואַזע ממשלה נישט פעסטער ווי
אומעטום? און פון דעם מאַכן זיי אַ כּלל, אַז יעדער פאַרלאַ־
מענטאַריזם איז נישט מער ווי אַ מיטל אין די הענט פון דער
בורזשואַזיע צו פאַרשטאַרקן איר מאַכט, איז מער נישט ווי אַ
וועדקצייג פאַר איר דיקטאַטור.

אָבער די גאַנצע שטעלונג פון דער פראַגע איז דורכאויס
פאַלש, און די קאָנסטאַטירטע פאַקטן שטימען לחלוטין נישט מיט
דער ווירקלאַכקייט.

דידאָזיקע שטעלונג איז פאַלש מיט דעם, וואָס זי פאַראַל־
געמיינערט דעם באַגריף „פאַרלאַמענטאַריזם”, מאַכט פון אים אַן
אַלגעמיין, איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסט־אָוועקגעשטעלטע דער־
שיינונג, גילטיק פאַר אַלע לענדער און אַלע עפּאָכן. אינדער־
אמתן אָבער איז דער פאַרלאַמענטאַריזם מער נישט ווי אַן אוי־
סערלאַכע פאָרם, אין וועלכע די געשיכטלאַכע אַנטוויקלונג לייגט
אַריין קאָנקרעטע אינהאַלטן, פאַרשידן לויטן אָרט און צייט.

די קאָנסטאַטירטע פאַקטן זיינען נישט ריכטיק, ווייל דוקא
דאָס קלאַסישע לאַנד פון פאַרלאַמענטאַריזם—איינגלאַנד, באַווייזט
אונז, אַז דער פאַרלאַמענט קאָן ווערן, ביי געוויסע באַדינגונגען־
אַן אָרגאַנע פון שטאַרקע סאָציאַלע קאַמפן און קאָן אויך אויסגע־
נוצט ווערן דורך דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ מיטל פון זיין סאָ־
ציאַלער באַפרייונג. איינגלאַנד איז דאָס מוסטערלאַנד אין איירא־
פּע, וואָס גיסט אַריין שטענדיק נייעם ווין אין די אַלטע האָגלען.
דער פאַרלאַמענטאַריזם אין איינגלאַנד האָט דורכגעמאַכט פאַרשי־
דענע סטאַדיעס, און ריידן וועגן איינאיינציקן אינהאַלט זיינעם
קאָנען נאָר מענטשן, וועמען ס'איז אינגאַנצן פרעמד די איינג־
לישע געשיכטע.

גאַנצע אָנדערטאַלבן הונדערט יאָר איז דאָרט דער פאַר־

לאַמענט געווען אַ געווער פאַר דער דיקטאַטור פון דער ערד-
און פינאַנציעל-אַריסטאָקראַטיע געגן דער גרויס-אינדוסטריעלער,
מיטעלער און קליינער בורזשואַזיע און געגן די אַרבעטערמאַסן.
די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך באַפעסטיקט דורך אַלטע זכיות און
באַשריינקטע וואַלרעכט. די ערשטע העלפט פון דעם 19 יאָרהונ-
דערט איז דורכגעפולט מיטן קאַמף פון דער רעכטלאָזער בורזשו-
אַזיע געגן דעם אַריסטאָקראַטישן פאַרלאַמענט, און די אָרגאַניזיר-
טע אַרבעטערשאַפט ווערט אויך אַריינגעצויגן אין דעמדאָזיקן קאַמף.
די ראַדיקאַלע בורזשואַזיע פאַרשפרעכט די אַרבעטער דורכצו-
פירן אַגראַר-רעפאָרמען, ציט זיי אַריין אין קאַמף געגן דעם אָפּ-
צאָל אויף די תבואות, פאַר פרייען האַנדל און ביליקע לעבנס-
מיטלען.

פון 1846 האַלט די בורזשואַזיע, ענדלאַך, אָפּ איר נצחון אי-
בער דער אַריסטאָקראַטיע, און דער פאַרלאַמענט ווערט ווידער
ביי איר אַ מיטל פאַר איר דיקטאַטור. זי שטעלט דורך אים איין
אין איינגלאַנד ריינע בורזשואַזע פאָרמען, פירט-איין דעם פרייען
האַנדל און האָט די גאַנצע איבערהערשאַפט אין דער מלוכה.
אָבער דאָס ציגל פון וואָגשאָל צווישן די ביידע שטרייטנדיקע
קלאַסן—צווישן דער ערד- און פינאַנץ-אַריסטאָקראַטיע און צווישן
דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע- בילדעט די אויבערשטע אָר-
גאַניזירטע שיכטן פון די אַרבעטערמאַסן, און כדי זיי צו געווינען
אויף זייער זייט, באַמיט זיך יעדער צד דורכצופירן פאַר זיי
רעפאָרמען אויפן חשבון פון צווייטנס קעשענע. צוליבן דאָזיקן
געראַנגל צווישן די וויגי און טאָרי (קאָנסערוואַטיוון און ליבע-
ראַלן) האָבן די איינגלישע אַרבעטער באַקומען אַ געזעצלאַך-רע-
גולירטן 10-שעהדיקן אַרבעטסטאָג און אַנדערע סאָציאַלע רעפאָר-
מען אין דער פאַבריקאינדוסטריע.

אָבער צו יענער צייט איז נאָך די אָרגאַניזירטע אַרבע-
טערשאַפט אַליין באַשטאַנען פון אַ מין אויבערשטער אַריסטאָ-
קראַטיע, פון קוואַליפיצירטע מיוחסים, דורכגעדרונגען מיט באַ-
שריינקטע צעכנבליקן אויף דער אַרבעטערבאַוועגונג און אירע
אויפגאַבן. דערום איז דידאָזיקע אַרבעטערשאַפט נישט אַרויסגע-

טרעטן אַלס אָרגאַניזירטע דריטע קראַפט אין לאַנד זעלבשטענדיק. האָט נישט געבילדעט קיין אייגענע פּאָליטישע אַרבעטערפּאַרטיי. זי האָט נאָר אונטערגעהאַלטן און געשטיצט די-יעניקע פּאַרטיי, וואָס האָט בעת די וואַלן די אַרבעטער געגעבן מער הבטחות, האָט גענומען אויף זיך דורכצופירן די אַרבעטערפאָדערונגען. מערסטנטייל זיינען דאָס געווען די „ליבעראַלן", וואָס האָבן די אַרבעטער געהאַט פאַר זיך און האָבן אין זייערע רייען געהאַט אויך פיל אַרבעטערטוער.

די „ראַדיקאַלע" בורזשואַזיע אָבער האָט די אַרבעטער געקאָנט נאָכגעבן און באַקומען זייערע שטימען נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל אויף זיי האָט זיך געגאָסן אַ גאָלדענער רעגן דורך דער אומבאַשריינקטער הערשאַפט פון איינגלאַנד אויפן וועלט-מאַרק, און אויף וויפיל זי האָט געהאַט צו טאָן מיט דער אַריסטאָקראַטיע פונם פּראָלעטאַריאַט. די לאַגע ענדערט זיך ראַדיקאַל אין די 90-טע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. די איינגלישע בורזשואַזיע הערט-אויף צו זיין די בת-יחידה אויפן מאַרק, די אַמעריקאַנער און הויפּטזעכלאַך די דייטשע קאָנקורענץ שטעלט זיך איר אַוועק ווי אַ ביין אין האַלז. אירע פּראָפיטן ווערן צוליב דעם פאַרקלענערט. עס אָרגאַניזירן זיך אויך אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען די נידריקסטע שיכטן פונם אַרבעטערקלאַס, די כינעזישע וואַנט אין די אַלטע טרעד-יוניאָנען ווערט געבראָכן און עס האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן די ברייטסטע שיכטן פון די אַרבעטערמאַסן. דער קלאַסנקאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע פלאַקערט זיך פאַנאַנדער שוין פון דרויסן. עס בילדעט זיך אַ זעלבשטענדיקע „אומאָפּהייגיקע אַרבעטערפּאַרטיי", וועלכע שטעלט-אַרויס אייגענע קאַנדידאַטורן צו די פּאַרלאַמענטס-וואַלן און בילדעט דאָרט אַ זעלבשטענדיקע פראַקציע.

פון יענער צייט אָן הערט שוין אויף דער פּאַרלאַמענט צו זיין אַן אָרגאַן פון בורזשואַזער דיקטאַטור און פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אַרענע פון קלאַסנקאַמף. די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט ווייזט זיך אַרויס אַלס מעכטיקע קראַפט אין דער מלוכה, אָן איר הסכמה איז די לעצטע נישט בכוח דורכצופירן קיין זיין

וויכטיקן באַשלוס, אונטערצונעמען קיין איין באַדייטנדיקן אַקט. און, לויט דער אַלטער טראַדיציע אין איינגלאַנד, ווערן די סאָציאַלע קאָנפליקטן געלעזט אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן אופן, די הערשנדיקע קלאַסן גייען-איין אויף אַ פּשרה און גיבן-נאָך די פאָדערונגען פונם אַרבעטערקלאַס, בעת זיי ווערן דרינגענד און דראָען מיט מער ערנסטע פאָלגן.

אַמבולטסטן כאַראַקטעריזירן דידאָזיקע פּאָליטיק די לעצטע כסוכים אין דער קוילנאינדוסטריע און ביי די אייזנבאַנער. די אַרבעטער פון יענע אינדוסטריעצווייגן האָבן געפאָדערט אַ זעקסשעהדיקן אַרבעטסטאָג און נאַציאָנאַליזירן די אונטערנעמונגען. די פּאַרלאַמענטסקאָמיסיע האָט מסכים געווען מיט דער נויטיקייט פון אַזעלכע טריט, האָט דערווייל פאָרגעלעגט אַ 7-שעהדיקן אַרבעטסטאָג, און לעגט-פאָר פון יאָר 1921 די דערמאָנטע אינדוסטריעצווייגן צו נאַציאָנאַליזירן. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז נישט דערפאַר, וואָס די איינגלישע בורזשואַזיע ווערט דורכגעדרונגען מיטן סאָציאַליזם, נאָר ווייל זי איז געצוואונגען, אונטערן דרוק פון די גרויסע סאָציאַלע קאַמפן אַלץ גיין אויף גרעסערע פּשרות בנוגע דעם אַרבעטערקלאַס. דידאָזיקע קאָנפליקטן אָבער האָבן שוין אַזאַ טבע, וואָס זיי לאָזן זיך נישט באַפרידיקן מיט פּשרות, זיי קאָנען נישט אויסגעלאָשן ווערן דורך די בורזשואַזע הנחות, און דערום קאָן אין איינגלאַנד דערגיין צו אַזאַ מצב, ווען דער פּאַרלאַמענט וועט ווערן אַן אָרגאַן פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור געגן דער בורזשואַזיע און אירע פּרינציפּן פון פּריוואַטאייגנטום.

אין דעם זין האָט דאָס מאַרקס אַמאָל געשריבן, אַז ער שטעלט זיך פאָר די מעגלאַכקייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער (מאַרקס האָט דאָרט אויך האָלאַנד אַריינגערעכנט) אָן אַ בלוטיקער איבערקערעניש. די גרויסע אַרבעטערמאַסן פון איינגלאַנד מיט די שיכטן, וואָס גייען נאָך זיי, קאָנען אין דעם אַלטן אויסגעפּרובטן פּאַרלאַמענטאַריזם אַריינגיסן אַ נייעם אינהאַלט פון דער סאָציאַלערעוואָלוציע.

ס'איז אויך נישט ריכטיק די באַהויפּטונג, אַז דער פּאַרלאַ-

מענטאַריזם ברײנגט דוקא צום קרעטיניזם, מוז ברײנגען זײנע אָנהײנגער צו באַגרענצן זיך נאָר מיט פּאַרלאַמענטאַרישע אַקציעס, אויסמײדנדיק די מאַסן און דעם גאַסנקאַמף. אויך אין דער הינ־זיכט לײקנט דאָס די ענגלישע פּראַקטיק אָפּ. אין דער געשיכ־טע פון אײנגלישן פּאַרלאַמענט געפינען מיר זײער פיל דערצײ־לונגען וועגן דעם, ווי בעת דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט זײנען נישט געווען צופרידן מיט דעם אָדער יענעם באַשלוס, אָדער כדי אויסצואיבן אַ דרוק אויפן „הויכן הויז“, פלעגן די פירער פון פאַרשידענע פּאַרטײען אַראָפּוואַרפן פון זיך זײערע פּאַרוקן, אַוועק־לײגן אַלע צערעמאָניעס און ווענדן זיך צום פאָלק, רופן אים אין גאַס, צום פּראָטעסט, צום קאַמף. נישט לאַנג נאָך, אין יאָר 1912, בעת די אַריסטאָקראַטן פון אולסטער זײנען נישט געווען צופרידן מיטן באַשלוס וועגן אירלאַנד, האָט לאָרד קערזאָן אָר־גאַניזירט אַ פאָרמעלן אויפשטאַנד, איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ באַ־וואָפנטער מחנה געגן פּאַרלאַמענט. נישט שטענדיק, הײסט דאָס, פירט דער פּאַרלאַמענטאַריזם צום אָפּזאָגן זיך פון אַנדערע קאַמפס־מיטלען.

אמת, מיר קאָנען זײן נישט צופרידן מיט די אָדער יענע פאָרמען פון די ספּעציפישע זײטן פון דער אײנגלישער פּאַרלאַ־מענטאַרישער פּראַקטיק, אַזוי ווי אונז געפעלט נישט פילעס אין דער אַרבעט פון די אײנגלישע אָדער אמעריקאַנישע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַרײנען. אָבער מיר קאָנען דאָך אויף דעם סמך נישט אַוועקפּטרן דעם גאַנצן פּאַרלאַמענטאַריזם, אַזוי ווי מיר זאָגן זיך נישט אָפּ בכלל פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אַלץ אויף זײן אָרט און צו זײן צײט. אין דער איצטי־קער צײט פון סאָציאַלע איבערקערענישן און דויערהאַפטע פּראָ־לעטאַרישע רעוואָלוציעס קאָנען די פּאַרלאַמענטן, באַזונדערס אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווערן אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָניזירנ־דיקער פאַקטאָר, אַ העפטיקע קאַמפּסאַרענע צווישן דער בורזשואַ־זיע און פּראָלעטאַריאַט. און אויב די פּראַקטיק באַווײזט אונז, אַז דאָס געשיט דערווײל נישט אַזוי, למשל, אין דײטשלאַנד, אָדער בײ אונז אין פּוילן, איז נישט דער פּאַרלאַמענטאַריזם שול־

דיק דערין, נאָר די שולד פאַלט אויף די שיידעמאַנער, וואָס האַלטן זיך ביי זייער איינגעבילדעטער צוזאַמענאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע, אָדער אויף די „פראַקעס," וועלכע טרייבן אַ נישט-סאָציאַליסטישע פשרהפּאָליטיק אין סיים.

צו גלייכער צייט אָבער פאַלט אויך אַ גרויסע שולד אויף יעניקע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אייגנהענטיק באַזייטיקט פון דערדאָזיקער אַרענע, האָבן זיך פאַררוקט אין די לעכער און ווייסן נאָר צו זידלען דעם פאַרלאַמענטאַריזם.

טאָגלאָזונגען.

אַזוי איז עס שוין. יעדע געענדערטע פּאָליטישע סיטואַציע, יעדער איבערברוך אין דער פּאָליטישער שטימונג, יעדער נייער פּעריאָד, אין וועלכן דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד טרעט אַריין, ברייינגט מיט זיך אויך אַן איבערברוך אין דער סאָצ.-דעמאָקראַטישער טאַקטיק, איז גורם אַ קריזיס אין איר איינגעשטעלטער אַרבעט; אירע פעסטע, גאַנגבאַרסטע מעטאָדן פאַרלירן מיט אַמאָל זייער ווערט, און ס'שטעלט זיך פאַר איר אומפאַרמיידלאַך אַוועק די האַרבע און דרינגנדיקע פראַגע: וואָס זאָל מען איצט טון? ווי אַזוי זאָל מען אַרבעטן?

און ס'איז קיין חידוש נישט. די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע טראָגט נישט מיט זיך מיט אין איר טאַש פאַרטיקע רעצעפּטן, וועלכע זאָלן זיין גילטיק פאַר אַלע חולאתן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און פאַר אַלע צייטן; איר טאַקטיק איז דיקטירט און איינג פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן אָרט און צייט, אירע אַרבעטסמעטאָדן זיינען אונטערגעוואָרפן און אָפּהייגניק פון די געענדערטע און נייע אַנטשטאַנענע כּוחות-פאַרהעלטנישן צווישן די קעמפנדיקע קלאַסן. דאַרום קאָן זי נישט בלייבן פאַרגליווערט ביי איין אופן פון אַרבעט, טאָר זיך נישט האַלטן מיט עקשנות ביי די פאַרעלטערטע מעטאָדן, איר טאַקטיק ענדערט און בייט זיך תּמיד לויט די געענדערטע באַדינגונגען און נייע פאַזן פון פּאָליטישן לעבן.

אויך פאַר אונז אין פּוילן שטייט היינט צו טאָג אַ האַרבע שאלה, וועלכע פאָדערט דרינגענד אַ באַלדיקן ענטפער: וואָס זאָל מען טאָן? מיט וואָס פאַר אַ פּאָליטישן אינהאַלט זאָל מען אָנפילן

די טאָגטעגלאַכע אַרבעט? אונטער וועלכע קאַמפּסלאָזונגען זאָל מען פירן די אַרבעטערמאַסן.

די אָפּשאַצונג פון דער געשאַפענער סיטואַציע רופט שוין כמעט נישט אַרויס קיין מיינונגספאַרשידנהייטן אין מאַרקסיסטן. רייען. מיר לעבן איבער אַ פּעריאָד פון שאַרפער פּאָליטישער און סאָציאַלער רעאַקציע, די קאַמפּספעהיקייט פון פּראָלעטאַריאַט איז באַדייטנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מיט דעמדאָזיקן דיאַגנאָז זייַגען אַלע מסכים. צי דאָס איז אַ לאַנגדויערנדיקער קריזיס, אָדער נאָר אַ צייטווייליקער קאַמפּסשטילשטאַנד—דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. דער פאַקט גופא אָבער ווערט נישט און קאָן נישט ווערן אָפּגעלייקנט פון די אַלע, וואָס לעבן אין דער וועלט פון רעאַלע דערשיינונגען און טראָגן זיך נישט אַרום מיט קיין פּאָליטישע פאַנטאָמען.

איך בין איצט דורכאויס נישט אויסן אַרייַנצולאָזן זיך אין אַ דיסקוסיע, צי דידאָזיקע געשאַפענע סיטואַציע שטעלטווירקלאַך פאָר מיט זיך אַ נייעם פּעריאָד פון פּאָליטישן לעבן ביי אונז אין לאַנד, צי עס זייַנען טאַקי ביי אונז לעצטנס אין אמתן פאָרגעקומען אַזעלכע ענדערונגען אין דער סאָציאַלפּאָליטישער סטרוקטור, וואָס זאָלן האָבן מיט זיך געבראַכט אויך אַ שאַרפע ענדערונג אין די כוחות-פאַרהעלטנישן צווישן פּראָלעטאַריאַט און די הערשנדיקע קלאַסן; אָדער די איצטיקע לאַגע איז אַ המשך פון יענער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין פוילן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק פון ערשטן טאָג אָן פון איר זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ. מער נישט, מען האָט דעמאָלט פאַלש אָפּגעשאַצט דעם מאָמענט, מען האָט איבערגעשאַצט די כוחות, מען האָט נישט דערשאַצט דעם געגנער.

נישט דאָס איז איצט דער עיקר. יעדנפאַלס האָט זיך די לאַגע פון יענער צייט אָן אַזויפיל געענדערט, אַז זי איז געוואָרן קלאָרער, שאַרפער, אָנטאַפּנדיקער. דאָס נייעס פון איצטיקן פּעריאָד באַשטייט אין דעם, וואָס ס'איז דאָך פאָרגעקומען אַ באַשייַנפערלאַכער איבערברוך אין דער שטימונג פון די מאַסן און די פירער.

אין זייערע רייען זיינען אַלע שוין איצט מודה, אַז מען קאָן נישט לעת-עתה אָרגאַניזירן קיין מאַסן-אַקציע פאַר דער אוממיטלבאַרער פאַרווירקלאַכונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אַז די פראַגע פון פאַרכאַפּן די מאַכט אין מעכאַניש-פיזישן זין פון וואָרט קאָן נישט ווערן אַרויסגעשטעלט אַלס אַ טאָגלאָזונג פאַרן נאָנטסטן פעריאָד, אַז דער אַנטשיידענער מאָמענט פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש ווערט אָפּגערוקט אויף אַ געוויסער צייט.

וואָס-זשע זאָל מען דערווייל טאָן? און וואָס דאַרף זיך אויסדריקן די אַרבעט ביז יענער צייט?

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ענטפערן אויף דעם אַזוי: מיר מוזן איבערוואַרטן דעם שטילשטאַנד. מיר מוזן, ווי די דייטשן פלעגן זיך אויסדריקן, דורכהאַלטן, ביז דער איצטיקער פּאַסיווער פעריאָד וועט פאָראיבער און די מאַסן וועלן ווידער ווערן מסוגל צום אַקטיוון קאַמף פאַר זייער איין און אייניקן ציל. טיילווייזע לאָזונגען, קאַמף פאַר „קליינע רעפאָרמען” זיינען נישט פאַר אונז, זיי זיינען סותר אונזער רעוואָלוציאָנערן מהות, אונזערע בליקן אויף די אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט אין איצטיקן מאָמענט. פאַרפאַלן. מיר מוזן פירן אונזער באַשיידענע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע לויט די איצטיקע ג[illegible]קייטן און באַדינגונגען. קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר נישט.

צי קאָן אַזאַ ענטפער באַפרידיקן אַ לעבעדיקע און לעבנסלוסטיקע פּאָליטישע פּאַרטיי? אין אַ געשפּרעך מיט מיר וועגן דער וועלטסיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך דער מלחמה, האָט איינער פון די היינטמאָדישע פּאָליטישע אימפּרעסיאָניסטן מיט האַרץ זיך אַזוי אויסגעדריקט: „ווי? נאָך אַזויפיל בלוטפאַרגיסן, נאָך אַזוי פיל ליידן און יסורים, וואָס די מענשהייט האָט אויסגעשטאַנען, זאָל מען זיך איצט צוריק אומקערן אין פּאַרלאַמענטן, צו קליינלאַכער אַרבעט? בעסער שוין אַ שטריק אויפן האַלז!”
די חברים, וועלכע גיבן אונז דעם אויבנגעבראַכטן ענטפער, לייגן אַפילו נישט פאָר אַזאַ העראָאיש-ראַדיקאַלן מיטל, ווי דער מאָדערניסטישער עקסטרעמיסט, אָבער דער פּועל-יוצא פון זייער

עצה וואָלט דאָ אויך געפירט צו אַן ענלאַכן אויסוועג,—צו זעלבסטמאָרד.

דען ס'איז אַ פשוטער זעלבסטמאָרד פאַר אַ פּאָליטישער פּאַרטיי אָפּצוזאָגן זיך אויף אַ צייט פון פּאָליטישער טעטי־קייט, נישט באַטייליקן זיך אַקטיוו אין די פּאָליטישע געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין לאַנד, זיצן ביים ים און וואַרטן אויף אַ גינסטיקן וועטער. אַ לעבעדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי קאָן זיך נישט אָפּרוקן אין אַ זייט פון לעבן, פון די באַדערפנישן און נויטן פון די מאַסן, פון זייערע ליידנשאַפטן און טאָגטעגלאַכע פּאָדערונגען און נאָר יוצא זיין מיט אַ יהי־רצון. די מאַסן וועלן דעמאָלט איינגאַנצן זיך אַרויסמאַכן פון איר ווירקונג און וועלן זיך לאָזן גיין נאָך אַנדערע פירער און וועגווייזער. די פּאַרטיי וועט דע־מאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טויטע סעקטע, אָן קראַפט און לעבנסזאַפט.

אַוודאי איז דער לעצטער און אַנטשיידענער אַקט פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש אַ זיכערע און אומפאַרמייד־לאַכע דערשיינונג. זיכער ווי די וועקסלונג פון די צייטן, אומ־פאַרמיידלאַך, ווי דער זומער, וואָס קומט אָן נאָכן ווינטער. אָבער צי דען קאָן מען זיך דערלויבן צוליב דער זיכערקייט אין אָנ־קומענדיקן זומער שוין אין קאַלטן ווינטער אַרומשפּאַצירן אין לייכטע מלבושים? אָבער אַז עס קומט־אָן דער ווינטער, פאַר־קלייבט ער זיך אין זיין בערנלאָך און זויגט דאָרט רוהיק זיינע לאַפּעס. אַ פּאָליטישע פּאַרטיי קאָן זיך אין אַ שלעכטער צייט אין קיין לאָך נישט פאַררוקן, און אָפּוואַרטן ביז וואַנען ס'וועט אָנקו־מען די עכטע, די „אמתע" רעוואָלוציע. „עס איז לחלוטין נישטאָ אויף דער וועלט, האָט מאַרקס זיך אַמאָל אויסגעדריקט, קיין „אמתע" רעוואָלוציע. יעדע רעוואָלוציע איז פּאַסיוו"! דאָס מיינט צו זאָגען, אַז דעם אינהאַלט פון אַ רעוואָלוציע פילן אויס די לע־בעדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען מיט זייער קאָנקרעטער אַרבעט, מיט זייער מאַסיוון אָרגאַניזאַציעמאַטעריאַל, מיט די גרויסע און אַקטיווע מאַסן, וואָס ווערן אין איר אַריינגעצויגן.

און אַריינגעצויגן קאָנען די מאַסן ווערן דוקא אויפן באָדן

פון זייערע דירעקטע, נאָנטע און טאָגטעגלאַך באַגרייפלאַכע באַדערפנישן. פאַר די סאָציאַלדעמאָקראַטן עקזיסטירט לגמרי נישט די צוטיילונג אויף „גרויסע", „רעוואָלוציאָנערע" און „קליינלאַכע" „טיילווייזע" לאָזונגען. ווייל זיי רייסן קיינמאָל נישט אָפּ די געגנוואַרטסאַרבעט פון ענדציל. יעדער טיילווייזער לאָזונג ווערט ביי זיי פאַרבונדן און באַלויכטן מיט דעם אַנטגילטיקן אידעאַל—מיט דער סאָציאַליסטישער מלוכה.

אין דער פּאָליטישער טאַקטיק פאַרבלייבן זיי טריי די פּרינציפּן, ביי וועלכע עס האָבן זיך געהאַלטן די „קאָמוניסטן" פון דער עפּאָכע פון מאַרקס און ענגעלס (מען דאַרף זיי נישט צונויפמישן מיט די היינטיקע „מלחמהקאָמוניסטן"). „די קאָמוניסטן, שרייבן די מחברים פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", קעמפן אין נאָמען פון די נאָנטסטע צילן און אינטערעסן פון אַרבעטערקלאַס און אין דערזעלבער צייט שטעלן זיי מיט זיך פאָר אין איצטיקן מאָמענט דאָס צוקונפטיקע פון דער באַוועגונג".

אין יענע רייען האָבן, דוכט זיך, שוין אַלע זיך אויסגעהיילט פון „דער קינדערשער קראַנקהייט", וואָס ס'האָט זיך אויסגעדריקט אין באָיקאָטירן דעם פאַרלאַמענטאַריזם. אַלע זיינען שוין איצט מודה, אַז די יודישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע מוז זיך אין דער נאָנטסטער צוקונפט באַטייליקן אין די באַפאָרשטייענדיקע סיים-וואַלן. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע און פאַראַנטוואָרטלאַכע פּאָליטישע אַרבעט, צו וועלכער מען מוז זיך שוין גרייטן, שאַפן אַנטשפּרעכנדיקע אַפּאַראַטן, באַאַרבעטן די מאַסן.

אָבער דער אָפּזאָג פון באָיקאָטיזם דרינגט שוין פון זיך אַליין אַרויס די ווייטערדיקע אויספירונגסליניעס אין אונזער טאַקטיק. קוים האַלטן מיר, אַז די ברייטע אַרבעטערמאַסן האָבן נאָך דערווייל פון זיך נישט אָפּגעטרייסלט די פאַרשידענע אילוזיעס, אַז דער גלויבן אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכהפאָרמען איז נאָך ביי זיי גענוג שטאַרק, קאָנען מיר דידאָזיקע אילוזיעס נישט צושטערן בלויז דאַדורך, וואָס מיר וועלן אַריינטרעטן אין סיים און דאָרטן פּראָקלאַמירן אונזער סאָציאַליסטישן אידעאַל. מיטן אָפּזאָגן דעם פסוק אַליין וועלן מיר דאָ גאָרנישט מאַכן. מען וועט דאָך

מען וועט דאָך מוזן אין יעדער פראַגע, ביי יעדן ענין, אין אַלע וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן געגנשטעלן דעם סאָציאַליסטישן שטאַנדפונקט געגן דעם בורזשואַזען; מען מוז תמיד העלפן די מאַסען זיי זאָלן וואָס גיכער אויסלעבן די דערוואָרבענע אילוזיעס און זיך דורכדרינגען מיט דער אומפאַרמיידליכער נויטווענדיקייט פון אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון אַלע מלוכה-פאָרמען.

דאָס אָבער קאָן נישט אָבגעלייגט ווערן נאָר פאַר דער פאַרלאַמענטאַרישער טריבונע. צוליב דיזעלבע טעמים מוז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויסנוצן יעדן באַדייטענדן סכסוך צווישן פאַרשידענע סאָציאַלע גרופן, יעדן צוזאַמענשטויס צווישן דעם ראַדיקאַלן קליינבירגערטום און פריציש-פלוטאָקראַטישער רעאַקציע און אַקטיוו זיך באַטייליגן אין אַלע פּאָליטישע קאָנפליקטן. צווישן דעם אַנטגילטיגן אַקט פון מאַכט-באַהערשונג און איצטיקע „קליינליכע" סאָציאַל-פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן ליגט נישט קיין פוסטער אָרט. זיי זיינען נישט אָפגעטיילט צווישן זיך מיט אַ גראָבן, ווי עס קאָן זיך אַנדערע אויסדרוכטן. אדרבא, יעדער ווייטערדיקער טריט אויף דעם וועג פון איינצעלנע עראָבערונגען דערנענטערט אַלץ צו דעם אַנטגילטיקן ציל, יעדער „טיילווייזער" זיג מאַכט לייכטער און שנעלער דעם לעצטן און אַנטשיידענעם נצחון.

אויף פאַרשידענע אופנים ווערט ביי אונז אין לאַנד געבויט די פראָלעטאַרישע טאַקטיק. די ריין רעפאָרמיסטישע פּ. פּ. ס. האָט אַ טבע אָפצורייסן אַלע איינצעלנע טיילווייזע לאָזונגען פון זייער וואָרצל, זיי צו פאַרפלאַכן און זיי מיט אַ גראָער וואָכעדיקייט באַפאַרבן. אונזערע היימישע „קאָמוניסטן" ווידער בליצן בלויז מיט ראַקעטן. זיי באַווייזן זיך נאָר אין יום-טובים פון דער אַרבעטער באַוועגונג, שיסן מיט קאָלירטער פייערווערק. מען זעט זיי אָבער אינגאַנצן נישט אינדערוואָכן פון פּאָליטישער אַרבעט. זיי באַלויכטן נישט דעם טאָג-טעגליכן האָריזאָנט פון פראָלעטאַרישן קאַמף.

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע קאָן נישט גיין מיט די ביידע אָנגעצייכנטע וועגן. זי קאָן נישט איבערלאָזן דעם פראָלעטאַריאַט מיט זיינע „קליינע" זאָרגן אוןליידן, זי קאָן זיך צו אים נישט

סאָציאָלאָגישע עטיודן.

באַווייזן נאָר פון יום-טוב צו יום-טוב. אַן אָרגאַנישער טייל פון פּראָלעטאַריאַט, איז זי איינג צונויפגעבונדן מיט אַלע זיינע באַדערפעניש, לעבט זי מיט אַלע זיינע „וואָכעדיקע" ליידן און פריידן. מער נישט, אין גראָקייט פון דער וואָך טראָגט זי אַריין דעם ליכטיקן שיין פון סאָציאַליסטישן יום-טוב, די פלאַכקייט פון טאָג פאַרטיפט זי מיט די גרויסע אויפגאַבען פון דער צוקונפט.

טראָגנדיג דעם יום-טוב אין אונזערע נשמות, זאָלן מיר זיך נישט שרעקן פאַר וואָכעדיקע אַרבעט, אויפגעשטראַלט פון נר-תמיד, וואָס לייכט אונז פון סאָציאַליסטישן אידעאַל, זאָלן מיר זיך אַראָבלאָזן אין די פינסטערע טיפענישן פון די ברייטע מאַסן, בכדי זיי דאָרט געדולדיק און מאַסיוו אָרגאַניזירן צו אַ שטענדיקער אַקטיוויטעט, צום פּאָליטישן לעבן און צו די גרויסע אויפגאַבן, וואָס וואַרטן אויף זיי.

די אייראָפּייאישע בורזשואַזע פּרעסע ווייסט גאָרנישט וויי זיך אָפּצולויבן פון דעם באַשלוס פון דער קאָמיסיע פאַר אַרבעטערשוץ אויף דער פרידנסקאָנפערענץ אין פּאַריז. זי זעט אין דעם אַיין דעם העכסטן אויסדרוק פון יושר און מענטשלאַכקייט, וועלכע זיינען נאָר מעגלאַך אין אונזער הייניטיקער הומאַניטאַרער און אויפגעקלערטער צייט פון ציוויליזאַציע און קולטור, און מיט אָנגעבלאָזענע מליצה-פראַזן צושמירט זי דאָס אַלץ דעם אידעאַלסטן און העכסטן אויפטו פון דער מענטשהייט.

אַרבעטערשוץ.

אָבער נישט די בורזשואַזע פּרעסע אַליין האַנדלט אַזוי. אויך דער געוועזענער פּאַרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישן ביוראָ און איצטיקער בעלגישער מיניסטער וואַנדערוועלד איז געקומען אין גרויס התפעלות פון דעם לעצטן באַשלוס און זעט אַיין אין דעם אַ מיטל אויף צו לעזן דאָס קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פּראָבלעם. ער איז מודה, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשוץ, וועלכע די קאָמיסיע לייגט-פאָר איינצופירן, איז נאָך דערווייל נאָר אַן איבערגאַנג פון בעלעבאַטישן אַבסאָליוטיזם אין דער אַרבעט.

נישט קוקנדיק אויף די הויכע קלינגנדיקע פראַזען „אַז קיין

ב. מיכאַלעוויטש.

שום אַרבעט פון אַ מענטש'לאַך ווען איז נישט קיין סחורה און מיט איר קאָן נישט געטריבן ווערן קיין האַנדל", ווערט דאָך דאָס היינטיקע לוין-סיסטעם נישט אָפּגעשאַפט און די אַרבעטער וועלן נאָך אויך אויף ווייטער מוזן פאַרדינגען זייער אַרבעטסקראַפט און די אַרבעטסגעבער וועלן פון איר ציען פּראָפיט און מיט איר האַנדל טרייבן.

אָבער וואַנדערוועלד מיינט, אַז דאָס איז דער איינציק ריכטיקער מעטאָד צו לעזן די סאָציאַלע פראַגע און ער שטעלט דידאָזיקע רעפאָרמיסטישע אַרבעט אַנטקעגן דעם רעוואָלוציאָנערן אופן פון אַנדערע סאָציאַליסטן.

לאָמיר זיך נאָר צוקוקן צו דער גאַנצע מעשה קאַלטבלוטיק און פּרובירן אויפדעקן דעם אמתן תוך פון דער דערמאָנטער ערשיינונג און דיווירקלאַכע טרייבקראַפט, וועלכע האָט באַוואויגן אונזערע אייראָפּייאישע מלוכהלייט אָנצונעמען דידאָזיקע טריט.

ווירקלאַך, נישט פון שטענדיק אָן האָבן „יושר" און „שׂכל" אונטערגעזאָגט די אַרבעטס-געבער, זייערע מלוכה-לייט און זייערע אידעאָלאָגן די נויטיקייט פון אַרבעטערשוץ. פאַרקערט, אין ערשטן פעריאָד פון קאַפּיטאַליסטישער גרויסווירטשאַפט האָבן די פאַבריקאַנטן געטריבן אַן אמתן שקלאַפן-האַנדל מיט דער אַרבעטסקראַפט נישט נאָר פון גרויסע און געזונטע מאַנסלייט זיי פלעגן פּשוט אָפּקויפן קליינע קינדער פון די פילאַנטראָפּישע קינדערהייזער, פלעגן צו די שענדלאַכסטע אַרבעטן אַוועקשטעלן די צאַרטסטע און שוואַכסטע פרויען, פלעגן דעם אַרבעטסטאָג דערפירן ביז 16—18 שעה אַ מעת-לעת. און ס'איז געווען פאַרשטענדלאַך: דער פאַבריקאַנט קויפט-אָפּ ביים אַרבעטער זיין אַרבעטסקראַפט, געהער זי אינגאַנצן דעם קויפער און ער קאָן זי אויסנוצן ביז דעם העכסטן גראַד.

די מלוכה, האָבן געטענה'ט די בורזשואַזע געלערנטע, האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן, זי דאַרף נישט אַריינמישן זיך אין דעם פרייען אָפּמאַך צווישן דעם אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער. סאיז זייער פּריוואַטער מסחר, זיי זיינען ביידע פרייע מענטשן און די מלוכה טאָר ביי זיי די פרייהייט נישט אַוועקרויבן און

דיקטירן זיי, ווי אַזוי זיי זאָלן זייערע געשעפטן שליסן.

דידאָזיקע „פרייהייט" האָט דערפירט צו אַ שרעקלאַכער מדרגה דעם מצב פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, פון זייערע פרויען און קינדער. דאָ האָבן זיך די קליגערע מלוכה־לייט פון דער בורזשואַזער וועלט אַרומגעזען, אַז ביי אַזאַ אונבאַשרייַנקטער „פרייהייט" קאָן דערגיין דערצו, דאָס די מלוכה זאָל פאַרלירן אירע שטאַרקסטע און אַרבעטספעהיגע מענטשן, אויף וועמענס אַרבעט און בלוט האַלט זיך די היינטיקע געזעלשאַפט, און זיי האָבן איינגעפונען, אַז מען מוז זיך אַריינמישן אין אינערלאַכע פאַבריקסאָנגעלעגנהייטן, סאיז נויטיק צו באַשרייַנקען די עקספּלאָאַטאַציע פון קליינע קינדער און פרויען, אַז מען מוז פאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג און מען מוז השגחה געבן אויף די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין די אַרבעטסערטער, אויב מען וויל נישט, דאָס די גאַנצע געזעלשאַפט זאָל צוזאַמען מיט די דעגענערירטע אַרבעטסמאַסן אונטערגיין.

דער „שכל" און „יושר" ביי די הערשענדיקע קלאַסען האָבן געשטיגן צוזאַמען מיט דער אומצופרידנהייט און קאַמפן פון די אַרבעטנדיקע גופא. די לעצטע האָבן אָנגעהויבן מיט דער צייט האַרטנעקיק צו קעמפן געגן דעם בורזשואַזן „פרייען־אָפּמאַך" און ענערגיש אַרויסטרעטן געגן דער ניימאָדנער פאַרשקלאַפונג, אין וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע „פרייהייט" האָט זיי אַריינגעוואָרפן. וואָס אָרגאַניזירטער און באַוואוסטזיניקער דער אַרבעטערקלאַס איז געוואָרן, וואָס ענערגישער זיינען געווען זיינע קאַמפן און אָפטער די שטרייקבאַוועגונג, אַלץ גיכער און ממשותדיקער איז דורכגעפירט געוואָרן דער מלוכהשוץ אין יעדן לאַנד.

דערביי איז צווישן דער שטעלונג פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט און דער שטעלונג פון די סאָציאַלרעפאָרמאַטאָרן פון בורזשואזן שניט אַ גרויסער און פרינציפּיעלער חילוק. בעת די לעצטע זאָרגן נאָר וועגן דער אַרבייטסקראַפט, אַלס מקור פון עשירות פון דער היינטיגער געזעלשאַפט און פעראָרדנען זי נישט צופיל אויסשעפן, זאָרגן די בעוואוסטזיניקע אַרבעטער וועגן דער לעבעדיקער פערזאָן און טרעגער פון דערדאָזיקער קראַפט—וועגן

די אַרבעטנדיקע גופא. די אַרבעט באַדאַרף זיין נישט קיין אָפּקומעניש פאַרן מענטשן, נישט קיין צוואַנג—נאָר אַ פיזישע, פאַרגעניגן-פאַרשאַפנדיקע באַדערפניש. דעריבער מוז זי גאָר אַנדערש אָרגאַניזירט ווערן, ווי ס'ווערט איצט געטאָן אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. די בורזשואַזע רעפאָרמאַטאָרען לייקענען אין פּרינציפּ נישט אָפּ דאָס רעכט פון פּריוואַטע פּערזאָנען צו קויפען אַרבעט און פון איר פּראָפיט ציען; זיי באַשרייַנקען נאָר די עקספּלאָאַטאַציע, זיי באַמיען זיך נאָר, אַז די אַרבעטסקראַפט זאָל נישט פאַרשווענדעריש פאַרברויכט ווערן. די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אָבער קעמפן דערפאַר, אַז דאָס לוין-סיסטעם בנוגע דער אַרבעט זאָל אינגאַנצן בטל ווערן: די מלוכה אָרגאַניזירט די אַרבעט און שאַפט איין אַרבעטנדיקע און גלייך געניסנדיקע געזעלשאַפט.

די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער ווילן נישט דעם אַבסאָלוטיזם פון די אַרבעטסגעבער פערבייטן אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע פון קאַפּיטאַליסטן, נאָר שטרעבן און קעמפן פאַר זיין אַנטגילטיקע אומוואַנדלונג אין אַ ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע, אין אַ זעלבסטהערשאַפט פון אַרבעטנדיקן פאָלק.

אָבער אין דערזעלבער צייט זיינען די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער נישט אַזוי נאַריש, אַז זיי זאָלן פאַרוואַרפן דעם מלוכה-שוץ, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה-לייט אַליין זיינען געצוואונגען צוליב דעם קיום פון דער געזעלשאַפט איינצופירן אין דער פּראָדוקציע. אדרבא, מיט זייער קלאַסנקאַמף און ווייטגייענדיקע צילן דריקן זיי אויף דער מלוכה און צווינגען זי אַלץ מער צו באַשרייַנקען די קאַפּיטאַליסטישע אַפּעטיטן און דערמיט שאַפן פאַר זיך אַלץ אַ מעהר גינסטיקערן באָדן פאַר זייער אַנטגילטיגער באַפרייונג.

וואָס דעמאָקראַטישער דאָס לאַנד איז געווען, ד. ה. וואָס שטאַרקער דער דרוק פון די אַרבעטערמאַסן איז געווען אויף דער בורזשואַזער מלוכה, וואָס גרעסער ס'איז געווען דער סכום מאַכט פון דער אַרבעט אין די כוחות-פאַרהעלטנישן אין לאַנד, אַלץ ממשות'דיגער איז געווען דער שוץ פון דער מלוכה בנוגע

רער אַרבֿעטסצייט און די אַרבֿעטסבאַוועגונגען.

אָבֿער דאָ האָבֿן די קאַפּיטאַליסטן פֿון די דאָזיקע לענדער דערפֿילט די קאָנקורענץ מצד די אַנדערע לענדער, וואָס האָבֿן ביי זיך קיין שוץ נישט איינגעפֿירט און ס'האָט זיך אַרויסגערוקט אַ באַדערפֿניש צו רעגולירן דידאָזיקע פֿראַגע אינטערנאַציאָנאַל. די דעמאָקראַטישע שווייץ האָט די ערשטע אין יאָר 1880 זיך געווענדט צו די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, צו רעגולירן אויפֿ'ן אינטערנאַציאָנאַלן אופֿן די אַרבֿעטסבאַדינגונגען אין די פֿאַבריקן, נאָר די מלוכות האָבֿן דעמאָלט אויף דעם געענטפֿערט לא מיט אַן אלף. אין 10 יאָר אַרום האָט ווילהעלם דער צווייטער צונויפֿגערופֿען אַ אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ אין בערלין פֿאַר אַרבֿעטערשוץ, מיטן צוועק צו באַקעמפֿן די סאָציאַלדעמאָקראַטיע און אַרויסציען פֿון איר דאָס „גיפֿט", ווייזנדיק די מאַסן, אַז די מלוכה אַליין זאָרגט וועגן זיי. אָבֿער דידאָזיקע קאָנפֿערענץ און נאָך אַנדערע קאָנגרעסן זיינען מער נישט געווען אַ שפּיל אין ווערטער און אַ געמאַכטער אָנשטעל מצד די בורזשואַזע מלוכהלייט.

אַנדערש אָבֿער האָבֿן זיך באַצויגן צו דער פֿראַגע וועגן אינטערנאַציאָנאַלן שוץ די אַרבֿעטערפּאַרטייען פֿון פֿאַרשידענע לענדער. די שווייצאַרישע, דייטשע, פֿראַנצויזישע און בעלגישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נעמען זי אויף אַלס נאָנטסטע אַרבֿעטערפֿאָדערונג. דורך דער איניציאַטיוו פֿון דער דייטשער סאָצ. דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קומט אַפֿילו פֿאָר אין יאָר 1889 אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פֿון פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, וואו ס'ווערן אויסגעאַרבֿעט אַלגעמיינע פֿאָדערונגען פֿאַר אַרבֿעטערשוץ אין אַלע לענדער. דעמאָלט איז אויך באַשלאָסן געוואָרן באַשטימען פֿאַר'ן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל איין טאָג אין יאָר (דעם 1-טן מאַי), ווען דידאָזיקע פֿאָדערונגען דאַרפֿן אין אַלע לענדער מאַניפֿעסטירט ווערן. דער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט האָט געמאַכט פֿון דער פֿראַגע פֿון אינטערנאַציאָנאַלן שוץ נישט קיין שפּיל אין ווערטער, נישט קיין פּוסטע פֿראַזע פֿון בורזשואַזע בעלי־דרשנס, נאָר אַ ברענענדיקע און דרינגענדיקע

פאַדערונג פון גאַנצן אַרבעטערקלאַס.

און ערשט נאָך 30 יאָר קאַמף און ענערגישע פּראָטעסטן, נאָך פיר יאָר חורבן און פאַרוויסטונג, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער אימפּעריאַליזם האָט געבראַכט דער וועלט, נאָך דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וואָס פאַרפלייצט גאַנץ אייראָפּע, אין סאַמע ברען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס פלאַקערט איצט אין פאַרשידענע לענדער, אַקצעפּטירן ענדליך די פאָרשטייער פון רויבערשן אימפּעריאַליזם די נויטיקייט פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטערשוץ, פאַרפליכטן זיך אויסצואַרבעטן פאַר אַלע לענדער פאַראָרדנונגען צו באַשריינקן די עקספּלואַטאַציע, בכדי דערמיט אָפּצוהאַלטן דעם פּראָלעטאַריאַט פון זיין דירעקטן קאַמף פאַר דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

דערביי האָט אַמעריקע—די גרעסטע עקאָנאָמישע דעספּאָטיע פון אונזער צייט—געשפּילט דיזעלבע ראָליע אין דער קאָמיסיע, ווי די געוועזענע מיליטאַריסטישע דעספּאָטיע—דייטשלאַנד האָט אַמאָל געשפּילט אין האַאַג מיט דער פראַגע וועגן באַשריינקען דעם מיליטאַריזם. זי האָט פּשוט צונישט געמאַכט די גאַנצע אַרבעט, זי האָט דערקלערט, אַז איר קאָנסטיטוציע (מאָנראָע-דאָקטרין) דערלויבט איר נישט, אַז זי זאָל זיך דאַרפן אונטערוואַרפן געזעצן, אויסגעאַרבעט אין אייראָפּע און אַז די אַמעריקאַנער שטאַטן זיינען בנוגע דער געזעצגעבונג זעלבשטענדיג און מען קאָן זיך נישט אַריינמישן אין זייערע אינווייניקסטע ענינים.

אַמעריקע האָט נישט וואָס צו מורא האָבן פאַר דער קאָנקורענץ פון אַנדערע לענדער און וויל זיך נישט פאַרבינדן מיט געזעצן, וואָס קליינע מלוכות וועלן זיין געצוואונגען דורכצופירן אונטער דעם זיגרייכן גאַנג פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. דערום האָט זי נישט געוואָלט איינגיין אויף פאַרפליכטנדיקע תקנות פאַר אַלע לענדער און די קאָמיסיע פאַר אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשוץ האָט געמוזט מסכים זיין דערצו, אַז די אויסגעאַרבעטע תקנות זאָלן מער נישט זיין פאָרשלאַגן, פּראָפּאָזיציעס, וואָס יעדעס לאַנד וועט קאָנען אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן. מיט דעם גופא איז דער גאַנצער שוץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פיקציע.

אויפוועקן אין אים לעבן, אַרייננגיסן אין אים אַן אמתן אינהאַלט, מאַכן אים נוצלאַך פאַרן פּראָ־לעטאַריאַט וועט נאָר די באַוועגונג פון די אַרבע־טערמאַסן, זייער דרוק און זייער ענערגישער קאַמף.

אויך איצט, אין מאָמענט פון גרויסן פּראָלעטאַרישן אויפ־שוואונג און דערוועקטע סאָציאַלע שטרעבונגען, האָבן די בורזשו־אַזע מלוכה־לייט באַוויזן, דאָס זיי האָבן פאַר דער צייט גאָר־נישט פאַרגעסן און גאָרנישט זיך אויסגעלערנט. מיט פראַזן און הומאַניטאַרע צביעות מיינען זיי צו לייענען דאָס גרעסטע פּראָבלעם פון אונזער צייט. דער פּראָלעטאַריאַט אָבער וועט זיי דורך זיין קאַמף צווינגען פון דער פראַזע צו מאַכן אַ ווירקלאַכ־קייט און כאַפנדיק זיי ביים וואָרט, אַז די מענטשלאַכע אַרבעט טאָר נישט זיין קיין סחורה, וועט ער זיי נישט לאָזן צורוה ביז יענער צייט, ווען די געזעלשאַפט וועט ווירקלאַך איבערגעבויט ווערן אויף אַזעלכע יסודות, דאָס די אַרבעט וועט באַקומען די גאַנצע סובערעניטעט אין דער מלוכה,—ביז דער סאָציאַליזם וועט פאַר־נעמען דאָס אָרט פון דער היינטיקער אונטערגייענדיקער אָרדנונג.

פאטריאטיזם.

עס זיינען פאראן ווערטער און באגריפן, וועלכע זיינען אין לויף פון דער געשיכטע אזוי פאראומרייניקט און באפלעקט געווארן דורך די הערשענדיקע קלאסן, דאס זיי, די בלויזע ווערטער אליין, זיינען שוין פארמיאוסט און שטארק קאמפראמיטירט אין די אויגן פון די באוואוסטזיניקע פראלעטאריער. צו דערדאזיקער קאטעגאריע באגריפן געהערט אויך, אהן ספק, דאס ווארט „פאטריאטיזם". מען האט מיט דעמדאזיקן ווארט אזויפיל מיסגעברויכט אין משך פון דער לאנגער פארגאנגענהייט, מען האט אין זיין נאמען אזוי לאנג און אומעטום געטריבן אן איינגעגאאיסטישע גרופן-פאליטיק, מען האט מיט אים באדעכטיקט די גרעבסטע עולות, דאס שרייענדיקסטע אומרעכט בנוגע לענדער און פעלקער, — דאס, נישט ווילענדיק, ביים אויסריידן בלויז דאס ווארט, קומט שוין אויפן זינען די גאנצע פארגאנגענע און לויפענדיקע געשיכטע פון פעלקערקאמפן, עס דערמאנען זיך די אלע באליידיגונגען און געוואלטאקטן, וואס מען האט מיט אים אויף די ליפן באגאנגען בנוגע „פרעמדע" נאציעס און ער ווערט גלייך אסאציאירט מיט איינגהארציקן שאוויניזם, מיט געוואלטפא-

ליטיק, מיט אַ זאָאָלאָגישער באַציונג צו די אַרומיקע פעלקער.
יעדענפאַלס ווערט ער אויפגעפאַסט אַלס דער היפך פונם „אינטער-
נאַציאָנאַליזם״.

באַגריפן אָבער זיינען בלויז דער טרוקענער שאָלאַכץ פון
די דערשיינונגען, וועלכע זיינען אין זיי פאַרבאַהאַלטן; און
דערשיינונגען קאָנען נישט ווערן באַטראַכט אין זייער פאַרגלי-
ווערטער, שטייענדיקער פאָרם, ווען זיי מוז מען אורטיילן לויט
זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, זייערע פאָרמען בייטן און ענ-
דערן זיך לויט דעם קלאַסנבאַשטאַנד פון זייערע שעפער. צוזאַ-
מען מיט דער געענדערטער ראָליע פון די מאַכטפאַקטאָרן אין
לאַנד, דיפערענצירן זיך אויך די פאָליטישע באַגריפן, אין זיי
ווערט אַריינגעבלאָזן אַ נייער סאָציאַלער אינהאַלט.

נישט דער פאַטריאָטיזם בכלל, אין יעדער צייט און ביי
אַלע אומשטענדן, ווערט דורך דעם צילבאַוואוסטן פראָלעטאַריאַט
פאַראורטיילט און פאַרוואָרפן, נאָר דער היסטאָריש-רעאַלער פאַט-
ריאָטיזם פון די פריצישבורזשואַזע קלאַסן, וועלכע האָבן אין אים
אַריינגעגאָסן זייערע עגאָאיסטיש-עקספּלאָאַטאָרישע, מענטשן-
פיינטלאַכע געלוסטן.

די ליבע צום פאָטערלאַנד בעדייט ביי די פריצים בלויז
די ליבע צו זייערע גרויסע מאַיאָנטקעס, צו יענע היסטאָרישע
פּריווילעגיעס, וועלכע מאַכן זיי פאַר הערשער איבער דער
ערד און אירע גיטער, איבער די פאָראָבקעס און פי, איבער
די געזעצן און איבער דער גאַנצער מלוכה. זיי האָבן טאַקי ליב
זייער פאָטערלאַנד, אָבער נאָר יענץ היסטאָרישע פאָטערלאַנד,
וועלכע האָט זיי געשאַפן די פּריווילעגיעס, האָט זיי געשטעלט
אין שפּיץ פון מלוכהבנין, האָט איבערגעגעבן אויף זייער ראַט
און גנאָד די פויערשע מיליאָנענמאַסע. „דאָס פאָטערלאַנד—דאָס
זיינען מיר״, מיט דערדאָזיקער גאוה זענען די ערדבאַזיצער אי-
בערגענומען ביז היינטיגען טאָג און נאָר צו אַזאַ פאָטערלאַנד
ווייזן זיי אַין אמת אַרויס אַ פייערדיקע ליבע. אַלע פראַגן פון
סאָציאַלפּאָליטישן לעבן, געזעצגעבונג, מלחמה, שלום ווערן גע-
מאָסטן מיט דעמדאָזיקן מאַסשטאַב, ווערן בעטראַכט פון דעמדאָ-

זיכן איינגהאַרציקן פּריווילעגיע-קאָנסערווירענדיקן שטאַנדפּונקט.

ביי דער בורזשואַזיע באַדייט די ליבע צום פאָטערלאַנד — די שטאַרקע ליבע צו זייער רעכט אויף עקספּלאָאַטאַציע, אויף זייערע פאַבריקן און מאַגאַזינען, אויף זייערע אָנגערויבטע רייכטימער און געירשנטע עשירות. זיי האָבן טאַקי ליב זייער פאָטערלאַנד, אָבער נאָר יענץ פאָטערלאַנד, וועלכע פאַרפּעסטיקט די בורזשואַזע אייגענטוטס-פאַרהעלטעניש, וועלכע גיט-איבער דעם מלוכהאַפּאַראַט אין זייערע הענט,—יענץ פאָטערלאַנד, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ נאַכטוועכטער צו פאַרהיטן זייער פאַרמעגן, שטעלט-אַרויס אַ שטאַרק מיליטער צו באַשיצן זיי געגן „פרעמדער" קאָנקורענץ, כאַפּט-אַריין פאַר זיי נייע פּלעצער אויף צו עקספּלאָאַטירן די ספּעציפישע בורזשואַזע מלוכה, געבויט לויט דעם אויסזען און געשטאַלט פון זייער אייגענעם קלאַס.

און ווייל דער פּאַטריאָטיזם פון די באַזיצענדיקע קלאַסן איז דיקטירט דורך עגאָאיסטישע גרופּן-אינטערעסן, איז ער אַ מאַרקשרייענדיקער. פאַר דער אַפּישירטער ליבע ווילן זיי באַקומען וואָס מער באַצאָלט, ציען פון דעם וואָס אַ גרעסערן ריוח. זייער „פּאַטריאָטיזם" שטערט זיי נישט אין מאָמענטן, ווען זייערע בחלאות זיינען אין, סכנה אַרויסצוטרעטן אָפן פיינטלאַך געגן דעם לאַנד, וועלכן זיי האָבן כלומרשט אַזוי ליב, צו איבערגעבן זיך אין דינסט פון אויסערלאַנדישן שונא און אויף זייער לאַנד אַן אינוואַזיע אָנשיקן. אַזוי האָבן געהאַנדלט די אַדעליקע עמיגראַנטן אין פראַנקרייך נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט די פּוילישע גרויסע מאַגנאַטן פון דער טאַרגאַוויצע, אַזוי האַנדלען אויך איצט די רוסישע פּריצים און בורזשואַזיע-פאַרטרעטער געגן דעם נייעם רוסלאַנד, וואָס האָט ביי זיי די מאַכט אָפּגענומען.

און ווייל זיי האָבן גענומען די מלוכה אין זייער פאַכט, ווייל זיי אידענטיפיצירן דאָס פאָטערלאַנד מיט זייערע עקספּלאָאַטאַרישע אינטערעסן, באַשולדיקן זיי תמיד און אומעטום דעם באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, וואָס עמאַנציפּירט זיך פון זייער מאַכט-השפעה, וואָס קעמפט פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון זיינע

אייגענע סאָציאַלפּאָליטישע אידעאַלן,— אַלס אַ פּאַרעטערישן, אַלס אַ פאַטערלאַנדסלאָזן". ווער עס בעקעמפּט די היסטאָרישע פּרי־ווילעגיעס, ווער עס וויל אומענדערן די מלוכה־אייגענטומספּאַר־העלטנישן, דער איז שוין במילא אַ געגנער פון דעם היסטאָריש־געשאַפענעם מלוכהוועזן, דער איז שוין אַ פיינט פון לאַנד, אַ אַנטיפּאַטריאָט.

גאָר אַן אַנדער סאָציאַלן אינהאַלט לייגט־אַריין דער פּראָ־לעטאַריאַט אין דעם דערמאָנטן באַגריף.

אויך דער אַרבעטערקלאַס לעבט אין אַ היסטאָריש־געשאַפע־נער מלוכה. זיינע באַדערפעניש, זיינע אידעאַלן, זיינע קאַמפן און נצחונות שוועבן נישט ערגעץ אין דער לופט צווישן הימל און ערד, נאָר אויף אַ באַשטימטן אָפּגעגרענעצטן שטח, וועלכער האָט זיך אויסגעאַרבעט אין משך פון דורות לאַנג אין אַ באַזונדער אייגנ־אַרטיקן סאָציאַלפּאָליטישן און קולטורעלן אָרגאַניזם.

פאַרן באַפרייונגסקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט איז בכלל נישט די גאַנצע וועלט איין גלאַט ווייס ברעטל, אויף וועלכן מען שרייבט גלייך אויף דעם סאָציאַליזם; די פאָרם און די מעטאָדן פון זיין קאַמף, זיינע פאָדערונגען און פּלאַטפאָרמען זיינען גע־געבן און דיקטירט דורך דער גאַנצער שוין פאַרויסגעשאַפענער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט און דורך דער ספּעציפיש סאָציאַל־קולטורעלער סביבה, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט פון דעם אָדער יענעם לאַנד לעבט.

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס קאָנקרעטע לאַנד, אין וועלכען ס'לעבט און קעמפט דער פּראָלעטאַריאַט פאַר אים אַ גרויסע באַ־דייטונג. ער איז אָרגאַניש מיט דעם לאַנד צונויפגעבונדן, ער אַליין, זיין גרויס און וואוקס, זיין באַוואוסטזיין און ממשות זענען אַ געשאַפענער פּראָדוקט פון דער אָדער יענער געשיכטלאַ־כער און סאָציאַלקולטורעלער אומגעבונג. ס'איז דאַרום גאַנץ קלאָר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק צום פּאָליטישן גורל פון זיין לאַנד, צי ס'איז אונטערגעוואָרפן אונטער אַ פרעמדן יאָך אָדער ס'איז אַ זעלבשטענדיק לאַנד.

אין אַ לאַנד וואָס איז אונטערגעוואָרפן אונטער אַ פרעמדער

הערשאַפט, איז דער פּראָלעטאַריאַט טאָפּלט פאַרשקלאַפט און די גאַנצע נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דעם ספּעציפישן סאָציאַלקולטורעלן אָרגאַניזם ווערט פאַרקריפּלט און געשטערט און במילא איז אויך פאַרקריפּלט און נישט נאָרמאַל די אַנטוויקלונג פונם קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט.

פאַר די סאָציאַלדעמאָקראַטן איז דער סאָציאַליזם נישט קיין טעכנישער באַגריף, קיין אויסגעטראַכטע מאַשינעריע, וועלכע קאָן אַראָפּגעבראַכט ווערן פון ערגעץ אויף אַ באַשטעלונג. זיי פאַסן אים אויף אַלס אַן אָרגאַנישן אידעאַל, אַרויסגעדרונגען און אַנטשטאַנען פון דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות אין יעדן לאַנד אינווייניק. דער באַקאַנטער אַפאָריזם וועגן אַ רעגירונג קאָן אויך אָנגעווענדט ווערן בנוגע דעם סאָציאַליזם: יעדעס לאַנד האָט אַזאַ סאָציאַליזם, ווי ס'האָט פאַרדינט. געקינצלט, מעכאַניש איבערטראָגן דעם סאָציאַליזם פון איין אָרט אין אַ צווייטן, איז אוממעגלאַך.

אַלזאָ, דער פּראָלעטאַריאַט לעבט אויך און ווירקט אין אַ היסטאָריש-געשאַפענער מלוכה. איר גורל און איר פרייהייט זיינען אויך אים נישט גאַנץ גלייכגילטיק, אָבער מיט איין חילוק: דער פּראָלעטאַריאַט וויל די היסטאָריש געגעבענע מלוכה איבערבויען אין אַ נייע,—פאַר די ברייטע פאָלקסמאַסן אַן אמת פאָטערלאַנד. דאָס פאָטערלאַנד פון פאָרדערכט און עקספּלאָאַטאַציע וויל ער פאַרוואַנדלען אין אַ לאַנד פון סאָציאַלער גלייכהייט און אָרגאַניזירטער אַרבעט; דאָס פאָטערלאַנד פון פאַרכאַפּונגס-מעטאָדן וויל ער איבערשאַפן אין אַ פאָטערלאַנד, וואָס טרעט-אַריין ווי אַ גלייכער גליד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער מענטשן-משפּחה!

דוקא ווייל דער פּראָלעטאַריאַט ליבט זיין פאָטערלאַנד, אין וועלכן עס ליגט זיין צוקונפט און קיום, קאָן ער נישט פאַרטראָגן, אַז אין אים זאָלן הערשן פריצישע הפקרות און אומבאַשריינקטע מענטשלאַכע עקספּלאָאַטאַציע. דוקא ווייל דער פּראָלעטאַריאַט, איז דורכגעדרונגען מיטן פּאַטריאָטיזם פון אַ העכערער מדרגה, קאָן ער נישט דערלאָזן, אַז פאַרשידענע שטרייטבאַרע פּראַגעז, ווירטשאַפטלאַכע און טעריטאָריאַלע, זאָלן ווערן געלעזט

מיטן רעכט פון פויסט, פון האַרמאַטן און מיליטערישן איבער־געוויכט; טאַקע אין די אינטערסן פון פאָטערלאַנד, ווי ער פאַסט עס אויף, שטרעבט ער צו שאַפן אַ איינגן פאַרבאַנד פון אַלע שכנהשע מלוכות, וועלכע זאָלן אַנטשיידן זייערעווירטשאַפטלאַכע געגנזייטיקע אינטערעסן אויף אַ פרידלאַכן און מענטשלאַכן שטייגער.

ווייל דער פראָלעטאַריאַט ליבט זיין לאַנד, וואו ער פאַר־גיסט זיין שוויס, פאַרווענדט זיין ענערגיע און שאַפט רייכטי־מער, שפּאָרט ער נישט קיין מי און קרבנות אויף צו באַפרייען עס פון דעם פריציש־קאַפּיטאַליסטישן יאָך און פירט אַן עקשנות־דיקן מאַרטירערישן קאַמף איינצופירן דאָרט די פרינציפן פון אַר־בעט אין סאָציאַלער גלייכהייט; ווייל דער פראָלעטאַריאַט ליבט זיין לאַנד, וויל ער דאָס נישט באַוואָפנען מיט ציין און נעגל און אים אונטערוואַרפן די שטענדיקע סכנות פון בלוטיקע מלחמות און אייביקן קריג, נאָר ער וויל באַזייטיקן אַלע סבות, וואָס פירן צו קאָנפליקטן און רייסעניש און רעגולירן די באַציונגען לויט די פרינציפן פון געגנזייטיקער סאָלידאַריטעט און אינטער־נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט.

אַזויאַרום טרעפט זיך צונויף די פראָלעטאַרישע ליבע צום פאָטערלאַנד מיט זיין ענטוזיאַסטישן אידעאַל פון אַ סאָציאַליסטי־שער מלוכה. זיין פאַטריאָטיזם גייט איבער אין העכערער מדרגה — אין אינטערנאַציאָנאַליזם.

נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

די דיסקוסיע.

מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון איבערראַשנדיקע ווענדן. אַלע אַלטע אײַנגעפונדעוועטע טעאָריעס און פעסטע כּללים האָבן פאַרלאָרן זייער האַרטקייט, זיינען געוואָרן זייער פליסנדיק און ווערן איבערגעגאָסן אין אַ נייער פאָרעם אויפן גרויסן פייער פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. דאָס, וואָס ביז איצט איז געווען קלאָר און אומשטרייטבאַר, ווערט כאַאָטיש און פאַרלייקנט; דאָס, וואָס ס'איז געווען גאַנץ און איינהייטלאַך, צעפאַלט אויף בעזונדערע באַשטאַנדטיילן. דאָס פעסטע און פאַרגליווערטע ברויזט און יערט מיט אַ סטיכישן כּח.

מיר לעבן אין אַ צייט פון גרויסן כאַאָס. ווען עס שאַפט זיך אין די טיפענישן פון די וועלטשטורעמס אַ נייער זיין, אַ נייע ווירקלאַכקייט. און דערדאָזיקער כאַאָטישער מאָמענט דרינגט־אַריין אויך אין באַוואוסטזיין, רודערט אים אויף און צעשטערט דאָס באַשטייענדיקע.

דער מאַרקסיזם אַלס רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, שרעקט זיך נישט פאַר די נייע פאָרשונגען און ווענדונגען. ער איז דאָך

אַליין נישט קיין שאַבלאָן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעל-טער אמת. ער אַליין בויט דאָך זיינע פונדאַמענטן אויף דער פליסנדיקער ווירקלאַכקייט. און ענדערט זי אַזוי, אַז מענטשן דערזעען אין איר אַ גרונדלאַך-נייע רעאַליטעט, מוזן זיך ענדערן אויך די טעאָרעטישע אויספירונגען און קאָנסעקווענצן, וואָס מען האָט געמאַכט אויפן סמך פון דער פריערדיקער ווירקלאַכקייט.

פון דעם שטאַנדפונקט אַרויסגייענדיק, איז זיך נישט צו וואונדערן, וואָס אין אונזערע אייגענע רייען ווערט איצט גע-שטעלט צו דער דיסקוסיע אויך דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס עס ווערט גענומען אויפן פּרובירשטיין אויף אונזער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלקולטורעלער אויטאָנאָמיע.

דאָס איז כדאי צו טאָן. נישט בלויז צוליב דעם ריין-טעאָ-רעטישן אינטערעס, וואָס דידאָזיקע פראַגע שטעלט פאָר מיט זיך. ס'איז טאַקע נויטיק אַריינצוקוקען אין דער צוקונפט אויך צוליב דעם, בכדי מיר זאָלן קאָנען פון דעמדאָזיקן פּראָגנאָז אויספירן פאַר זיך כללים פאַר דער איצטיקער געגנוואַרט, צו אָפּשאַצן פּינקט-לאַך דעם ווערט פון די מיטלען, וועלכע ווערן שוין דערווייל געברויכט.

איך גיי נאָך ווייטער. איך מיין, אַז יעדעס מיטל, וואָס טראָגט נישט אין זיך גופא דעם פּרינציפּ פון ציל, מוז מען שוין תיכף פאַרוואַרפן, ווייל ס'ווידערשפּרעכט דעם ציל, און במילא קאָן עס צו אים נישט פירן. דאָס סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּראָגראַם-מינימום איז נישט גענומען געוואָרן אויף פּראָקאַט, אויף אַ צייט, ביי די בורזשואַזע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, בכדי זיך צו באַ-נוצן מיט דעם נאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. יעדער פּונקט פון דעמדאָזיקן פּראָגראַם איז, לויט מיין איבער-צייגונג, אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן תוך פון סאָציאַליסטישן ציל. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז מיר האָבן נישט גענומען ריין אָפּאָר-טוניסטיש קליינע פאָדערונגען, וואָס זיינען נאָר „צוגעפּאַסט“ צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און זיי פאַר דער צייט פון איר עקזיסטענץ אַרויסגערוקט, צו דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג קאָ-נען זיי אָבער שוין נישט טויגן אָדער מוזן פאַרוואָרפן ווערן.

דאָס פּראָגראַם-מינימום און לעצטער ציל זיינען אויסגעגאָסן פון איין און זעלבן פּרינציפּ — די עמאַנסיפּאַציע פון דער אַרבעטנדיקער מענשהייט, דאָס אָפּשאַפן די עקספּלאָאַטאַציע פון מענשן איבער מענשן. זיי שיידן זיך נאָר אונטער אין זייער קוואַנטיטעט, אין זייער גרויס און מאָס, דערפאַר קאָנען די פאָדערונגען פונם פּראָגראַם-מינימום ווערן פערגרעסערט לויט זייער גרויס און ווייטקייט. מען קאָן אין געוויסע געענדערטע רעוואָלוציאָנערע סיטואַציעס ענדערן זייער פערנעם, מען קאָן נאָך ווייטער אַריינגרייפן אין דער זיך איבערבויענדיקער אָרדנונג, הן פּאָליטיש, הן סאָציאַל, אָבער זייער קוואַליטעט, זייער מהות, קאָן נישט אָפּגעוואָרפן, קאָן נישט אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן.

ווי אַזוי האַלט'ס מיט דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין דער צוקונפט? ווי אַזוי וועלן זיך איינשטעלן די נאַציאָנאַלע באַציונגען אין דער סאָציאַליסטישער מלוכה?

די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע — טענהן אייניקע, — איז דאָך אַ פּאָסטולאַט נאָר צו דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה געגן דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. אונזער פאָדערונג, אָפּצוטיילן די קולטורפאַרוואַלטונג פון דער פּאָליטישער, האָט זיך געשטיצט נאָר אויפן גרונט, אַז די איצטיקע בורזשואַזע מלוכה איז אַן אַפּאַראַט פאַר קאָנקורענץ צווישן די בורזשואַזע קלאַסן און פאַר אונטערדריקן דעם אַרבעטערקלאַס, דערפאַר האָבן מיר געוואָלט אַרויסנעמען פון איר קאָמפּעטענץ די נאַציאָנאַל-קולטור-פראַגן, וואָס קאָנען ווערן אויסגענוצט פאַר רייסענישען און נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. מיר האָבן געוואָלט *נייטראַליזירן* דעם פּראָלעטאַריאַט בנוגע דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. מיר האָבן נישט געהאַט דעם צוטרוי צו דער אונטערדריקונגס- און קאָנקורענץ-מלוכה. אַנדערש איז אָבער אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט וועמען צו אונטערדריקן און האָט נישט צוליב וואָס צו פירן אַ קאָנקורענץ צווישן זיך; די מלוכה-מאַשין אין זיינע הענט וועט דינען נאָר צו פאַרשטיקן יעדע מלוכה-גוואַלד. דאָ פאַלט שוין אָפּ די נויטיקייט פון אויסטיילן די קולטורעלע פונקציעס פון דער מלוכה. עס וועלן

עקזיסטירן די ברייטסטע מעגליכקייטן פאַר דער פראָלעטאַרישער קולטור צו אַנטוויקלען זיך אומגעשטערט אויף אַלע שפּראַכן און אין אַלע פאָרמען. דערצו זיינען אָבער לחלוטין נישט נויטיק קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן מיט צוואַנגרעכט אין זייער טעטיקייט.

דידאָזיקע גאַנצע טענה איז, לויט מיין מיינונג, געגרינדעט אויף אַ פּרינציפּיעלן טעות.

אינהאַלט און פאָרם.

קודם-כל מוז ווערן פעסטגעשטעלט איין זאַך: צי וועלן עקזיסטיר: אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטורן? אויף דער פראַגע קאָנען זיין נאָר איין ענטפער. יאָ, אָדער ניין. די „נאַאיווע" סאָציאַליסטן, ווי באַוער האָט זיי באַצייכנט, טענהן: קוים וועט זיין איין געמיינזאַמע ווירטשאַפט, קוים וועלן אויפהערן די עקאָנאָמישע סיבות, וואָס שאַפן נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן און אייגנאַרטיקייטן, וועלן שוין אויך פאַרשווינדן די באַזונדערע נאַציאָנאַלע „קולטורן"; קוים וועט זיין איין אינהאַלט פאַר דער קולטור, וועלן במילא אויך די פאָרמען זיך אויסגלייכן און זי וועט אַריינגעגאָסן ווערן אין איין קאָסמאָפּאָליטישער פאָרם.

דאָס איז, לויט אונזערע באַגריפן, „נאַאיוו", וואולגאַר, אַנטשפּרעכט נישט דעם אמתן דיינקען-אַרט פון מאַרקסיזם. דאָס איז אָבער פאָרט אַ קלאָרע און באַשטימטע שטעלונג.

אָטאָ באַוער און זיינע אָנהייגער גיבן אַן אַנדער ענטפער אויף דער געשטעלטער פראַגע. זיי באַטאָנען, אַז לא די, וואָס די נאַציאָנאַלע קולטורן וועלן נאָך פאַרבלייבן, נאָר זיי וועלן זיך ערשט פאַנאַנדערבליען אין זייער אמתער געשטאַלט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס איז די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע, אַז דוקא די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט באַשאַפן אַ מעגלאַכקייט פאַר אַ ברייטער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אַנטוויקלונג. ווייל די עקאָנאָמישע פאַרמעציעס ביזן סאָציאַליזם האָבן געשאַפן „נאַציאָנאַלע" קולטורן

בלויז לויטן נאָמען, לויט דעם אויסערלעכן אויסזעהן, אָבער זיי זיינען אין אמתן נישט געווען „נאַציאָנאַל", די גרויסע פאָלקס־מאַסן פון דער נאַציע האָבן זיי נישט געשאַפן און פון זיי ווייניק וואָס געגאָסן.

אין די אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן האָבן זיך באַטייליקט נאָר די אויבערשטע צען טויזנט, די סמעטענע פון דער געזעלשאַפט: דער ריטער־פעאָדאַל, דער רייכער בירגער, דער קאַפּיטאַליסט און די בורזשואַזע אינטעליגענץ. די גרויסע ברייטע פאָלקס־מאַסע איז תמיד און אומעטום געווען אַ שטיף־קינד פון דער קולטור, זי האָט פאַקטיש אין דער קולטור קיין אָנטייל נישט גענומען און איז אין איר צום וואָרט נישט געקומען. אַנדערש אָבער אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דעמאָלט וועלן ערשט צום ערשטן מאָל אין דער מענשטלעכער געשיכטע אַריינטרעטן אין דער קולטורעלער שאַפונג די גרויסע „אָפּפאַלן" פון דער היינטיקער געזעלשאַפט — די אַרבעטנדיקע. ס'וועלן אויפגעוועקט ווערן מוראדיקע כוחות, וועלכע זיינען טויזנטער יאָרן געווען פאַרשאָלטן מיט ריין חיהשער אַרבעט און האָבן זייער מענשטלאַך וועזן נישט געקאָנט אַנטפּלעקן.

און נישט אינדיווידועל וועט דערדאָזיקער פּראָצעס פאָרקומען. זיי וועלן זיך נישט צעוואַרפן צושאָטענערהייט אין אַן אַבסטראַקטער „מענטשלאַכער קולטור", נאָר וועלן אַרויסטרעטן אָרגאַניזירטערהייט מיט זייערע דערוואָרבענע נאַציאָנאַלע פיזאָנאָמיעס, מיט זייערע געירשנטע אויפפאַסונגס־אַפּאַראַטן, מיט דער גאַנצער אייגענאַרטיקער „אַפּערצעפּציע", וועלכע האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבעט אין משך פון הונדערטער, טויזנטער דורות. און דידאָזיקע נאַציאָנאַלע סטיכיע, דידאָזיקע אָנגעזאַמעלטע אָנגעהויפטע שיכטן פון דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט וועלן אַזוי גיך נישט אָפּגעשווינקט ווערן דורך דעם אַלגעמיינעם גלייכן ווירטשאַפטס־פּראָצעס. די נאַציאָנאַלע קולטורן וועלן זיין אוניווערסאַל און ניוועלירט לויטן אינהאַלט, און וועלן זיין שטאַרק דיפערענצירט אין אָפּגעזונדערט לויט זייער פאָרם און אויסזען.

ווי ענטפערן אונזערע קריטיקער אויף דער פראַגע?

זיי האָבן נישט דעם מוט צו׳ שטעלן זיך אויף דער זייט פון „נאַאיוון קאָסמאָפּאָליטיזם", און דערגייען אָבער אויך נישט צום מאַרקסיסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם. זיי מיינען, ווייל „ס׳וועלן נישט זיין קיין עקאָנאָמישע קייטען, וואָס זאָלן צוזאַמענבינדן דוקא מענשטן פון איין נאַציע", וועט מוזן אין דער שאַרפסטער פאָרם זיך אויסדריקן די טענדענץ פון גיוועלירן, פון ענלאַך ווערן בנוגע די פאַרשידענע קולטורן".

אויפן סמך פון דעמדאָזיקן וואַקלדיקן פראָגנאָז קומען זיי צו אַ פאַלשן אויספיר, דאָס די קולטורעלע טעטיקייט פון פאַר-שידענע פעלקער וועט זיך מוזן אַלץ מער פאַרנעמען מיט דער לעזונג פון איינע און דיזעלבע פראַגן און אַלץ וויניקער וועט באַרעכטיקט ווערן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַנאַנדערטיילונג.

דידאָזיקע שטעלונג איז, ווי מיר האָבן געזען, אַ רעזולטאַט פון דעם פלאָנטער, וואָס מען מאַכט צווישן דעם אינהאַלט פון קולטור און אירע פאָרמען.

די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט וועט טאַקע שאַפן אַ נייעם אינהאַלט פאַר דער קולטור פון דער גאַנצער מענשהייט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זי וועט אָבווישן די קולטורפאָרמען, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט דורות-לאַנג. די קולטור, לויט איר פאָרם (שפראַך, פסיכאָלאָגיע א. אַז. וו.), איז נישט קיין פשוטער שאָטן פון לעצטן עקאָנאָמישען אינהאַלט און באַגלייט אים נישט אויף יעדן שריט און טריט. די נאַציאָנאַלע אַפּערצעפּציע, די אויפ-נעמונגס-פעהיקייט, דאָס איז אַ פּראָדוקט, וואָס האָט זיך געשאַפן אַלס פועל-יוצא פון פאַרשידענע ווירטשאַפטן, פון באַזונדערע היסטאָרישע שיקזאַלן און טויזנטיעריקע איבעלעבענישן. זי קאָן דאַרום נישט פאַרשווינדן, ביי דער נייער ווירטשאַפט, וואָס וועט זיך איינשטעלן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די פונקציעס-צעטיילונג.

אָבער נאָך גרעסער איז דער פלאָנטער, וואָס מען מאַכט געוויינלאַך, בעת מען רעדט וועגן דער מלוכהפאַרוואַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אויב מכח דעם פּראָגנאָז פון די נאַציאָנאַלע קולטורן פאַר-נעמען אונזערע קריטיקער אַ וואַקלענדיקע שטעלונג, אָפּערירן זיי

אין דער פֿראַגע וועגן פונקציעס-צעטיילונג צווישן דער מלוכה און נאַציע אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט דורכאויס מיט מאָטיוון פון דער בורזשואַזער ווירקלאַכקייט. ביי זיי איז די גאַנצע פראַגע וועגן צענטראַליזם און דעצענטראַליזאַציע, וועגן אַלגעמיין מלוכהפאַרוואַלטונג און נאַציאָנאַלעאויטאָנאָמיע נאָר אַ קאָנפליקטן-פראַגע, אַ רייסעניש צווישן איין אינסטאַנץ און דער צווייטער, אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי צו דער צענטראַלער מאַכט.

אויב אַזוי, פרעגן זיי, צוליב וואָס וועט מען דאַרפן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין אַ געזעלשאַפט, וואו ס׳וועט נישט זיין קיין נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ? צוליב וואָס וועט מען דאַרפן אויסטיילן די קולטורעלע פונקציעס פון די אַלגעמיינע מלוכה-אינסטיטוציעס, צי וועלן מיר דען נישט האָבן צוטרוי צו אַן אייגענער פּראָלעטאַרישער רעגירונג?

די גאַנצע פראַגע איז אָבער לחלוטין פאַלש אַוועקגעשטעלט אפילו אין דער בורזשואַזער דעמאָקראַטישער מלוכה ווערט שוין די דעצענטראַליזאַציע נישט געגנגעשטעלט אַנטקעגן דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג, אויטאָנאָמישע אָרגאַנען זיינען נישט זעלבסשטענדיקע, אומאָבהייגיקע פון דער מלוכה אינסטיטוציעס, וועלכע רייסן פון איר אָפּ שטיקער, וועלכע מוזן קומען מיט איר אין קאָנפליקטן, וועלכע פירן אַ שטענדיקן קאַמף צווישן זיך פאַר דער מאַכט.

דידאָזיקע פאָרשטעלונג איז אָפּגעלעבטע שיריים פון דעם מיטלאַלטערלאַכן פאַרטיקולאַריזם פון איין זייט און פון דעם אַבסאָלוטיסטישן ביוראָקראַטיזם פון דער צווייטער. אין מיטלאַלטער איז נאָך בכלל געווען שוואַך די אידייע פון אַן איינהייטלאַכער מלוכה און די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע אין די שטעט האָט פאַר זיך געוואָלט אַרויסרייסן מער „פּריווילעגיעס“, מער רעכט אויפן חשבון פון אַנדערע געזעלשאַפטלאַכע גרופן. די גאַנץ אָדער האַלב אַבסאָלוטיסטישע מאָנאַרכיעס פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט ווידער האָבן אין די פונקציעס-צעטיילונג פון דער מלוכה-פאַרוואַלטונג געזען אַ מינדערונג פון זייער אַליינהערשאַפט, סובערעניטעט, קייזערלאַכן ווילן. פון דאַנען שטאַמען די קאָנפליקטבאַגריפן צווישן דער מלוכהפירונג און דעצענטראַליזאַציע.

דער איצטיקער דעמאָקראַטישער געדאַנק אָבער באַטראַכט נישט די מלוכה אַלס אַן אַבסטראַקטע סובערענע מאַכט, ער זעט אויך נישט איין און קאָן נישט געפינען קיין „נאַטירלאַכע" אָפּגרענעצונג פון די פונקציעס צווישן די פאַרשידענע מלוכה-אָרגאַנען. פאַר אים איז די מלוכה—די סומע פון די סאָציאַלפּאָליטישע אינטערעסן פון איינצעלנע קלאַסן, געגנטן און גאַנצע נאַציעס. די פאַנקציעס-פונאַנדערטיילונג איז נאָר אַ פראַגע פון צוועקמעסיקייט. די צענטראַלפאַרוואַלטונג, די געגנטאויטאָנאָמיע און די שטעט-זעלבסטפאַרוואַלטונגען זיינען נישט קיין קאָנקורירענדיקע צווישן זיך, „אומאָפּהייגיק" איינע פון דער אַנדערער, מאַכט-טרעגער, נאָר זיינען אַלע גלייכע אַטריבוטן פון איין און דערזעלבער מאַכט—פון דער געמיינזאַמער מלוכה. דאָס איז נאָר אַ פראַגע פון גראַד, פון דער שטופע פון מאַכט. דער אויטאָנאָמער אָרגאַן איז נישט „אומאָפּהייגיק" פון דער מלוכה, דען ער איז דאָך אַ גליד אין מלוכה-אָרגאַניזם און שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון זיינע לעבעדיקע אברים. ס'קומט מער נישט פאָר אַ צוועקמעסיקע פונקציעס-צעטיילונג. דער צענטראַלער פּאַרלאַמענט, זאָלן מיר זאָגן, באַשעפטיקט זיך מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס סאָציאַלפּאָליטישע פראַגן, וואָס זיינען געמיינזאַם פאַר דער גאַנצער מלוכה. דער געגנט-סיים האָט פאַר זיך אים נענטערע און מיט אים דירעקט פאַרבונדענע לאָקאַלע פונקציעס, די מוניציפּאַליטעטן — זייערע שטאָטישע ענינים—און דאָס אַלץ צוזאַמען שטעלט צונויף אין סך-הכל די דעמאָקראַטישע מלוכה.

די פראַגע פון דעצענטראַליזאַציע און אויטאָנאָמיע האָט מיט עקזעקוטיווע פונקציעס גאָרנישט צוטאָן. יעדער איינער פון די אויבנגעבראַכטע אינסטיטוטן האָט זיינע אייגענע עקזעקוטיוו-אָרגאַנען און פירט-אויס זיינע באַשלוסן אין די גרענעצן פון זיין קאָמפּעטענץ. נאָר אַזוי ווי די אַלע לאָקאַלע, אָרטיקע אינטערעסן קאָנען נאַטירלאַכערווייז נישט ווערן לחלוטין אויסגעטיילט פון די צענטראַלע סאָציאַלפּאָליטישע פונקציעס, דערום האָט די אויבערשטע מאַכט אין דער גראַדאַציע—די צענטראַלפערוואַלטונג אויך קאָנטראָלפונקציעס בנוגע די אויטאָנאָמע אָנשטאַלטן. זי גיט

השגחה, דאָס זיי זאָלן זיך נישט אויסלייגקען, זיי זאָלן נישט אַריינפּאָרן אין פרעמדע פונקציעס, דאָס איין גליד זאָל נישט האַנדלען צום שאָדן פון גאַנצן.

אין דעמדאָזיקן האַרמאָנישן סיסטעם פון דעצענטראַליזאַציע ווערט אַריינגעפירט נאָך אַן אָפּטיילונגס-געביט, נאָך אַ פּערוואַל-טונגס-גראַדאַציע—די נאַציאָנאַל-ולטורעלע קבוצים, נישט צוליב דעם אומצוטרוי (דאָס איז נאָר איינע פון די מאָטיוון פאַר דער בורזשואַזער קאָנקורענץ-געזעלשאַפט), נאָר צוליב איגערליכער מלוכה-צוועקמעסיקייט איז נויטיק אויך אין דעם קאָנגלאָמעראַט, אין דעם מישמאַש פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיקייטן אַריינטראָגן אַ צעטיילונג, אַ צוועקמעסיקע אויטאָנאָמישע זעלבסטפאַר-וואַלטונג. דערביי ווערט די נאַציע נישט געגנגעשטעלט דער „מלוכה”, נישט אומאָפּהייגיק” פון דער מלוכהפאַרוואַלטונג, ווי אַ באַזונדער מלוכה-חלק, נאָר אַריינגעפירט אין דער מלוכה,זי באַקומט די אַטריבוטען פון מלוכהמאַכט אין געביט פון איר טעטיקייט—אויפן געביט פון קולטור.

אָבער אין דער קלאַסנמלוכה, אין דער בירגערלאַכער גע-זעלשאַפט, וואו דער גאַנצער מלוכה-אַפּאַראַט איז אַ דרוקמאַשין פון די בורזשואַזע קלאַסן, קאָן, פערשטייט זיך, דעראָזיקער דע־מאָקראַטישער פּרינציפּ קאָנסעקווענט נישט דורכגעפירט ווערן. די לאָקאַלע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס קאָנען גיכער אַריינפאַלן אין די הענט פון די אַרבעטערמאַסן, איידער די צענטראַלע פאַרלאַ-מענטן, די בורזשואַזע קלאַסן קאָנען זיך בכלל נישט אָפּזאָגן פון נאַציאָנאַלע רייסעגישן, און דערום קאָן נישט דורכגעפירט ווערן די אָנגעצייכנטע האַרמאָנישע פאַרוואַלטונגס-מעטאָדן, אַ געזעלשאַפט פון עקאָנאָמישער דיסהאַרמאָניע קאָן נישט ברייגען צום אויס-דוק קיין האַרמאָנישע פּאָליטישע פאָרמען.

אַנדערש אָבער אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָרטן, וואו די קלאַסן־קאָנפליקטן וועלן אויפהערן, דאָרט, וואו די געזעלשאַפט וועט „באַוואוסטזיניק” שאַפן איר געשיכטע, וועט זי זיין אימשטאַנד אויך צוועקמעסיק און האַרמאָניש צו פאַר-האַלטן מיטן מלוכה-אָרגאַניזם.

די מלוכה וועט, לויט ענגעלס אויסדרוק, אָפּשטאַרבן אין

דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס ווערט געמיינט אין דעם זין, דאָס די מלוכה וועט אויפהערן צו זיין די צענטראַלמאַשין, וועלכע דריקט דעם יחיד, קלאַס און נאַציע צוליב קאָנקורענצילן. זי וועט אויפהערן, לויט אַ צווייטן אויסדרוק פון זעלבן אויטאָר, צו פאַרוואַלטן מיט מענטשן, נאָר זי וועט בלויז פאַרוואַלטן מיט זאַכן. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג, וועט איצט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט צום ערשטן מאָל אויספירן איר ריינע צענטראַלע פונקציעס — אָרגאַניזירן די מענטשלאַכע ווירטשאַפטס-טעטיקייט.

און אַזוי ווי די ווירטשאַפטס-געביטן וועלן, בלי-ספק, אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פאַרנעמען אַ פיל גרעסערן שטח ווי איצט און וועלן באַשטיין פון געמישטע נאַציאָנאַלע קערפערשאַפטן, וועט איצט ערשט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע זיין נויטיק, בכדי צו טיילן די פונקציעס צווישן דער צענטראַלפאַרוואַלטונג, אַלס סאָציאַל-עקאָנאָמישער אָנפירונגסאָרגאַן און נאַציאָנאַלע קערפערשאַפטן אַלס זעלבסטפאַרוואַלטנדיקע קולטור-אינסטיטוציעס.

אין דעם זין איז גערעכט ד״ר רענער, ווען ער האָט געשריבן: „וואָס מער דער מענטש ווערט פאַרגעזעלשאַפטלאַכט, וואָס מער אָנטייל ער נעמט בשלימות אין עפנטלאַכן לעבן, אַלץ מער מוז די מלוכהפאַרוואַלטונג זיך צופאַסן צו דער נאַציע, אַלץ אינטענסיווער מוז ווערן די נאַציאָנאַלע קולטור. די נאַציאָנאַלע פראַגע מוז זיך אַזויאַרום תמיד פאַרטיפען און פאַרברייטערן, וואָס מער עס פאַרגרעסערט זיך די דעמאָקראַטיזירונג אין סאָציאַליזירונג. אָבער דערביי פאַרלירט זי דעם כאַראַקטער פון שטרייטיקייטן, פון אַ מאַכט-פראַגע, זי ווערט אַ געלעזטע קולטור-פראַגע״. און געלעזט וועט די פראַגע ווערן דורך דעם דאָפלטן מעטאָד פון פאַרוואַלטונג—דורך צענטראַלע סאָציאַלע אינסטיטוטן פאַר ווירטשאַפטספראַגן, וואָס זיינען געמיינזאַם פאַר אַלע קאָלעקטיוויסטיש-שאַפנדיקע מענטשן פון איין עקאָנאָמישן געביט און דורך נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אָרגאַנען פאַר די פראַגן פון קולטור.

אלזא, די נאציאנאלע אויטאנאמיע איז קאנסטיטואירט געווארן נישט נאר צו דער בורזשואזער געזעלשאפט, נאר אויך צו דער בורזשואזער געזעלשאפט. די סאציאלדעמאקראטן האבן שטענדיק קעגנגעשטעלט געגן מלוכהאידעאל פון די אימפעריאליסטיש־קאפיטאליסטישע קלאסן דעם מלוכהאידעאל פון פראלעטאריאט. אויב פאר דער בורזשואזיע איז די מלוכה א גוואלטמאכט, איז זי פארן פראלעטאריאט אן אויטאנאמיסטישער פארוואלטונגסארגאן. דער בורזשואזיע איז די מלוכה נויטיק אלס אן אפאראט פון קלאסן־הערשאפט. און דערום ווערט אלץ, וואס פארשטארקט איר מאכט, פארזיכערט איר קיום,— אונטערגעווארפן דער קאמפעטענץ פון דער אלמעכטיקער צענטראליזירטער און דעספאטיש־באפעלנדיקער מלוכה. מעג זי מיט איר פארדארבענעם ביוראקראטיזם דערשטיקן די דרינגענדיקע באדערפענישן פון גאנצע גרופעס, מעגן גאנצע לעבעדיקע נאציעס ווערן איינגעפרעסט אונטער איר אייזערנעם צוואנג — קיום איז דאס נויטיק פאר דער מאכט־שטעלונג פון דער בורזשואזע, וועט זי אויף די אלע „קליינע חסרונות פון מעכאניזם” נישט קוקן און נאך איינגער צונויפקניפן דעם פלאנטער.

די סאציאלדעמאקראטיע אבער און איר באהאנדלונג גייט ארויס נישט פון די בעשטייענדיקע מלוכות, נאר פון די לעבעדיקע נאציעס. זי קאן זיי נישט פארלייקענען און נישט נעמען אין אכט זייערע אינטערעסן ביים פארוואלטן מיט דער מלוכה.

אויב זי האט זיך געווענדט מיט איר פאדערונג אויך צו דער בורזשואזער מלוכה, איז עס דערפאר, ווייל זי האט געוואלט אויסאיבן דעם פראלעטארישן דרוק אויף די הערשנדיקע קלאסן און צווינגען לכל־הפחות טיילוויז אריינצעטראגן ארגאניזאציע און צוועקמעסיקייט אין די הערשאפט פון אנארכיע און אומארדנונג, אזוי ווי זי האט'ס געטאן אויך אויף אנדערע געביטן פון איר פאליטיק. אין תוך גענומען אבער איז די נאציאנאלקולטורעלע אויטאנאמיע אין איר קאנסעקווענטער און אנטשיידענער פארם מעגלאך נאר אין דער פראלעטארישער מלוכה.

די מלוכה האט נישט איינמאל פאר אלעמאל קיין באשטימטע פונקציעס. זי איז א פראדוקט פון סאציאלעקאנאמישע פאר־

מאַציעס. מיט יעדער נייער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג ענדערן זיך אויך אירע פונקציעס. אויב די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה איז געווען אַן אָרגאַן פון קאָנקורענץ, וועט די פּראָלעטאַרישע מלוכה זיין אַן אינסטיטוציע פון אָרגאַניזאַציע און צוועקמעסיקער פאַרוואַלטונג. זי וועט האָבן צו אָרגאַניזירן דער גאַנצןווירטשאַפטלאַכן אַפּאַראַט. אָבער אַזוי ווי אין דערדאָזיקער געזעלשאַפט וועלן לעבן פאַרשידענע קולטורגעמיינשאַפטן, וועט אומבאַדינגט נויטיק זיין אויסצעטיילן די קולטורפאַרוואַלטונג אויטאָנאָם פאַר די באַזונדערע קולטורעלע גרופּעס. דאָס וועט זיין אַ פּרינציפּיעלע צעטיילונג פון צווייערליי פאַרוואַלטונגסגעביטן, דער העכסטער און צוועקמעסיקסטער סינטעז פון צוויי מלוכהפאָרמען אין דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט.

קאַרל קויטסקי, וועלכער איז, ווי באַקאַנט, נישט זייער קיין גרויסער אָנהייגער פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע,— שרייבט וועגן דערזעלבער פּראָדערונג: „דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט איצט אַזאַ באַדייטונג, דאָס פּראָבלעם וועגן איינאָרדענען עסטרייך (נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע) וועט זיך דעמאָלט (נאָכדעם ווי דער פּראָלעטאַריאַט וועט דעראָבערן די מאַכט) אַוועקשטעלן פאַר דער נייער געזעלשאַפטלאַכער אָרגאַניזאַציע, אַ טאָפּלטע אָרגאַניזאַציע, לויט די נאַציעס און ווירטשאַפטלאַכע געביטען, וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַ גליקלאַכע לעזונג פון דעם נייעם פּראָבלעם".

אָבער, קומען צו אונז צו גיין אַנדערע קריטיקער און שטעלן אונז אַ קלאָץ-קשיא, צוליב וואָס באַדאַרף מען האָבן ספּעציעל פאַר קולטור-ענינים אויטאָנאָמיע? צי איז נישט יעדעס מיניסטעריום אויטאָנאָם אין זיין געביט פון דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג? ווענען וועט דאָס שאָדן, אויב די קולטור-אָרגאַנען וועלן זיין טיילן, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן דעם צענטער?

„אונטערגעוואָרפן"—אומבאַדינגט. מיר זאָגן גאָרנישט, אַז אויטאָנאָמיע הייסט זיך אָפּרייסן פון צענטער, הייסט טאָן אַלץ, וואָס דעם אָרגאַן פון דער נאַציאָנאַלער קולטור וועט זיך פאַרוועלן. אַודאי וועלן די אַלגעמיינע פּרינציפּן און כללים זיין אָב-

ליגאַטאָריש פאַר אַלע אויטאָנאָמע אָרגאַנען, אָבער פאַרגלייכן דאָס מיט באַזונדערע מיניסטעריומס, באַדייט פשוט נישט משיג זיין דעם תוך פון דער גאַנצער פראַגע.

די אַלע מיניסטעריומס, אַרבעטסביוראָס און ענלאַכע אינסטיטוציעס זענען דאָך מער נישט ווי אַן אַרבעטסצעטיילונג פון איין און דעמזעלבן פאַרוואַלטונגס-געביט, אַ צעגלידערונג פון איין און דערזעלבער סאָציאַלער פונקציע. בעת די קולטוראָרגאַנען זיינען גאַנצע אויסגעטיילטע מאַכט-אינסטיטוציעס מיט דער נאַציאָנאַל-לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונגס-קאָמפּעטענץ, זעלבסטפאַרוואַלטונג נישט אַלס סתירה צו דער מלוכה, נאָר אַלס צוועקמעסיקע געביטן, גרעניצן אין דער אַלגעמיינער מלוכהפירונג.

און מען דאַרף ווירקלאַך זיך פאָרשטעלן די קינפטיקע געזעלשאַפט אַזוי אינדיווידואַליסטיש-אַנאַרכיסטיש, אום צו קאָנען פאַרגלייכן דעם „נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד” פאַר קולטור מיט אַ פּריוואַטער חברה יוריסטן, למשל. מיר מיינען, אַז די נאַציעס אין דער צוקונפט וועלן זיך נישט צעפאַלן אויף איינציקע אַטאָמען, נאָר וועלן זיין אָרגאַניש צווישן זיך צונויפגעבונדן מיט זייער קולטור-געמיינזאַמקייט, מיט זייער אייגנאַרטיגער נאַציאָנאַלער פיזאָנאָמיע און זיי וועלן דערום בילדן אין דער מלוכה „אַבאַזונדער מלוכה” (נעמט נישט פאַר אומגוט דעם אויסדרוק) פאַר אַ צוועקמעסיקער דורכזעצונג און דורכפירונג פון זייערע קולטור-ענינים אין די געמיינזאַמע אינטערעסן פון דער געשלאָסענער פעלקער-משפחה.

* *
*

די נאַציאָנאַלקולטורעלע אויטאָנאָמיע — דאָס איז דער העכסטער פראָלעטאַרישער אידעאַל אין דער פאָליטישער פאַרוואַלטונג, אַזוי ווי די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון פראָדוקציע אויפן עקאָנאָמישן געביט.

און וואָס נעענטער מיר קומען צו אונזער סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַלץ נעענטער און אַקטועלער ווערט פאַר אונז אויך אונזער פאָדערונג פון אַ גלייכער, פרייער פאַרוואַלטונג פון גלייכע

אַרבייטנדיקע נאַציעס אין איין גרויסער פרייער סאָציאַליסטישער מלוכה.

אין דער נאַציאָנאַלקולטורעלער אויטאָנאָמיע, אַלס גרונדזייל פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, זיינען בלויז פאַראינטערעסירט די אַרבעטערמאַסן אין יעדן מאָמענט און וואָס נענטער דער פּראָלעטאַריאַט קומט צו זיין ציל, וואָס אַקטועלער עס שטעלט זיך אַוועק פאַר אים די פראַגע פון מאַכטדעראָבערונג, אַלץ ברענענדיקער און דרינגענדיקער ווערט פאַר אים די אויפגאַבע צו דעראָבערן אויך די קולטור פאַר זיך. און דאָס קאָן אַמבעסטן און מיט דער גרעסטער צוועקמעסיקייט דערגרייכט ווערן אַדורך דער *נאַציאָנאַלקולטורעלער אויטאָנאָמיע*.

פערלאַג „יודיש“, װאַרשאַ.

33) טורמע-װאַנדערונגען .... װ. קאָראָלענקאָ.

(„דאָס איז דאָס שענסטע און דאָס שטאַרקסטע, װאָס דער גרױסער קינסטלער און קעמפער קאָראָלענקאָ האָט געשאַפען אױפ׳ן געביט פון טורמע-פּײן און סיבירער װאַנדערונגען“).

34) סיבירער דערצעהלונגען ... װ. קאָראָלענקאָ.

(„קײנער פון די רוסישע קינסטלער האָט אַזױ טיף און ברײט גישט געשילדערט דאָס לעבען און די שטרענג-שענע לאַנדשאַפטען פון דער װײטער סיביר“).

35,36) דאָס 93-טע יאָהר .... װיקטאָר הוגאָ

(„װיקטאָר הוגאָ געהערט צו די גרעסטע שטערען פון דער װעלט-ליטעראַטור און דאָס „93-טע יאָהר“—צו די שענסטע װערק, װאָס זײנען איבערגעזעצט געװאָרען אין אַלע שפּראַכען“).

37) סטרונעס .... ז. סעגאַלאָװיטש.

(„ז. סעגאַלאָװיטש איז אײנער פון די שענסטע ליריקער אין יודיש, און זײנע לידער, װאָס קומען אַרײן אין דעמדאָזיגען באַנד, זײנען װירקליך קלאַנגען פון צאַרטע סטרונעס, אַמאָל מעלאַנכאָלישע און אַמאָל אָבער שטורמישע, װי דער װינד אױפ׳ן ים“).

38) דאָס טעאַטער-בוך ....

(„אַ זאַמלונג פון די בעסטע אײנאַקטערס, װאָס זײנען געשאַפען געװאָרען אין אַלע אײראָפּעאישע שפּראַכען און געשפּילט געװאָרען אױף די גרעסטע ביהנעס אין אײראָפּאַ און אַמעריקאַ“).

39) רעגינע (פּאָעמע) .... ז. סעגאַלאָװיטש.

(„אױף אַ דורכזיכטיגען לײַװענט איז דאָ אױסגעמאָלט די פּױליש-יודישע פרוי. מיט צאַרטע פאַרבען איז געשילדערט איהר סביבה און צװישען די פאַרמיזם אױך דעם דיכטערס איבערלעבונגען“).

אינגיכען דערשיינען פון דרוק:

אָריגינעלע ווערק:

סעריע: „לענדער און פעלקער", II-טער באַנד.

אפריקע, צוזאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַטעל און מ. בירנבוים

(בעהאַנדעלט אויספיהרליך די געאָגראַפישע לאַגע, קלימאַט, בעפעל־קערונג און מדינות פון אַפריקע. צוגעפּאַסט אויך פאַר קינדער).

סאָציאָלאָגישע עטיודען . . . . . ב. מיכעלעוויטש

דאַס טעאַטער און זיין בעדייטונג . . ד"ר מ. ווייכערט

איבערזעצונגען:

שיר־השירים (גרויסער, ראָמאַן 3 בענד) . . ה. זודערמאַן

טויזענד און איין נאַכט (נייע דריי בענד) . . . . .

געקליבענע ווערק . . . . ל. בערנע

דאַס טעאַטער . . . . ה. באַר

די פרינצעסין פון קלאַייד . . . . א. פראַנס

אַהין און צוריק (באַשרייבונג פון אַ נסיעה) . ל. טראָצקי

עס ווערען צוגעגרייט צום דרוק:

ל. בעטהאָווען (מאָנאָגראַפיע) . . . .

וו. מאָצאַרט (מאָנאָגראַפיע) . . . .

מיקעל אַנזשעלאָ (מאָנאָגראַפיע) . . . .

ע. קאַנט, זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה. . . . .

געאָרג־ווילהעלם העגעל,
זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה

פ. ניצשע, זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה . . . .

בעמערקונג:

יעדער נומער פונ'ם פערלאַג „יודיש" האַלט פון 10 ביז 20 דרוק־בויגען.

געז. „צענטראל״
ווארשע,
נאוואליפקי 7.

T-wo „CENTRAL"
Warszawa
Nowolipki № 7.